מהדורת לאנדא

# לאורו

## נסע ונלך

קלארקייט און ליכטיגקייט
אינעם דרך פון
רביה"ק מסאטמאר זי"ע

מהדורת לאנדא

# לאורו

## נסע ונלך

קלארקייט און ליכטיגקייט
אינעם דרך פון
**רביה"ק מסאטמאר זי"ע**

נערך מתוך שיעורי
**הרה"ג רבי ישראל בער שטיין** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד אמרי נועם קרית יואל

יצא לאור לרגל הילולא קדישא כ"ו אב תשפ"ו

יצא לאור ע"י מכון 'אביטה'
להערות ולהארות או לקבל גליוני אביטה
**שיעורי הרה"ג ר' ישראל בער שטיין שליט"א**

# אביטה

mechonobeatu@gmail.com

**845-600-0242**

צו הערן די שיעורים רופט
**605.477.4442** 3-3/4
אדער
**'קול יושבי אוהל'**
**605.477.4444** 2-2-2-3-3

מכון קולמוס הלב
אידישע שרייב-ארבעט מיט הארץ • 347-461-3303

נערך ונסדר ע"י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# ברכה לראש משביר

יעלה ויבוא ברכותינו, אל מעלת כבוד ידידינו, נודע בתפארת צדקותיו
למען הכלל והפרט ברוח נדיבה, למען הפצת תורתו של רביה"ק
מגביר פעלים בעוז ובגבורה, איש חי ורב פעלים ברוח מסורה

**הרה"ח הנדיב הנכבד, בונה ומקים עולמות של תורה**

## הרב **יואל לאנדא** שליט"א

**הוא הגבר הנודע בנועם פעליו להנציח מורשת ספרי
מרן רביה"ק זי"ע המלאים פני תבל תנובה אשר כולם
ישבעו ויתענגו מהאור כי טוב, ובזכותו ישמעו רחוקים
ויבואו לשמוע את דבר ה' בקול גדול ולא יסף, ורבים
וגם שלמים נכנסו לחסות תחת דגל חינוך הטהור**

## ויקם לכלכל עול הכבד
## של הוצאות הדפוס

ועל שמו יקרא לתפארת ולתהלה, בתוך אמוני עם סגולה

### מהדורת לאנדא

יהי רצון שזכותו הגדול של מרן רביה"ק זי"ע יגן בעדו להתברך
בשפע ברכה והצלחה בכל משלח ידיו, ויהי ה' עמו בפעליו
הנעימים להגדיל תורה ולהאדירה בבריות גופא ונהורא
מעליא, אך טוב וחסד ירדפוהו כל הימים.

# לזכרון עולם

נר זכרון נעלה לעילוי נשמת האי גברא יקירא, אשר זכה להסתופף
בצל אילנא דחיי רבות בשנים, והי' דבוק בכל נימי נפשו למרן רביה"ק
זי"ע ושתה מבארו והגה בספריו הק' אשר הנחיל לנו לברכה

**הרה"ח המרומם כש"ת**

## מו"ה יושע בן ר' דוד ז"ל

**ניישטאדט**

**ויזכר לטוב נכדו היקר הרבני הנדיב רודצו"ח**

מו"ה **חנני' יו"ט ליפא ניישטאדט** הי"ו

**שהשתתף בסכום הגון להוצאות**
**הקונטרס הדין ברוב פאר והדר**

**זכותו הגדול של מרן רביה"ק זי"ע יגן בעדו להתברך בשפע ברכה**
**והצלחה, אך טוב וחסד ישכון באהלו ברב ברכות ושובע שמחות.**

**נר ד' נשמת אדם**

**לעילוי נשמת האי גברא יקירא, נעריץ ונכבד בפי כל, הרה"ח**

## מו"ה שלום יודא ב"ר אברהם ז"ל

קליין

**גבאי נאמן בביהמ"ד קאפיש**

בעבור שבנו יקירו הנדיב הנכבד רודף צדקה וחסד

מו"ה **יצחק קליין** הי"ו

**נדב חלק נכבד מהוצאות קונטרס הנוכחי לעילוי נשמתו**

לקראת יום היארצייט הראשונה ביום ה' אלול

**תנצב"ה**

# תוכן הקונטרס


הקדמה ...... יג

צאי לך בעקבי הצאן:
**דאס וויכטיגקייט צו קענען דעם רבי'נס דרך**

כדי צו 'גיין' אויף דעם דרך – דארף מען 'קענען' דעם דרך ◆ **די שוועריקייט צו מגדיר זיין וואס דער 'דרך' איז** ◆ נישט גענוג צו וויסן בלויז וואס ער האט 'נישט געהאלטן' ◆ **דער 'צד השוה' וואס קומט ארויס פון אלע ידיעות און מימרות** ◆ כלל ופרט וכלל – צוזאמענעמען אלע ידיעות אויפאיינמאל ◆ **לא רחוקה היא – דער צדיק איז קוים נסתלק געווארן** ◆ תורה לא בשמים היא – זיין השארה פון תורה שבכתב ◆ **יותר ממה שקראתי לפניכם כתוב כאן**

**פרק א** ...... יז

כל לבבות דורש ה':
**דער מושג 'דרך' אין אידישקייט, איר אפטייטש און איר היסטאריע**

מיר האבן א 'שולחן ערוך', צו וואס דארף מען א 'דרך'? ◆ **א 'דרך' מיינט: א געוויסן 'דגוש' אויף איין זאך מער ווי די צווייטע זאך** ◆ טאמער קאכט מען נישט אין קיין שום 'פרט' – בלייבט מען א קאלטער איד ◆ **אין געוויסע קרייזן האט מען געלייגט א דגוש אויף 'שבת קודש' אדער א געוויסן 'יום טוב'** ◆ יעדער דרך האט זיך געהאט אן אייגענעם 'דגוש' ◆ **די היסטאריע פון 'חילוקים' אין דער מהלך וויאזוי צו דינען דעם רבוש"ע** ◆ די הויפט חילוקים צווישן די 'דרכים' היינטיגע צייטן ◆ **'דרכים' אין עבודת ה' איז א געוואונטשענע זאך**

**פרק ב** ...... כה

מראש צורים אראנו:
**די 'שרשים' פונעם רבי'נס דרך – פונעם בעש"ט הק', ביזן צאנזער רב**

דעם רבי'נס דרך ציהט זיך בשורש פונעם בעש"ט הק' ◆ **דער בעש"ט הק':** דור ראשון – דער בעל שם טוב מיט זיין חדר פון שרפי מעלה ◆ **די פשוט'ע חיזוק ווערטער פונעם בעל שם טוב איז נישט נשתכח געווארן**

**דער גרויסער מגיד:** דור שני – דער מגיד מיט זיינע תלמידים וועלכע פאָרן ארום און פארשפרייטן חסידות ◆ **די תלמידי המגיד:** דור שלישי – חסידות ווערט אויפגעכאפט ביים המון עם ◆ **דער מהלך פונעם בעל התניא 'פנימיות' - נעמט איבער צענדליגער טויזנטער אידן** ◆ דער מהלך פון רבי אהרן הגדול 'חיצוניות' – נעמט אויך איבער צענדליגער טויזנטער אידן ◆ **די סתירה צווישן די צוויי מהלכים** ◆ אויף וועלכן 'דרך' איז דער רבי געגאנגען?

**דער רבי ר' אלימלך זי"ע:** דער רבי ר' אלימלך האט אוועקגעשטעלט חסידות אין גאליציע ◆ **ווילאנג דער 'דרך' איז בלויז א 'טפל' – איז זייער גוט צו האבן א געוויסן 'דרך'** ◆ טאמער ווערט דער 'דרך' אן 'עיקר' – איז דאס אן אפנויג פון אריגינאלע אידישקייט ◆ **דער ר"ר אלימלך האט געלייגט א דגוש אויף התלהבות צו אידישקייט בכלליות** ◆ יעדערער פון די תלמידי ר"ר אלימלך האט געהאט א באזונדערער דרך אין עבודת ה' ◆ **דעם רבי'ן ר' אלימלך'ס חסידות: געטרייע סאלדאטן וועלכע פאלגן אויס רצון ה' מיט א ווארעמקייט** ◆ דער רבי ר' אלימלך איז זיך מתמרמר אויף די וועלכע מאכן אן עסק פון מנהגים

**דער רבי פון לובלין:** דער רבי פון לובלין – א המשך פון ר"ר אלימלך – נישטא קיין דגוש אויף א ספעציפישע מהלך אין עבודת ה'

**דער ראפשיצער רב:** דער ראפשיצער רב איז ממשיך דעם דרך פון ר"ר אלימלך בריש גלי ◆ **זרע קודש: נישט זוכן קיין 'דרכים' נאר זיין א מסירות נפש'דיגער איד** ◆ ער האט געוואלט פארמאכן דעם גאנצן געשעפט און צוריקגיין צו די 'מגידים' ◆ **ער איז נישט געווען קיין 'פרומער'...** ◆ א 'רבי' מוז זיין א ת"ח און א שטאט'ס רב ◆ **וועלכע מדה האט געברענגט דעם ראפשיצער רב'ס שארפקייט?** ◆ אלעס האט זיך גענומען פון אהבת ציון וירושלים ◆ **זיין אהבה צו די שכינה האט געברענגט ווייטאג אויף די 'מחבלי כרמים'** ◆ ער האט געציטערט אז חסידות זאל נישט פארדרייען די אריגינאלע אידישקייט

**דער צאנזער רב:** דער צאנזער רב איז ממשיך דעם ר"ר אלימלך'ס דרך אויף אן אופן פון פירן מלחמות למען כבוד שמו ◆ **דער חילוק צווישן ראפשיץ און צאנז** ◆ די באקאנטע מלחמה פון צאנזער רב איז געווען צוליב וואס מען האט צופיל פארהייליגט דעם רבי'ן ◆ **דער ענין פון 'צדיק' איז בלויז א 'פרט' און טאר נישט ווערן דער 'כלל' פון אידישקייט** ◆ ערשטער חשש – ארייגלייגן דעם געטריישאפט אין איין פרט – וועט אוועקנעמען די געטריישאפט פון אלע איבריגע פרטים ◆ **צווייטער חשש: ארייגלייגן דעם ברען אין איין פרט – וועט פארדרייען דעם פרט און עס ארויסנעמען פונעם ריכטיגן מכוון** ◆ דער צאנזער רב האט געפירט

א מלחמה קעגן 'פרטים' ◆ **רוח הקודש הופיע בבית מדרשם** ◆ די חילוקי דרכים אין די ערשטע דורות פון חסידות ◆ **דער פראבלעם מיט 'דרכים' און דעם רבי'ן ר' אלימלך'ס מהלך דערצו** ◆ לובלין און ראפשיץ – נישטא מער קיין פרטיות'דיגע 'דרכים' ◆ **צאנז – מען פירט א מלחמה קעגן מאכן אן עסק פון א 'פרט'**

**פרק ג** .................................................. **נא**

## מקחו של צדיק:
## דער 'שילוב' וואס דער רבי האט פארקערפערט אין זיין דרך

דער רבי איז דער ממשיך דרכם פון די צדיקים הקודמים ◆ **דער דרך פון 'ליזענסק' – ביים רבי'ן:** דער ר"ר אלימלך האט אוועקגעשטעלט דעם דרך פון 'נישט לייגן דגוש' אויף 'פרטים' ◆ **דער רבי ז"ל האט געזען אינעם ר"ר אלימלך דער כח וועלכער האלט גאנץ אידישקייט**

**דער דרך פון 'לובלין' – ביים רבי'ן:** ירושת אבות – דער ישמח משה האט ווייטער איבערגעגעבן דעם אור פון לובלין ◆ **דער רבי פון לובלין האט געדינט דעם אויבערשטן מיט דער מדה פון 'שמחה'** ◆ ארום דעם רבי'ן איז אלעמאל געווען פרייליך און לוסטיג ◆ **דער רבי פון לובלין האט משפיע געווען עשירות און פרנסה בהרחבה**

**דער דרך פון 'ראפשיץ' – ביים רבי'ן:** דעם רבי'נס צוגאנג צו 'קנאות' – דער ראפשיצער צוגאנג ◆ **זיין 'קנאות' איז געקומען פון א מורא'דיגע אהבה** ◆ ראפשיץ איז אהבה צום שורש הקדושה און א שמירה פון זרים ◆ **די תפלות נוסח ראפשיץ - כבן המתחטא לפני אביו** ◆ די ראפשיצער חכמה און ווערטלעך ◆ **דער ראפשיצער אופן - באהאלטן די מדרגות אין 'פשטות'** ◆ ביי אונז האט מען גארנישט געטוישט פונדרויסן – נאר פון אינעווייניג

**דער דרך פון 'צאנז' – ביים רבי'ן:** דער אופן המלחמה קעגן ציונות – צאנז בתפארתה ◆ **דער רבי האט געפירט די מלחמה מיט א גראדקייט: עס איז נגד התורה** ◆ דער וועג וויאזוי צו מעסטן 'גדולים' – בלויז דורך פשטות התורה והאמונה ◆ **דאס אוועקשטיין פון דער מאדע און חוקות הגוי – איז א צאנזער ירושה** ◆ אלס פריוואטער עובד ה' איז ער געווען א צאנזער געשטעל ◆ **ברענען און קאכן צו יעדע מצוה און דבר שבקדושה** ◆ דא גיבט מען אריין א הרגש אין א מצוה ◆ **דער סך הכל פון אונזער צאנזער ירושה**

פרק ד ........ עג

מורשה קהלת יעקב:
**די הנהגה פון 'חיי קהלה' – א המשכה פונעם חתם סופר**

דער דרך פון פירן א קהלה און א ישיבה – האט ער גענומען פונעם חת"ס ותלמידיו ◆ **געגאנגען בדרכי החת"ס מיטצוהאלטן אלעס וואס טוט זיך אין די קהלה** ◆ קבלה מאבותיו – דער שילוב קומט פונעם ייטב לב ◆ **מוותר געווען אויף זיינע השגות ברוחניות – כדי מרביץ תורה צו זיין** ◆ א לייכטע רבי און א שטרענגע רב ◆ **ושמעו הולך בכל המדינות** ◆ נישט געוואלט שרייבן קיין 'בירור הלכה' – ווי דער חת"ס האט אויסגעלערנט

פרק ה ........ פג

שנות דור ודור:
**דעם רבי'נס חידוש – איבערפלאנצן**
**דעם אלטן דרך אינעם היינטיגן לעבנס שטייגער**

פארן קריג און נאכן קריג – צוויי וועלטן ◆ **עטליכע נקודות למחשבה – וויפיל זאכן אין 'צורת חיי היהדות' האבן זיך געטוישט נאכן קריג** ◆ געניצט זיין חכמה צוריקצושטעלן פונקט ווי פריער ◆ **דער רבי שטעלט אויף א קליין בית המדרש'ל אין וויליאמסבורג:** רוח הבית המדרש: ערליכקייט / כל דורש אמת יכנס לבית המדרש / דער חסד וועלכע איז געפלאסן אין דעם בית המדרש'ל / א קנאי'שער ווינט קעגן די וועלכע פארדרייען אידישקייט / מען איז מקפיד נישט מקפיד צו זיין / א ווארעמקייט צו אידישקייט ◆ **ראשיתך מצער ואחריתך ישגא מאוד** ◆ די חכמה נפלאה און כח הקדושה איבערצופלאנצן דאס אלטע אופן נייעם באדן ◆ **דער פארדריסליכער טעות: דער רבי איז געווען נעגאטיוו** ◆ דער רבי האט געמוזט אוועקמאכן יעדן זייטיגן 'דגוש' ◆ **אין אנדערע פלעצער איז מען אסאך מער שולל** ◆ דער רבי האט דירעקט גארנישט שולל געווען – ווילאנג מען מאכט עס נישט פאר אן 'עיקר'

פרק ו ........ צה

יאחז צדיק דרכו:
**די יסודות'דיגע חילוקים וואס שטעלן זיך ארויסביים רבי'נס קהלה**

מיט א בליק אויף צוריק ◆ **סאטמאר פארמאגט נישט קיין שום טראַגע** ◆ אלערליי הוטן און רעקלעך... ◆ **דער שמעלץ טאפ פון די גרעסטע כאניאקישע אינגעלייט צוזאמען מיט די גרעסטע באלעבאטישע אידן און נגידים** ◆ ער האט דייקא נישט געוואלט משבח זיין קיין זייטיגע ענינים ◆ **אין סאטמאר איז נישטא קיין**

**'ספר המנהגים' און 'נוסח התפלה'** ◆ דער רבי אליינס האט אויך כסדר געטוישט מנהגים ◆ **א ראפשיצער קבלה: גארנישט מקפיד צו זיין** ◆ חסידים שוטים מאכן פון א רבי'נס 'מנהגים' א גרעסערן עסק ווי פון תרי"ג מצוות ◆ **פאר וועמען זענען געאייגנט 'מנהגים'?** ◆ מען קען זיין דבוק אין א רבי'ן – אָן גארנישט נאכמאכן זיינע מנהגים ◆ **אין סיגוט האט מען נישט נאכגעמאכט א טאטן** ◆ אויב מנהגים בלייבן בלויז א 'טפל' – איז עס נישט קיין חסרון ◆ **אין סאטמאר איז נישטא א געוויסער חסיד'יש ספר פון אונזער דינאסטיע** ◆ גערעדט בלויז פון דער 'כלליות' פון חסיד'ישע ספרים – אָן דערמאנען איינעם ביים נאמען ◆ **נישט געלאזט מאכן קיין 'מצב' פון איין געוויסע ספר** ◆ מען דינט נישט דעם 'ספר' – דער 'ספר' העלפט צו דינען דעם אויבערשטן ◆ **נישט מורא געהאט צו טוישן זאכן אין הנהגה - פון פארן קריג** ◆ זיך נישט גע'עקשנ'ט נישט צו עפענען א 'כולל' ◆ **איינגעזען אז מען דארף עפענען א מיידל שולע** ◆ געטוישט דעם אופן פון 'אמירת התורה' – לויטן צורך הדור נאכן קריג ◆ **נישט געזוכט אנצוהאלטן דעם חיצוניות'דיגן פארעם פון דער אלטער היים** ◆ דער טעות: ער פאררופט זיך אלס 'איד' – מיט דעם וואס ער איז מקפיד אויף א גדר וואס דער רבי האט מתקן געווען ◆ **דער חילוק צווישן א יחיד און א רבים בנוגע מנהגים**

פרק ז ........ קיג

צדיק כתמר יפרח:
**היינט צוטאג זעט מען בחוש די הצלחה פונעם רבי'נס דרך**

עוד לא שקעה האש ◆ **היינט זעט מען דעם רבי'נס ווייטע בליק** ◆ יעדער האט זיך געקליבן איין מצוה פון דער תורה און עפעס אנדערש רעדט נישט צו אים ◆ **מיר האבן תרי"ג מצוות און מיר מאכן נישט קיין חילוקים** ◆ ווי איז נאך געווען אזא 'אוהב ישראל' ווי דער רבי? ◆ **דער חידוש: ער האט נישט געמאכט קיין חילוקים צווישן אידן** ◆ די חסדים פונעם רבי'ן בפועל ממש – שלא כדרך הטבע ◆ **א סאטמארער אינגערמאן גייט נאך געלט פאר א ספרד'ישער איד – מיט וועמען ער האט זיך אין זיין לעבן נישט פארשטאנען** ◆ די גרויסע בלבולי הדעת און עקמימות וואס זענען געווארן אין געוויסע פלעצער ◆ **א ריינע פלאץ – אָן קיין משוגעת'ן אין אידישקייט** ◆ פון אט דעם גרויסן נשמה האט דער צאנזער רב גערעדט ◆ **אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלינו ומה יפה ירושתינו** ◆ פארוואס רעדט מען פון דעם רבי'נס דרך – דאס איז דאך נישט געווען איינגעפירט ביי אונז? ◆ **דריי טעמים פארוואס מען האט נישט געוואלט רעדן איבערן 'דרך':** רעדן איבער איידעלע מושגים קען פארפאטשקען די נאטורליכקייט און ריינקייט / מען האט נישט געזוכט צו רעדן ברבים איבער 'חילוקי דרכים' צווישן צדיקים / מען האט געציטערט פון די הרגשה וואס די שומעים קענען שפירן 'מיר האבן דעם אמת' ◆ **פארוואס טאקע רעדט מען פארט דערפון?** ◆

אויב ווייסט מען נישט קלאר אונזער דרך – איז מען אפן פאר אלערליי דרכים מפוקפקים ◆ **דורכן לערנען דעם רבי'נס 'תורות' ווערט מען אפגעהיטן פון די אלע דערמאנטע חששות**

פרק ח ........................................................................ קכז

תורת אמת היתה בפיהו:
**דעם רבי'נס טיפע און יסודות'דיגע הדרכה – ארייגעפלאכטן אין זיינע הייליגע 'תורות'**

אנא נפשי כתבית יהבית ◆ **געוויסע צדיקים פלעגן נישט מדריך זיין דעם ציבור מיט 'דברי תורה' צו זייער מדרגה** ◆ דער רבי ז"ל האט געזאגט תורה ווי א 'רבי' צו 'תלמידים' ◆ **דער 'קביעות' אינעם רבי'נס תורות – דער מענטש ווערט אויפגעבויעט מיט א יסודות'דיגע אידישקייט** ◆ דעם רבי'נס דרך אין זאגן תורה – על דרך הבעש"ט ותלמידיו הק' ◆ **הקדמה: מיט וואס איז דער חסיד'ישער צוגאנג צו אידישקייט – אנדערש ווי די מתנגד'ישע צוגאנג?** ◆ דער בעש"ט איז געקומען מדגיש זיין דעם ציל פון 'כל התורה כולה' – 'דביקות' אינעם 'נותן התורה' ◆ **דער 'אור' פון א מצוה – איז מקרב דעם איד צום אויבערשטן** ◆ צו לערנען תורה ווייל 'מען דארף לערנען' – איז נישט קיין חסיד'ישער צוגאנג ◆ **דער בעש"ט האט מדגיש געווען די ריינקייט פון 'גאות' און 'פניות' – עס שטערט צום דביקות** ◆ דער בעש"ט האט מדגיש געווען 'ברען' – עס העלפט צום דביקות ◆ **ענדערש ברענען אין איין מצוה – ווי בלייבן קאלט און טרוקן און אריינכאפן נאך און נאך מצוות** ◆ דער בעש"ט האט נישט געהאלטן פון מרבה זיין בחומרות – עס שאדט צום דביקות ◆ **דער בעש"ט האט נישט געהאלטן פון אינזין האבן 'כוונות' ביים דאווענען – עס שאדט צום דביקות** ◆ דער בעש"ט האט געהאלטן פון זאגן 'לשם יחוד' – עס העלפט צום דביקות ◆ **דער בעש"ט האט נישט געהאלטן פון מאכן אן עסק פון מנהגים – עס נעמט אוועק פון דביקות** ◆ דער בעש"ט האט מדגיש געווען 'הכנה למצוה' – עס העלפט צום דביקות ◆ **חסיד'ישע ספרים זענען מדגיש די 'תשוקה' צו א מצוה – עס ברענגט צו דביקות** ◆ שמאל דוחה וימין מקרבת ◆ **רעדן איבער 'בחינות' און 'שרשים' גיבט אכטונג אויפן ריינקייט פון די הדרכה** ◆ דרך המוסר: 'מען מוז טון' אדער 'מען טאר נישט טון' ◆ **דרך המוסר: ארויסהאבן יעדע פרט פון יעדע מדה און ארבעטן מיט א 'סדר'** ◆ חסיד'ישע ספרים רעדן בלויז פונעם 'שורש הדבר' ◆ **ווען דער רבי האט געהייסן – קען עס ווערן אפגעהאקט פונעם ציל פון 'קרבת אלקים'** ◆ ווען דער רבי האט געהייסן – איז עס שוין נישט אזויפיל די אייגענע בחירה ◆ **ווען דער רבי הייסט – ווערן געוויסע מענטשן איבערגעשטרענגט און איבערגעריסן** ◆ ביים רבי'ן שטארט ארויס גאר שטארק דאס זיך דערגרינטעווען צו די יסודות היהדות ◆ **דער רבי האט אויפגעבויעט דעם 'עצם איד' – די תוצאות זענען ארויסגעקומען פון זיך זעלבסט** ◆ דער רבי רעדט פון 'יסודות' און בויעט אלעס אויף די אלטע יסודות פון תורה שבכתב ושבע"פ ◆

**דורכן לערנען דעם רבי'נס תורות ווערט מען מקושר מיט אלע דורות און תקופות אין כלל ישראל** ◆ די ברייטקייט און קלארקייט פונעם רבי'נס תורות ◆ **דער מהלך אין פארשידענע קרייזן צו זאגן הויכע תורה און געטליכע השגות** ◆ ביי אונז האט מען נישט געהאלטן פון רעדן העכער די מדרגה פון די שומעים ◆ **מען האט זיך געהיטן אז עס זאל בלייבן אמת'דיג און שפלות'דיג**

פרק ט' ........ קנג

## מאד מאד הוי שפל רוח:
## די געוואלדיגע 'עשירות' און 'יסודות' אין חסידות וואס דער רבי האט איינגעפלאנצט אין זיינע תלמידים

דער 'דגוש' אויף 'מדת הענוה' – מער ווי אלע אנדערע מדות טובות ◆ **ירושה מאבותי – די מסורת פון אלע תלמידי בעש"ט** ◆ ביטול – נישטא קיין שום מציאות אויסער דעם רבוש"ע ◆ **ענוה – מען איז נאך זייער ווייט פון די ריכטיגע עבודת ה'** ◆ אזוי האבן פאקטיש חסיד'ישע אידן געלעבט ◆ **חסיד'ישע אידן זענען קיינמאל נישט געווען פארנומען צו 'זיין' עפעס** ◆ דער רבי האט ארויסגעגעבן דעם 'שפלות' דורך אלערליי אופנים ◆ **גע'חזר'ט מיטן עולם אז מען קען גארנישט – אָן סייעתא דשמיא אויף יעדן ריר** ◆ אריינגעלייגט אלע פוילישע תורות אין פשוט'ע תחנונים אויף רחמי שמים ◆ **זיך אנגעלאנט בלויז אויף 'זכות אבותינו ורבותינו הקדושים'** ◆ יעדן 'חטא' פון די פריערדיגע – אין אונזער קאפ איז דאס נישט קיין חטא ◆ **די בענקשאפט צו זיין א איד און זוכה זיין צו קרבת ה'** ◆ זיך נישט געלאזט נארן אז מען האלט ביי העכערס ◆ **נישט געוואלט בויען די ישיבה אויף 'קנאה ותחרות' – צו הייבן די גוטע בעלי כשרון** ◆ געגעבן א שטארקן חשיבות און עהרע פארן פשוט'ן בעל הבית וועלכער פירט זיך ערליך ◆ **די 'הכנעה' וואס דער רבי האט אריינגעפרעגלט – האט א השפעה עד היום הזה** ◆ דער עלטערער דור איז 'בטל ומבוטל' און עס פעלט זיי נישט אין צו שפירן גרעסער פון אנדערע ◆ **דער 'צמאון' צו הערן יעדן משפיע קומט פון א 'מעלה' – נישט פון א 'חסרון'** ◆ דער רבי האט אונז מוריש געווען 'עשירות' – וואס אמאל האט מען געהארעוועט א גאנץ לעבן צו צוקומען דערצו ◆ **דער סגנון פונעם רבי'ן בנוגע שפלות – איז ממש דער שפראך פון אלע תלמידי ר"ר אלימלך זי"ע**

פרק י' ........ קעג

## ויספו ענוים בה' שמחה:
## דער יסוד החסידות פון 'שמחה' – וואס דער רבי האט אונז מחנך געווען דערצו

'שמחה' איז פון די יסודות החסידות לכולי עלמא ◆ **די חילוקים איז געווען בלויז וויאזוי ארויסצוגעבן די שמחה אויף למעשה** ◆ תלמידי ר"ר אלימלך האבן

ארויסגעגעבן די שמחה בפועל ממש ◆ **דער רבי האט ארויסגעשטראלט מיט זיין 'צהלת פנים'** ◆ מען האט געזען א התגלות פון 'שמחה של מצוה' ◆ **אויב קומט זיך אים גארנישט – קען ער זיין פריילך מיט יעדע קלייניקייט** ◆ דער שילוב וואס דער רבי האט צוזאמגעפלאכטן 'לב נשבר' מיט 'שמחה' ◆ **דער שילוב וואס דער רבי האט צוזאמגעפלאכטן 'שפלות' מיט 'בטחון'** ◆ דייקא פונעם געוואלדיגן 'אין לנו על מי להשען' קומט ער צו צום 'אלא על אבינו שבשמים' ◆ **די שמחה ביים רבי'נס מענטשן – אָן קיין משהו 'קלות ראש'** ◆ די צוויי יסודות החסידות מסינ"פ פאר תורה און פאר א צווייטן איד – געבינדן מיט די אויבנדערמאנטע יסודות

# הקדמה

## צאי לך בעקבי הצאן:
## דאס וויכטיגקייט צו קענען דעם רבי'נס דרך

עס זענען זיך דא צוזאמגעקומען א ציבור אידן וועלכע גייען אויפן דרך וואס דער רבי זי"ע האט אונז געלערנט, און זיי ווילן ווייטער אנהאלטן דעם דרך, און נישט משנה זיין.

כדי מיר זאלן קענען אנהאלטן דעם רבי'נס דרך - דארפן מיר וויסן מיט א קלארקייט: **וואס פונקטליך איז דעם רבינ'ס דרך?! וואס זענען די יסודות פון דעם דרך?! פון וואו איז דער דרך געשאפן געווארן?! און וואו אינעם טאג טעגליכן לעבן איז דעם רבינ'ס דרך נוגע פאר אונז?!**

**וואס פונקטליך איז דעם רבינ'ס דרך?! וואס זענען די יסודות פון דעם דרך?! פון וואו איז דער דרך געשאפן געווארן?!**

### כדי צו 'גיין' אויף דעם דרך - דארף מען 'קענען' דעם דרך

עס איז באקאנט די מעשה, אז א איד האט אמאל גערעדט צום רבי'ן איבער דעם וואס ער שרייבט אינעם ספר הקדוש ויואל משה: "נשתכח דרך הבעל שם טוב". האט דער איד געזאגט פארן רבי'ן, אז אסאך מענטשן וואונדערן זיך דערויף און פארשטייען נישט פארוואס דער רבי האט אזוי געשריבן. האט אים דער רבי געזאגט: "אדרבה, דו זאג מיר קודם וואס איז דאס דער דרך הבעש"ט, און דערנאך וועל איך דיר זאגן וואס עס איז נשתכח געווארן"[א].

---

**א.** ענליך דערצו האט דער בריסקער רב דערציילט, אז אלס אינגערמאן ווען ער האט געוואוינט איןווארשא, האט ער געדאווענט אין א חסיד'ישן שטיבל, און די חסיד'ישע אידן דארט פלעגן אים כסדר פרעגן: "וואס איז געווען די סיבה אויף דער 'התנגדות' קעגן 'חסידות' ביי אייערע קרייזן?". דער בריסקער רב האט זיך שטענדיג ארויסגעדרייט

## די שווערקייט צו מגדיר זיין וואס דער 'דרך' איז

**לעניננו:** ווען עס קומט צום ענין פונעם רבי'נס דרך - איז אסאך מאל אויך פארהאן אזא סארט פארנעפלטקייט, וואס דער מענטש קען נישט זאגן קלאר, וואס איז דאס דעם רבי'נס מהלך. כאטש וואס יעדער פון אונז ווייסט דאך אזויפיל ידיעות איבער דעם רבי'נס דרך, יעדער האט אין קאפ א הויפן פון מימרות און סיפורים, אויסדרוקן און הוראות פונעם רבי'ן - דאך איז ער נישט בכח צו מגדיר זיין די פונקטליכע הגדרה וואס דער דרך איז.

## נישט גענוג צו וויסן בלויז וואס ער האט 'נישט געהאלטן'

עס איז פארהאן צוויי סיבות דערצו - פארוואס מענטשן זענען נישט קלאר אינעם רבי'נס דרך. **די ערשטע סיבה:** זיי ווייסן בלויז דעם חלק פון 'סור מרע'! זיי ווייסן פון אזויפיל זאכן וואס דער רבי האט נישט געהאלטן דערפון. אבער א 'דרך' בויעט זיך נישט בלויז פון 'נישט האלטן', נאר עס ליגט אונטער דעם א גרויסן יסוד פון 'עשה טוב', פון 'יא האלטן'! דער רבי האט געהאט א שטארקן אויסגעבויעטן דרך אין אידישקייט - וויאזוי א איד דארף זיך אויפפירן, וואוהין ער דארף שטרעבן, און אין וואס ער דארף זיך קאכן - און די אלע ענינים פון 'סור מרע' וואס ער האט 'נישט געהאלטן' - איז בלויז צוליב דעם וואס דאס שטערט און איז סותר צו אט די חלקים פון 'עשה טוב'! און וויבאלד דער חלק פון 'עשה טוב' ווערט נישט גענוג אויסגעשמועסט ביי אונז, דערפאר איז מען נישט געהעריג אויסגעבויעט אין אט דעם חלק - וועלכע איז בעצם דער עיקר 'דרך'.

## דער 'צד השוה' וואס קומט ארויס פון אלע ידיעות און מימרות

**די צווייטע סיבה:** אלע זייערע ידיעות - וואס זיי ווייסן איבער דעם רבי'נס דרך

---

פון ענטפערן. איינמאל זענען זיי אים זייער צוגעשטאנען אז ער זאל זיי ענטפערן און דערציילן וואס ער ווייסט ארום דער נושא. בלית ברירה האט ער זיי געענטפערט: "איך בין מסכים צו דערציילן, אבער בלויז מיט איין תנאי, אז ערשט זאלט איר מיר זאגן וואס 'חסידות' איז, און דערנאך וועל איך אייך ענטפערן וואס עס איז געווען די 'התנגדות' דערצו...". אלע פון זיי זענען געבליבן שטיל און נישט געהאט וואס צו ענטפערן אויף אזא שאלה.

- זענען פרטיות'דיגע ידיעות! ער ווייסט א ידיעה'לע דא און א ידיעה'לע דארט! אבער ווילאנג מען נעמט נישט צוזאם אלע ידיעות אויפאיינמאל, און מען מאכט דעם 'צד השוה שביניהם' - כאפט מען נישט דעם 'עומק' וואס עס ליגט אין די אלע פרטים! מען מוז נעמען די אלע 'פרטים' און צוזאמשטעלן צו איין גרויסן 'כלל' - וואס דאס ווארפט א ליכט אויף די אלע פרטים! אלעס באקומט א נייע משמעות און א געוואלדיגן טעם לשבח!

## כלל ופרט וכלל – צוזאמענעמען אלע ידיעות אויפאיינמאל

דורכדעם וואס מען וועט צוזאמנעמען פארשידענע פרטיות'דיגע ידיעות אויפאיינמאל, און ארויסנעמען דערפון א כלליות'דיגע ידיעה, און מען וועט גוט אפלערנען דעם חלק פון 'עשה טוב' - וואס דער רבי האט אונז געלערנט, ביז מיר וועלן ווערן אויסגעקאכט אין דער גאנצער סוגיא מיט א שטארקע קלארקייט - וועלן מיר קענען אנקומען צו א בהירות ביז אויף למעשה: וויאזוי האט אונז דער רבי מחנך געווען צו דינען דעם אויבערשטן?! וואס איז דעם רבי'נס דרך אין כלליות'דיגע אידישקייט?! וויאזוי דארף איך זיך אויפפירן אין יעדן פרטיות'דיגן מצב - לויט וויאזוי דער רבי האט אונז געלערנט?! דאס אלעס וועט ווערן זייער פשוט און גראָד, שאם ישאלך אדם אל תגמגם בו.

> **וויאזוי האט אונז דער רבי מחנך געווען צו דינען דעם אויבערשטן?! וואס איז דעם רבי'נס דרך אין כלליות'דיגע אידישקייט?!**

## לא רחוקה היא – דער צדיק איז קוים נסתלק געווארן

אינ'אמת'ן איז נישט אזוי שווער צו וויסן וואס עס איז דער ריכטיגער דרך פונעם רבי'ן זכרונו לברכה. מען רעדט דא פון א צדיק וועלכער האט געלעבט צווישן אונז ביזן יאר תשל"ט, ער האט כסדר געזאגט תורה און ארויסגעברענגט זיין מהלך און שיטה מיט אלערליי אופנים. און אפילו דער יונגער דור וועלכער האט אים נישט זוכה געווען צו זען - זענען זיי אבער אויפגעוואקסן אין דעם חדר און געאטעמט די לופט און אטמאספער, וועלכע איז געווען אונטער די השראה וואס דער רבי האט איבערגעלאזט. מיר אלע זענען נתחנך געווארן דורך אידן וועלכע האבן זיך געווייקט ביים רבי'ן.

## תורה לא בשמים היא – זיין השארה פון תורה שבכתב

ועל כולם, דארפן מיר דאנקען דעם אויבערשטן אז דער רבי זכרונו לברכה האט אונז איבערגעלאזט די הייליגע ספרים - ויואל משה, על הגאולה, דברי יואל ועוד - וואו עס שטייט אפגעשריבן כמעט אלע הייליגע תורות וואס ער האט געזאגט. וואס די דאזיגע ספרים זענען ממש א 'תורה שלימה', וואו ער לערנט מיט אונז אלע יסודות פון אידישקייט! וואס דאס דארף אונז באגלייטן ביז משיח'ס טאג. און צוזאמען מיטן 'שימוש חכמים' - וואס מיר האבן אלע געהערט פונעם עלטערן דור, פון די תלמידים פונעם רבי'ן זכרונו לברכה, וועלכע האבן צוגעזען און מיטגעהאלטן ביים רבי'ן דורכאויס די אלע יארן - איז דער בילד געווארן זייער קלאר אוועקגעשטעלט! **דער רבי האט נישט איבערגעלאזט קיין שום ספיקות אין זיין דרך! ער האט גאר אסאך שולל געווען און אויסגעשלאסן וואס זיין דרך איז 'נישט', און ער האט גאר אסאך מברר געווען און אויסגעדרוקט וואס זיין דרך איז 'יא'.** מען וועט דאס בלויז צוזאמנעמען אויפאיינמאל, און דעמאלט וועט מען זען אז דאס איז דער דרך וואס מען האט אונז אלע יארן געלערנט.

> **דער רבי האט נישט איבערגעלאזט קיין שום ספיקות אין זיין דרך!**

## יותר ממה שקראתי לפניכם כתוב כאן

זעלבסט פארשטענדליך, אז עס איז נישט מעגליך ארומצונעמען בשלימות דעם גאנצן נושא - אין בלויז איין שמועס, ווייל באמת איז דאס גאר א ברייטע און טיפע סוגיא, מיט אזויפיל מקורות און מימרות פון צדיקים ארום דער נושא. דעריבער וועט מען דורכגיין בלויז דעם כלליות'דיגן געשטעל און יסוד פון דעם דרך. אויך וועט מען זיך אביסל באקענען מיט די 'שרשים' פונעם דרך - פון וועלכע צדיקים דער רבי האט מקבל געווען דעם דרך, און צוליב וועלכע טעמים האבן זיי געהאלטן וואס זיי האבן געהאלטן - וואס דאס אלעס גיבט צו מער שטארקייט און כוחות, אנצוהאלטן און ממשיך זיין צו גיין אויף דעם אויסגעטראטענעם וועג - וועלכע איז 'יסודתו בהררי קודש'.

# פרק א

## כל לבבות דורש ה':
# דער מושג 'דרך' אין אידישקייט, איר אפטייטש און איר היסטאריע

### מיר האבן א 'שולחן ערוך', צו וואס דארף מען א 'דרך'?

איידער מען הייבט אָן צו רעדן איבער דעם רבי'נס 'דרך'(ב) - דארף מען קודם אויסשמועסן: וואס איז דאס בכלל א 'דרך' אין עבודת ה'?! ווייל א מענטש קען זיך אפשטעלן און פרעגן אויפן גאנצן באגריף: לכאורה, עס איז דאך דא א תורה - וועלכע באשטייט פון תרי"ג מצוות, וואס דאס ענדיגט זיך אויף למעשה מיט 'הלכות פסוקות' אין שולחן ערוך - וואס **יעדער איד איז מחויב דאס מקיים צו זיין! יעדע הלכה אין שו"ע - אנגעהויבן פון דאורייתא'ס און געענדיגט ביי 'מנהגים' - איז מחייב יעדן איד**, אפגעזען פון וואו ער שטאמט און וואו ער איז אויפגעוואקסן! נו אויב אזוי, וואו בלייבט נאך איבער פלאץ אויף פארשידנארטיגע 'דרכים'?! מען טאר דאך גארנישט צולייגן אדער אראפנעמען פון די תורה?! נו, וואו האט געכאפט דער חילוק צווישן דעם 'דרך' און יענער 'דרך'?!

---

ב. **אליבא דאמת:** דער גאנצער סארט שמועס וואס מען רעדט דא איבער דעם רבי'נס 'דרך' - איז נישט קיין 'לכתחלה' און מען האט דאס נישט געזען ביי אונזערע רבי'ס. און עס איז פארהאן עטליכע סיבות דערפאר (ווי עס ווערט אויסגעשמועסט סוף פרק ז) פארוואס טאקע מען האט נישט גערעדט איבער דעם אזוי בפרטיות. אבער וויבאלד עס הערשט היינט א געוואלדיגע 'חסרון ידיעה' אינעם גאנצן ענין, און עס איז דא א שטארקע צומישעניש און 'בלבול הדעת', דערפאר איז א צורך השעה עס אויסצושמועסן אביסל מיט א קלארקייט און מסודר'דיגן אופן. (מער איבער דעם, זעה אין סוף פון פרק ז).

## א 'דרך' מיינט: א געוויסן 'דגוש' אויף איין זאך מער ווי די צווייטע זאך

**דער תירוץ - אין איין ווארט:** אודאי איז יעדער איד מחויב צו היטן כל התורה כולה, און קיינער האט חלילה נישט צוגעלייגט אדער אראפגענומען פון דער תורה הקדושה. אבער יעדער צדיק - און שפעטער יעדע דינאסטיע לדורותיהם - האט גענומען איין געוויסע נקודה פון דער תורה הקדושה, און געלייגט דערויף גאר א שטארקן 'דגוש'! מען האט אונטערגעשטראכן און געקאכט אין איין געוויסן 'פרט' פון אידישקייט - מער ווי אין אנדערע פרטים! אין דער בחינה וואס מען טרעפט אין דער גמרא (שבת קיח:): "אביך במאי זהיר טפי". און אט דאס האט געהייסן א 'דרך'.

## טאמער קאכט מען נישט אין קיין שום 'פרט' – בלייבט מען א קאלטער איד

**דער געדאנק - וואס ליגט אונטער דעם:** יעדער מענטש איז א 'מוגבל' - וועלכער איז באגרעניצט מיט זיינע כוחות און כשרונות. און דערפאר איז נישט מעגליך אז ער זאל אריינלייגן דעם גאנצן ברען און אלע זיינע כוחות - אין יעדע מצוה פון די תרי"ג מצוות צוגלייך! און דערפאר, טאמער וועט מען נישט ארויסהייבן איין געוויסן ענין פון אידישקייט - מער ווי די אנדערע ענינים - וועט צום סוף אויסקומען, אז עס וועט פעלן דער 'קאך' און 'ברען' אין גאנץ אידישקייט! ווייל טאמער וועט מען זיך אין ערגעץ נישט קאנצענטרירן אריינצולייגן מער כח און מח, מער 'הידור' און געפיל - וועט גאנץ אידישקייט בלייבן פארווע... דעריבער האט מען אין יעדן מקום אנגעכאפט **א געוויסע פרטיות'דיגע זאך, וואס מען האט געמאכט דערפון אן 'עיקר'!** מען האט אסאך גערעדט פון דעם פרט, מען האט דאס אוועקגעשטעלט אלס 'יסוד' פון אידישקייט, און **מען האט אריינגעלייגט דאס גאנצע נאטורליכער אידישער פייער און ברענענדיגער געפיל - אין אט די איינע זאך!** און דורכדעם איז שוין דאס גאנצע אידישקייט געווארן אויפגעהויבן און באלאכטן! ווייל אט דער יסודות'דיגער מצוה - האט אריינגעגעבן 'חיות' און 'התלהבות' אינעם גאנצן איד און אין גאנץ אידישקייט.

## אין געוויסע קרייזן האט מען געלייגט א דגוש אויף 'שבת קודש' אדער א געוויסן 'יום טוב'

**לדוגמא:** אין אסאך פלעצער האט מען גענומען אלס 'יסוד' - דעם ענין פון **'שבת קודש'**. אלע תורות און דרשות - האבן זיך געדרייט ארום שבת קודש! מען האט

שטענדיג גערעדט פון די גרויסקייט פון שבת, מען האט געזינגען ניגונים פון שבת קודש, און שבת האט מען געפירט לאנגע טישן, מען האט געדאווענט שעות ארוכות און ארייגעארבעט אינעם שבת. און דורכאויס די גאנצע וואך האט מען זיך געקאכט מיט 'קדושת השבת': מען האט געשעפט חיות פונעם פריערדיגן שבת און מען האט זיך געגרייט אויפן קומענדיגן שבת! איי, שבת איז דאך בלויז איין מצוה פון די תרי"ג מצוות? אידישקייט האט דאך אין זיך נאך אזויפיל חלקים? אבער אין די פלעצער האט מען געהאלטן, אז דורכדעם וועט מען מאכט אזא מצב און מען לייגט אריין אזא ברען אינעם 'שבת קודש' - איז דאס אויטאמאטיש משפיע אויף דעם גאנצן עבודת ה'! דער חיות וואס דער אינגערמאן באקומט ביים טיש פרייטאג צונאכט - הייבט אויטאמאטיש אויף זיין גאנצע אידישקייט בכלליות! ביי אנדערע פלעצער האט מען גענומען א געוויסער 'יום טוב', און דאס געמאכט אלס 'יסוד'; ווי צום ביישפיל: די 'ימים נוראים', 'שבועות', וכדומה.

**וויאזוי האט אונז דער רבי מחנך געווען צו דינען דעם אויבערשטן?! רבי'נס דרך אין כלליות'דיגע אידישקייט?!**

## יעדער דרך האט זיך געהאט אן אייגענעם 'דגוש'

**דוגמאות פון פארשידענע דרכים:** ביי געוויסע מקומות האט מען גענומען א געוויסע מצוה - וואס אין דעם האט מען זיך שטארק געקאכט. **לדוגמא:** ביי גאר אסאך מקומות איז '**לימוד התורה**' געווען דער גאנצער 'יסוד' פון אידישקייט! דארט האט מען ארייגעלייגט אלע כוחות און געפילן צו לערנען נאך און נאך! מען האט כסדר גערעדט פון דעם און אויפגעפאדערט דעם עולם צו לערנען מער בכמות און באיכות, און אז אלעס איז תורה, און נאר תורה, און אָן קיין תורה איז גארנישט דא. ביי אנדערע מקומות האט זיך אלעס געדרייט ארום '**תפלה**'! מען האט ארייגעלייגט געוואלדיגע כוחות אינעם דאווענען! ביי געוויסע האט דאס געמיינט דאווענען מיט קולי קולות, און ביי אנדערע האט דאס געמיינט דאווענען לאנג, וכדומה. ביי געוויסע מקומות איז דער גאנצער דגוש געווען אויף '**דקדוק הלכה**' - צו מקפיד זיין אויף יעדן חומרא און הידור בהלכה, און פרובירן יוצא זיין ווי מער 'שיטות' ביי יעדע זאך. און ביי אנדערע פלעצער האט מען געמאכט אן עיקר פון '**מדות**' בין אדם לחבירו. עס איז געווען פלעצער, וואו מען האט געמאכט אן עיקר פון '**עניני קדושה**', 'יראת שמים', 'שמירת המחשבה'. און עס איז געווען מקומות וואו דער עיקר דגוש איז געווען אויף '**פנימיות**' העבודה - זיך מתבונן צו זיין אין טיפע שכליים, און מאריך זיין מיט לאנגע דאווענען'ס מיט עמקות המחשבה, וכדומה. אנדערע האבן געהאלטן,

אז דער עיקר איז '**מצוות מעשיות**' - טון אסאך בפועל. און אזוי ווייטער, נהרא נהרא ופשטיה[ג].

## די היסטאריע פון 'חילוקים' אין דער מהלך וויאזוי צו דינען דעם רבוש"ע

דער ענין פון 'דרכים' אין עבודת ה' איז נישט קיין זאך פון די לעצטע פּאָר הונדערט יאר, נאר זינט די וועלט שטייט - גייט שוין אָן דער צעטיילונג. דער ערשטער 'התחלקות' אין דער בריאה איז געווען צווישן 'קין' און 'הבל'; ווי עס שטייט אין ספרי קודש, אז זייער 'מחלוקת' איז געווען, צווישן צוויי באזונדערע דרכים אין עבודת ה'. שפעטער זענען געווען די דריי אבות הק' 'אברהם', 'יצחק' און 'יעקב'; וואס עס שטייט אין אלע ספרים, אז 'אברהם' האט געארבעט מיט 'מדת החסד', 'יצחק' האט געארבעט מיט 'מדת הגבורה', און 'יעקב' האט געארבעט מיט 'מדת תפארת'. שפעטער זענען געקומען די צוועלף שבטים, וואס דאס זענען געווען צוועלף צעטיילטע 'שערים' און 'דרכים' אין עבודת ה'; ווי עס שטייט פון אר"י הק' (פרע"ח שער התפלה[ד]). און אויף דעם האט זיך געדרייט דער מחלוקת צווישן יוסף

---

**ג. אין אנדערע ווערטער:** קיין שום 'דרך' איז נישט געקומען צו 'מזלזל' זיין אין קיין איין סעיף קטן אין שולחן ערוך - צו זאגן אז דאס איז נישט אזוי וויכטיג חס ושלום, נאר יעדער דרך איז געקומען 'ארויסהייבן' איין נקודה אין אידישקייט! אין דעם געוויסן מקום האט מען ארויסגעהויבן דעם ענין פון תפלה. און מען האט געהאלטן אז דאס וועט אויפהייבן און פארבעסערן גאנץ אידישקייט. אינעם צווייטן מקום האט מען ארויסגעהויבן דעם ענין פון שבת. און מען האט געהאלטן אז דורכדעם וואס מען וועט אריינלייגן אלע כוחות צו פראווען דעם שבת אויף א געהויבענעם פארנעם - וועט דאס האבן א געוואלדיגע השפעה אויף גאנץ אידישקייט. אינעם דריטן מקום האט ארויסגעהויבן דעם ענין פון לימוד התורה. און מען האט געהאלטן, אז דורכדעם וואס דער מענטש וועט זיצן און לערנען בהתמדה רבה טאג און נאכט - וועט ער ווערן אן אנדערער איד! און אזוי ווייטער, **יעדער דרך מיט זיין נקודה, אלעס איז געווען געבויעט אויף א געוויסע יסודות'דיגע זאך אין אידישקייט. און דער ציל איז געווען, צו 'מחזק' זיין דערמיט אלע הלכות אין שולחן ערוך**, און נישט חס ושלום 'מחליש' צו זיין אדער אוועקצומאכן איין געוויסן סעיף קטן אלס 'אומוויכטיג', נאר אדרבה, דער תכלית איז געווען, אז דורכדעם וואס מען וועט אויפבויען איין יסוד גאר שטארק, וועט גאנץ אידישקייט ווערן אוועקגעשטעלט אויף פעסטע יסודות.

**ד.** וזלה"ק בספה"ק פרע"ח (ריש שער התפלה): **"בשרשי המנהגים שיש חלוקים בין אשכנזים ובין ספרדיים, קטאלוניים ואיטליים, וכיוצא בהם**, שיש בהם מנהגים קדמונים שלהם

און די ברידער - וואס זיי האבן זיך געקריגט אין 'דרכי העבודה'. און דערפאר האט זיי יוסף געזאגט: "**אל תרגזו בדרך**" - לאמיר זיך מער נישט קריגן איבערן 'דרך' וויאזוי מען דינט דעם אויבערשטן, נאר יעדער שבט זאל בלייבן מיט זיין דרך און מהלך אין עבודת ה'.

**א) די ספרד'ישע אידן. ב) די אשכנז'ישע אידן. ג) די ליטווישע אידן. ד) און די חסיד'ישע אידן**

## די הויפט חילוקים צווישן די 'דרכים' היינטיגע צייטן

**בימינו אלה:** ווען מען זאל כאפן א בליק אויפן קאלירפולע צוטיילונג פון כלל ישראל היינט צוטאג - וואס בעצם ציהט זיך דאס שוין פאר די לעצטע פּאָר הונדערט יאר - איז כלל ישראל בעיקר צעטיילט אויף פיר 'הויפט'

---

בסידורי התפלה ולא במה שנוגע לפיוטים ופזמונים האחרונים רק בשרשי התפלות כפי הדין. **והיה אומר מורי זלה"ה**, שיש י"ב שערים ברקיע נגד י"ב שבטים, וכל אחד עולה תפלתו דרך שער אחד והם השערים הנזכרים בשלהי ספר יחזקאל. ואמר שודאי לא היו השערים ודרכי השערים שוין וכל אחד משונה מחבירו לכן גם התפלות משונות, **לכן כל אחד ואחד ראוי להחזיק כמנהג תפלתו כי מי יודע אם הוא משבט ההוא ואין תפילתו עולה אלא ע"י שער ההוא, אך מה שהוא דינין מפורשין בתלמוד זה שוה לכל השבטים**".

וע' בספה"ק אגרא דכלה (פר' מסעי ד"ה ולא תסב): "והנה י"ב שבטי ישורון הם נגד י"ב צירופי הוי"ה ונגד י"ב גבולי אלכסון כנודע, אשר לכל אחד שער מיוחד ודרכי העבודה מיוחד לזה מלזולתו ואף על פי כן הכל סובב אל מקום אחד לייחוד הקדוש ואמנם כן בכל דור ודור אנחנו בני אל חי ענפים משבטי ישורון שהם י"ב שרשים כוללים, ונודע שמאלו הי"ב שרשים מתפשטים שרשים אחרים עד אין קץ, שכל אחד מאלו השרשים כוללים הרבה נשמות והם הצדיקים שבכל דור אשר כל אחד דרכי עבודתו מיוחדת מזולתו, והנה מי שאין לו מוח בקדקדו בראותו דרכי הצדיק אשר הוא מסתופף בצלו נעימה לנפשו אזי יבז בעיניו דרכי צדיק האחר אשר דרכי עבודתו סובב הולך באופן אחר, חלילה חלילה לחשוב כזאת על עם י"י אלה, כי הכל הולך אל מקום אחד ומכלם יתקלס עילאה. צא ולמד משבטי ישורון שכל אחד היה במדריגה מיוחדת עיין בפירושי ספר יצירה עכ"ז על ידי כולם נעשה היחוד השלם על ידי ישראל אבינו הכוללם יחד וכו', כי **כל אחד דרכיו מיוחדים זה בשמחה וזה בפחד ורעדה, זה בשתיקה, וזה בדבור, והכל הולך אל מקום אחד, וחלילה לדבר סרה על איזה הנהגה לעבודתו ית"ש** וכו' ר"ל מה שזה דרך עבודתו בכך וזה באופן אחר, כי כל אחד מוכרח לילך בדרך אשר הוא נחלת אבותיו מאיזה שבט הוא ומאיזה שורש ומגיע לו מזה הדרך הדביקות שלו והבן".

קרייזן - וואס יעדער האט זיך זיין דגוש אין אידישקייט. **א)** די **ספרד'ישע** אידן. **ב)** די **אשכנז'ישע** אידן. **ג)** די **ליטווישע** אידן. **ד)** און די **חסיד'ישע** אידן. אין יעדערער פון די פיר - איז פארהאן גאר אסאך פרטיות'דיגע מהלכים און חילוקים: ביי די ספרד'ישע - זענען פארהאן אסאך סארטן; ווי בוכארישע, מאראקאנער און אזוי ווייטער. ביי די אשכנז'ישע - איז פארהאן פארשידענע סארטן; ווי אויבערלענדישע, יעקישע און אזוי ווייטער. ביי די ליטווישע - איז פארהאן גאר אסאך פראקציעס; ווי בריסקער, חזון איש, ישיבה'ישע און אזוי ווייטער. און ביי די חסיד'ישע - איז דאך אפגערעדט אז עס זענען פארהאן גאר אסאך חילוקים; **ווי רוסישע חסידים, פוילישע חסידים, גאליציאנער חסידים, אונגארישע חסידים.** און אין דעם אליינס איז פארהאן אָן א שיעור חסידות'ן און דינאסטיעס - וואס יעדער פלאץ האט זיך זיין מהלך און דגוש אין עבודת ה'(ה).

**ביי די חסיד'ישע – איז דאך אפגערעדט אז עס זענען פארהאן גאר אסאך חילוקים; ווי רוסישע חסידים, פוילישע חסידים, גאליציאנער חסידים, אונגארישע חסידים.**

## 'דרכים' אין עבודת ה' איז א געוואונטשענע זאך

**תמצית היוצא:** דער ענין פון חילוקים פון דרכים און מהלכים איז אלעמאל געווען ביי כלל ישראל, און דאס איז דער רצון ה' און כבוד שמים. און קיינער קומט נישט 'שולל' זיין אדער 'מחליש' זיין קיין שום נקודה פון אידישקייט, נאר יעדער הייבט ארויס א געוויסע נקודה אין אידישקייט. און דאס דארף דינען בלויז ווי א טויער וואו מען גייט אריין אינעווייניג אין תורה ומצוות, אז דורך דעם געוויסן 'דגוש' - זאל מען באקומען א חיות און קשר צו גאנץ אידישקייט.

---

**דעת בעל הבית: א שאד אז אידישקייט איז צושפליטערט אויף אזויפיל 'דרכים'**

**ה.** א מענטש קען אפשר טראכטן: "אידישקייט וואלט געווען אסאך שענער - ווען גאנץ כלל ישראל איז פאראייניגט אונטער איין נקודה! היינט צוטאג איז אזוי שווער, אז צוויי חסידים פון צוויי באזונדערע חסידות'ן זאלן זיך צוזאמרעדן און פארשטיין, נו, ווי שיין וואלט געווען, ווען אלע צדיקים און חסידות'ן גייען אלע אויפן זעלבן מהלך און שניט! עס וואלט דאך געהערשט א מורא'דיגער אחדות און צוזאמענארבעט!".

### דעת תורה: די שענסטע זאך איז די 'שינוים' – וואס יעדער דינט דעם אויבערשטן מיט זיין תפקיד

אבער אינ'אמת'ן, איז דאס נישט דער ריכטיגער בליק אויף 'כבוד שמים'. ווייל דער ריכטיגער 'כבוד' פארן אויבערשטן קומט ארויס דוקא פון די אלע התחלקות'ן! דער אויבערשטער האט לכתחילה אויסגעשטעלט די בריאה מיט אזא סארט אויסשטעל, אז נישט יעדער זאל אריינפאסן אין דעם זעלבן 'דרך'! דאס וואס יעדער ציהט צו אן אנדערער קנייטש און דגוש - איז נישט פערצופאל, נאר דאס איז בכונה העליונה! פון הימל וויל מען נישט, אז אלע אידן זאלן דינען דעם אויבערשטן אויף דעם זעלבן וועג! דער 'כבוד שמים' ווערט דערהויבן - דייקא דורך דעם פאקט וואס עס איז פארהאן אסאך דרכים אין אידישקייט.

### ווי גרעסער דער מלך – אלץ מער אויפגאבעס און אופנים אים מהנה צו זיין

**משל למה הדבר דומה:** ביי א קליינע רעגירונג וועלכע רעגירט איבער א קליינעם שטעטל - איז פארהאן בלויז איין סארט אופן וויאזוי מען קען צופרידנשטעלן דעם מעיאר פון דער שטעטל. אבער ביי א גרויסן מלך וועלכער קעניגט אבער א ריזיגע מדינה - איז דער פארהאן גאר אסאך סארט אופנים וויאזוי מען קען צופרידנשטעלן דעם מלך: דער שמיד - שטעלט צו 'געווער' פארן קעניג'ס מיליטער. דער פארמער - שטעלט צו גרינצייג און פרוכט פארן מלך. דער האלץ-האקער - שטעלט צו האלץ פאר די מיליטערישע שיפן, וכדומה. קומט אויס, אז ווי מער אויפגאבעס עס ווערט צעטיילט צווישן די איינוואוינער - אלץ מער ווייזט דאס אויף די גרויסקייט און ברייטקייט פון דעם מלך.

### פונקט ווי דער אויבערשטער איז 'אין סוף' אזוי איז נישטא קיין 'סוף' צו די 'דרכים' וויאזוי אים צו דינען

**דער נמשל:** אט דער פאקט וואס מען זעט, אז עס זענען פארהאן אין כלל ישראל אזויפיל סארט וועגן וויאזוי צו דינען דעם אויבערשטן - ברענגט ארויס די גרויסקייט פונעם אויבערשטן! דאס וואס צוויי חסידים פון צוויי באזונדערע פלעצער - פארשטייען זיך נישט, און דאך דינען זיי דעם זעלבן איינציגן באשעפער - איז דער גרעסטער 'כבוד שמים'. ווייל דאס שרייט אויס: וויבאלד דער אויבערשטער איז 'אין סוף', ער איז גרויס אָן קיין עק און גרעניץ - דערפאר איז נישטא קיין שיעור צו די פילע סארט 'דרכים' וויאזוי מען קען אים דינען! וויפיל סארט 'דרכים', 'מהלכים', 'אופנים' און 'תפקידים' עס וועלן אויפקומען אין אידישקייט - וועט אלעס זיין ריכטיג און אמת, און עס וועט זיך קיינמאל נישט ענדיגן ביי דעם! עס וועט אלעמאל בלייבן א 'מקום להתגדר' פאר נאך א געדאנק און נאך א מהלך! ווייל דא רעדט זיך פון אזא ברייטע און רייכע מלוכה, וואס מען קען כסדר אויפקומען מיט נאך א געדאנק און נאך א קוק-ווינקל וויאזוי אים צו דינען און זיך מקרב זיין צו אים!

# פרק ב

## מראש צורים אראנו:
## די 'שרשים' פונעם רבי'נס דרך - פונעם בעש"ט הק', ביזן צאנזער רב

### דעם רבי'נס דרך ציהט זיך בשורש פונעם בעש"ט הק'

איידער מיר קומען צו נענטער צו פארשטיין די 'שרשים' - פון וואו עס האבן זיך אנגעהויבן די ווארצלען פונעם דרך וואס דער רבי האט אונז געלערנט - מוזן מיר קודם אין קורצן באריירן דעם 'שורש החסידות' פונעם 'מקור ראשון', פונעם מייסד החסידות דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע. ווייל מיר אלע זענען דאך חסיד'ישע אידן. און אפילו אויב מיר ווייסן נישט געהעריג וואס דער דרך הבעש"ט איז געווען - שטאמען מיר אבער פון חסידים! אונזערע זיידעס זענען געפארן צו חסיד'ישע רבי'ס! אונזער לבוש איז א חסיד'ישער לבוש! אונזערע מנהגים זענען חסיד'ישע מנהגים! מיר לערנען חסיד'ישע ספרים! מיר דערציילן סיפורי צדיקים פון די חסיד'ישע צדיקים! בקיצור: אונזער שורש ציהט זיך פונעם חדר הבעל שם טוב. און דערפאר איז דאך זייער פשוט, אז דעם רבי'נס דרך איז א חסיד'ישער דרך.

## דער בעש"ט הק'

### דור ראשון - דער בעל שם טוב מיט זיין חדר פון שרפי מעלה

דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע האט געלעבט פאר בערך דריי הונדערט יאר צוריק - אין אנפאנג פון די ת"ק יארן, און ער האט דעמאלט מייסד געווען דעם 'דרך החסידות'. עס איז איבריג צו זאגן, אז אינעם עצם 'דרך הבעש"ט' האבן מיר נישט קיין שום השגה; ווי דער רבי שרייבט אין ויואל משה: "ודרך הבעש"ט נשתכח לגמרי". דאס איז געווען אן ענין 'גבוה מעל גבוה', וועלכע ער האט איבערגעגעבן

און געלערנט מיט א קליינע צאל תלמידים, צדיקים און יחידי סגולה - וואס מיר האבן גארנישט קיין השגה אין זייער גרויסקייט[ו].

### די פשוט'ע חיזוק ווערטער פונעם בעל שם טוב איז נישט נשתכח געווארן

אין דער זעלבער צייט וואס דער בעש"ט הק' האט עוסק געווען מיט זיינע תלמידים אין גאר הויכע השגות - האט ער אויך עוסק געווען מיט די פשוט'ע אידן, ער האט זיי גאר שטארק מקרב געווען, ארויסגעהויבן דעם 'חשיבות' און 'קדושה' פון יעדן איד, די 'אהבה' וואס דער אויבערשטער האט צו זיי, דעם 'חשיבות' פון יעדע עבודה און פון יעדע מצוה וואס א איד טוט פארן אויבערשטן, דעם גרויסן 'נחת רוח' וואס ווערט אין הימל פון יעדע קלייניקייט וואס א איד איז זוכה צו טון אויף דער וועלט, וכדומה. און אין דעם חלק האבן מיר יא א השגה, און דאס איז נישט 'נשתכח' געווארן, נאר איז איבערגעבליבן ביי אונז עד היום הזה.

## דער גרויסער מגיד

### דור שני – דער מגיד מיט זיינע תלמידים וועלכע פאָרן ארום און פארשפרייטן חסידות

דער צווייטער דור פון חסידות איז געפירט געווארן דורכן גרויסן מגיד פון מעזריטש זי"ע. דער הייליגער מגיד האט שוין געהאט אסאך מער תלמידים ווי דעם בעש"ט, ער האט אויסגעשפרייט חסידות אויף א גרעסערן פארנעם, און אין זיינע צייטן האט זיך חסידות אנגעהויבן פארשפרייטן פארן ברייטן המון עם. בעיקר איז דעמאלט חסידות געווען פארשפרייט אין ווייס-רוסלאנד (די היינטיגע בעלארוס), אין אוקריינע און אין דער ליטע[ז].

---

**ו.** איידער די נשמה פונעם בעש"ט הק' איז אראפ געקומען אויף דער וועלט, האט מען אים געגעבן פון הימל 'זעכציג' גרויסע נשמות פון צדיקים שרפי מעלה, אפצוהיטן אויף די נשמה פונעם בעש"ט הק'; ווי עס שטייט אין פסוק: "שישים גיבורים סביב לה מגיבורי ישראל" (הרה"ק מקאמארנא בספרו נתיב מצותיך נתיב התורה שביל א אות י"ג).

**ז.** דער גרויסער מגיד האט נאך בחייו צעטיילט זיינע תלמידים, און זיי ממנה געווען צו פארשפרייטן חסידות אין דער גאנצער אומגעגנט: רבי מענדעלע וויטעבסקער זי"ע -

## די תלמידי המגיד

### דור שלישי – חסידות ווערט אויפגעכאפט ביים המון עם

נאכן פטירה פונעם גרויסן מגיד פון מעזריטש - איז יעדער פון די תלמידי המגיד איז געווארן א רבי פאר זיך. יעדער פון זיי האט מדריך געווען א ריזן ציבור פון תלמידים, און משפיע געווען חסידות פאר הונדערטער און טויזנטער אידן. און דעמאלט איז 'חסידות' געווארן א 'כלל ישראל' זאך! דער 'דרך החסידות' איז אריבערגעגאנגען און זיך געטוישט פון די ראמען פון א קליין חבורה'לע פון צדיקים און עובדי ה' מופלגים - צו א דרך וועלכע איז ממש א 'נחלת הכלל'.

### דער מהלך פונעם בעל התניא 'פנימיות' – נעמט איבער צענדליגער טויזנטער אידן

כאטש וואס יעדער פון די תלמידי המגיד האט געפירט א הויף פאר זיך[ח] - איז אבער די השפעה אויף רובא דרובא פונעם 'המון עם' געווען איינגעטיילט צווישן די צווי גרויסע תלמידים פונעם מגיד: דער 'בעל התניא' און רבי אהרן הגדול פון קארלין (וועלכע איז ווייטער נמשך געווארן דורך תלמידו הרה"ק ר' שלמה קארלינער זצ"ל)[ט]. דער בעל התניא האט מייסד געווען דעם דרך פון חב"ד, וועלכע איז א מהלך פון א טיפע הבנה אין געטליכקייט, און עס איז געבויעט אויפן יסוד אז דער

---

האט ער געשיקט קיין רייסן. רבי אהרן הגדול זי"ע פון קארלין - האט ער געשיקט קיין ליטא. רבי נחום טשערנאבלער זי"ע - קיין וואהלין, און דעם רבי'ן רבי אלימלך זי"ע - קיין גאליציע.

**ח.** ווי לדוגמא: דער בארדיטשובער רב זי"ע, דער מאור עינים זי"ע, דער דגל זי"ע און זיין ברודער דער רבי ר' ברוכ'ל זי"ע. (רבי מענדעלע וויטעבסקער זי"ע און רבי אברהם קאליסקער זי"ע זענען נישט לאנג נאכן פטירה פון מגיד ארויפגעגאנגען קיין ארץ ישראל). אויך זענען געווען פארשידענע רבי'ס וועלכע זענען נישט געווען פון תלמידי המגיד - נאר זיך געצויגן גלייך פונעם בעש"ט; ווי רבי פנחס קאריצער זי"ע, רבי מיכל'ע זלאטשובער זי"ע און נאך. אבער ווי געזאגט, דאס איז אלעס נישט געווען אויף אזא גרויסן פארנעם איבערצונעמען דעם המון עם.

**ט.** ר' אהרן הגדול איז נסתלק געווארן גאר יונג - נאך בחייו פונעם גרויסן מגיד. און דער עיקר 'דרך' פון קארלין איז געווארן פארשפרייט דורך זיין הייליגער תלמיד הרה"ק ר'

עיקר איז דער 'פנימיות', און עס דארף זיין 'מוח שליט על הלב'. דער בעל התניא האט משפיע געווען דעם דרך אויף צענדליגער טויזנטער אידן וועלכע זענען געגאנגען מיט דעם מהלך. זיי פלעגן זיך גרייטן שעות לאנג, און דאווענען באריכות מיט 'מוחין' און 'התבוננות'.

## דער מהלך פון רבי אהרן הגדול 'חיצוניות' – נעמט אויך איבער צענדליגער טויזנטער אידן

דער דרך פון קארלין איז געווען ממש א פארקערטער מהלך פונעם בעל התניא'ס מהלך. דארט האט מען געלייגט דעם עיקר דגוש אויפן 'חיצוניות העבודה', מען פלעגט שרייען ביים דאווענען מיט קולי קולות, מען האט געמאכט אן עסק זיך צו שאקלען און דאווענען מיט התלהבות און ברען. און דער יסוד פון דעם מהלך איז: 'אדם נפעל כפי פעולותיו' - דער 'חיצוניות' וועט מעורר זיין דעם 'פנימיות'. דער קארלינער דרך איז אויך געווען גאר שטארק פארשפרייט אינעם גאנצן געגנט ארום קארלין, וואס איז אין די געגנט פון פינסק, און פון דארט האט זיך עס פארשפרייט אין גאנץ ליטא. און עס זענען געווען צענדליגער טויזנטער אידן וועלכע זענען געווארן נשפע און געדינט דעם אויבערשטן לויט דעם מהלך. דאס זענען געווען די הויפט צוויי דרכים אין רייסן-ליטא און אוקריינע - אינעם דריטן דור פונעם בעל שם טוב.

**אין יענע תקופה ווען מען האט געטראפן א חסיד'ישן איד, אין די אויבנדערמאנטע מדינות, האט מען געדארפט מברר זיין: "דו ביסט א חסיד פון חב"ד אדער פון קארלין?!".**

## די סתירה צווישן די צוויי מהלכים

אין יענע תקופה ווען מען האט געטראפן א חסיד'ישן איד, אין די אויבנדערמאנטע מדינות, האט מען געדארפט מברר זיין: "דו ביסט א חסיד פון חב"ד אדער פון קארלין?!". ווייל דאס זענען געווען צוויי קעגנזייטיגע דרכים, וועלכע האבן זיך נישט פארשטאנען איינער מיטן אנדערן - מילד גערעדט... עס איז נישט געווען אזא באגריף אז א חסיד'ישער איד

שלמה מקארלין זצ"ל, און אונטער זיין הנהגה איז געווארן דער גרויסער צוטיילונג צווישן די צוויי דרכים, דער דרך פון חב"ד און דער דרך פון קארלין.

זאל פארן איין שבת צום בעל התניא און איין שבת צו רבי שלמה קארלינער, ווייל די צוויי דרכים זענען געווען ממש א סתירה איינס צום אנדערן. מען האט נישט געקענט אנכאפן ביידע זייטן פונעם שטריק אויפאיינמאל, אדער גייט מען מיטן מהלך פון חב"ד אדער מיטן מהלך פון קארלין(י).

## אויף וועלכן 'דרך' איז דער רבי געגאנגען?

> **וועלכער דרך האט דער רבי גענומען? ער איז געגאנגען אויפן קארלינער דרך פון שרייען ביים דאווענען? ניין! ער איז געגאנגען אויפן דרך פון חב"ד פון טיפע השכלה אין געטליכקייט? אויך נישט!**

לאמיר א ווײַלע געבן א שפרינג אריבער פונעם דריטן דור פון חסידות - ביז צו אונזער דור - און זיך מתבונן זיין: **וועלכער דרך האט דער רבי גענומען? ער איז געגאנגען אויפן קארלינער דרך פון שרייען ביים דאווענען? ניין! ער איז געגאנגען אויפן דרך פון חב"ד פון טיפע השכלה אין געטליכקייט?** אויך נישט! נו, אויף וועלכער דרך החסידות איז דער רבי געגאנגען?!

**דער תירוץ איז:** דער רבי האט גענומען זיין וועג פונעם רבי'ן ר' אלימלך'ס חדר, וואס דארט האט נישט עקזעסטירט דער גאנצער עסק פון 'דרכים'. ווייל אינ'אמת'ן איז דער הייליגער בעל שם טוב נישט געקומען אויף דער וועלט כדי צו מחדש זיין א געוויסע 'הנהגה' און 'דרך', נאר דער עיקר נקודה פון חסידות איז געווען עפעס א געוואלדיגע ליכטיגקייט - וועלכע איז אסאך העכער פון סיי וועלכע 'דרך'! נאר אין די אויבנדערמאנטע מקומות האט מען געבויעט א 'דרך' כדי צו קענען אנכאפן דעם גרויסן אור. אבער דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע איז נישט אריינגעגאנגען אין קיין 'דרכים', נאר ער האט ממשיך געווען די ליכטיגקייט פונעם בעש"ט הק' און גרויסן מגיד - אויף א כלליות'דיגע און יסודות'דיגע פארנעם; ווי מען וועט שוין צוקומען, און אט אויף דעם דרך איז דער רבי געגאנגען.

---

י. **מערקווירדיג:** אין די רוסישע ארכיוון איבער דעם ארעסט אויפן בעל התניא - וועלכע איז געווען צוליב וואס ער האט פארשפרייט 'חסידות' - שטייט דארט צווישן די ווערטער אז ער איז א 'קארלינער'.

## דער רבי ר׳ אלימלך זי״ע

### דער רבי ר׳ אלימלך האט אוועקגעשטעלט חסידות אין גאליציע

**דער הייליגער רבי ר׳ אלימלך זי״ע האט ממשיך געווען די ליכטיגקייט פונעם בעש״ט הק׳ און גרויסן מגיד - אויף א כלליות׳דיגע און יסודות׳דיגע פארנעם**

ביזן רבי׳ן ר׳ אלימלך זי״ע, איז דער עיקר פארשפרייטונג פון חסידות געווען בלויז אין אוקריינא און די מדינות ארום. ווייל דארט האבן געוואוינט אלע תלמידי בעש״ט, דער מגיד און די תלמידי המגיד, און דארט אינעם דריטן דור איז אנגעגאנגען דער אויבנדערמאנטער צוטיילונג פון ׳דרכים׳ אויף גאר א שטארקן אופן, אז מען האט נישט געקענט פארן צוביידע רבי׳ס, ווייל דאס איז געווען א סתירה אינעם גאנצן מהות. דער הייליגער רבי ר׳ אלימלך זי״ע איז געווען דער ערשטער פון די תלמידי המגיד וועלכער האט געוואוינט אין גאליציע[יא], און ער האט דארט איבערגעפלאנצט חסידות. אנדערש ווי אין אוקריינא - האט דער ר״ר אלימלך זי״ע איבערגעגעבן חסידות אלס א ׳ליכטיגקייט׳ און ׳ווארעמקייט׳

---

**יא.** זעלבסט פארשטענדליך, אז דער גאנצער מדובר דא, איז נישט איבער דעם הייליגן רבי׳ן ר׳ אלימלך אליינס, ווייל מיר האבן נישט די מינדסטע השגה אין די צדיקים תלמידי בעש״ט, און מיר קענען בכלל נישט רעדן איבער זיי זעלבסט. די איינציגסטע זאך וואס מיר מעגן און מיר מוזן, איז בלויז צו פארציילן סיפורי קודש וואס עס האט זיך אפגעשפילט ביי די הייליגע צדיקים, און לערנען זייערע ספרים הקדושים באימה וביראה מיט אן ערנסטקייט און אמת׳דיגקייט. נאכדערצו, ווען עס קומט צום הייליגן רבי׳ן ר׳ אלימלך - וואס ביי חסידים אין אלע דורות האט מען געוואוסט, אז ער איז געווען גרעסער פון אלע צדיקים! און ווי דער רבי ז״ל האט אמאל געזאגט, אז דער ר״ר אלימלך איז געווען העכער פון אונזער השגה פונקט ווי די ׳תנאים ואמוראים׳.

דערפאר דארף מען זיין זייער קלאר, אז אלץ וואס מען רעדט דא, איז בלויז איבער זייער ׳השפעה׳ און ׳הדרכה׳ וואס מען זעט אין זייערע ספרים, און נאכמער וואס מען זעט אין די ספרים וועלכע דערציילן זייערע ׳תולדות׳ און דעם ׳אויר׳ וואס האט דארט געהערשט, בפרט לויט ווי די שפעטערדיגע צדיקים די ׳מעתיקי השמועה׳ האבן איבערגעגעבן צו אונזער דור - איבער וואס עס האט זיך אפגעטון דארט, וואס פון די אלע שטריכן צוזאמען - קען מען זעהן אביסל די סדר וואס איז געווען, וויאזוי די צדיקים האבן מדריך געווען די תלמידים, און וואספארא השראה עס האט איבערגעלאזט לדורות עולם.

אין דער כלליות'דיגער אידישקייט, און נישט אלס א פרטיות'דיגער 'דרך'. דאס הייסט, ער האט נישט אויסגעפארעמט קיין שום 'דגוש' און 'דרך' פארן אור החסידות, נאר האט עס איבערגעגעבן אויפן זעלבן אופן ווי ער האט עס מקבל געווען פון זיין רבי'ן דער גרויסער מגיד און דער בעש"ט הק'.

## ווילאנג דער 'דרך' איז בלויז א 'טפל' – איז זייער גוט צו האבן א געוויסן 'דרך'

**להבנת הענין:** מען האט אנגעהויבן דעם שמועס, אז עס מוז זיין אזא מושג ווי 'דרכים', וואס אין יעדע קרייז און קהלה לייגט מען א דגוש אויף א געוויסן ענין, וואס נאר דורכדעם האלט זיך די ווארעמקייט און ברען צו גאנץ אידישקייט.

## טאמער ווערט דער 'דרך' אן 'עיקר' – איז דאס אן אפנויג פון אריגינאלע אידישקייט

**אנשטאט צו זאגן: "איך בין א איד!" – ווערט ער זאגן: "איך בין דער געוויסער חסיד!"**

**פון צווייטן זייט:** עס איז פאראן א גרויסע סכנה דערין[יב], אז א מענטש קען ווערן דורכדעם פארדרייט פונעם ריינקייט פון אידישקייט. דאס הייסט, אז אנשטאט ער זאל נעמען דעם 'חיות' און ברען און עס צוריק ארייינלייגן אין דער פשוט'ער אידישקייט, אז דורכדעם זאל ער זיין א ווארעמער און געטרייער איד פארן אויבערשטן, דורכדעם זאל ער לערנען און דאווענען און מדקדק זיין בקלה כבחמורה מיט א אידיש הארץ - וועט ער נעמען דעם חיות און דאס אריינלייגן בלויז אין דעם 'דרך גופא'! **ער וועט באקומען א 'חיות' זיך צו פאררופן אלס 'דער געוויסער חסיד'!** דאס הייסט, אנשטאט צו דינען דעם אויבערשטן מיט א ריינקייט - דורכן געוויסן 'דגוש' וואס מען האט ביי אונז ארויסגעהויבן

**יב.** און ווי מען וועט שפעטער זען, איז דאס געווען די סיבה פארוואס דער ראפשיצער רב און נאכדעם דער צאנזער רב האבן דירעקט 'שולל' געווען דעם מהלך פון מדגיש זיין די 'דרכים', ווייל אין זייערע צייטן האבן זיי שוין געזען מיט די אויגן, אז טאמער וועט חסידות ווייטער אנגיין מיטן מהלך פון 'דרכים' - וועט עס פארקריכן פונעם פשוט'ן אידישקייט! צוביסלעכווייז הייבט מען אָן צו מאכן פונעם 'טפל' אן 'עיקר'! און וועגן דעם האבן זיי דאס אינגאנצן מבטל געווען און געטוישט, און אוועקגעשטעלט דאס גאנצע אידישקייט אויף א התלהבות אין גאנץ תורה ומצוות.

- **וועט ער אנהייבן צו דינען דעם 'דגוש' גופא! מען וועט אריינלייגן אלע כוחות אויפצובויען 'אונזער' זאך, 'אונזער' סארט עבודת ה' און 'אונזער' אידענטיטעט וועלכע טיילט אונז אפ פון אנדערע. און אנשטאט צו זאגן: "איך בין א איד!" - וועט ער זאגן: "איך בין דער געוויסער חסיד!", "איך געהער צו דעם און דעם קרייז!".** ער וועט שפירן ביי זיך, אז מיט דעם וואס ער האט גע'מוח'ט א פּאָר שעה, אדער מיט דעם וואס ער האט געשריגן ביים דאווענען - איז ער שוין א פיינער איד, און ער דארף שוין מער גארנישט קאכן אין פשוט'ע אידישקייט[יג].

## דער ר"ר אלימלך האט געלייגט א דגוש אויף התלהבות צו אידישקייט בכלליות

אבער ביים רבי'ן ר' אלימלך איז בכלל נישטא דער גאנצער חשש, ווייל דער גאנצער מהלך וואס מען זעט ביי דעם חדר פון רבי'ן ר' אלימלך - איז בלויז כלליות'דיגע אידישקייט! דאס הייסט, דער פייער און ברען וואס יעדער איד האט נאטורליך אין זיך - וואס אין אנדערע פלעצער האט מען דאס מצמצם געווען און אריינגעלייגט אין א פרטיות'דיגע זאך - איז געווארן אויסגעברייטערט צו דער כלליות'דיגער אידישקייט! עס איז אריין אין די אריגינאלקייט פון 'איך בין א איד'! צו האבן א 'ברען' און א קאך צו יעדן דבר שבקדושה צוגלייך! יעדע מצוה און יעדעס ווארט פון תורה - זאל זיין פארהייליגט ביי א איד!

**צו האבן א 'ברען' און א קאך צו יעדן דבר שבקדושה צוגלייך! יעדע מצוה און יעדעס ווארט פון תורה**

## יעדערער פון די תלמידי ר"ר אלימלך האט געהאט א באזונדערער דרך אין עבודת ה'

**ראיה לדבר:** דער רבי ר' אלימלך האט דאך געהאט אסאך תלמידים, אבער די פיר גרעסטע תלמידים זענען די

**יג.** עס איז איבריג צו זאגן, אז אין די ערשטע דורות פון חסידות איז חלילה נישט געווען קיין זכר פון אזא סארט מהלך המחשבה. ווייל יעדער האט פארשטאנען אז דער 'דרך' איז נישט קיין זאך פאר זיך, עס איז נישט קיין 'ציל' נאר בלויז א 'מיטל'! יעדער האט פארשטאנען אז דער תכלית איז צו זיין אן ערליכער איד, און דער 'דרך' דערצו איז, דורך דעם געוויסן 'דגוש' וואס מען לייגט אויף א געוויסן ענין. אבער עס איז קיינעם נישט איינגעפאלן, אז דער תכלית איז, צו זיין 'אזא חסיד' אדער 'אזא חסיד'. יעדער האט פארשטאנען אז דער 'דרך החסידות' איז בלויז א 'טפל' צום 'עיקר'.

באקאנטע גרויסע צדיקים: **דער רבי ר' מענדעלע זי"ע, דער רבי פון לובלין זי"ע, דער קאזשניצער מגיד זי"ע און דער אפטא רב זי"ע. ווען מען איז זיך מתבונן אין די פיר צדיקים - זעט מען קלאר, אז יעדער איז געגאנגען אויף גאנץ אן אנדערע מהלך**[יד] **אין עבודת ה'!** אודאי האבן מיר נישט קיין השגה אין זיי אליינס, אבער דער שניט און מהלך אין זייער חצר - איז געווען גאר אנדערש איינער פונעם צווייטן, דאס איז געווען פיר אנדערע דרכים: דער רבי פון לובלין - 'כולו שמחה', דער רבי ר' מענדעלע - 'כולו יראה'[טו], און אזוי ווייטער דער קאזניצער מגיד און דער אפטער רב יעדער מיט א באזונדערע מהלך[טז] (ואין

**דער רבי ר' מענדעלע זי"ע, דער רבי פון לובלין זי"ע, דער קאזשניצער מגיד זי"ע און דער אפטא רב זי"ע. יעדער איז געגאנגען אויף גאנץ אן אנדערע מהלך אין עבודת ה'!**

---

**יד.** דאס הייסט, אז אפילו ביים רבי'ן ר' אלימלך'ס חדר האט מען געקענט אין א געוויסן מקום מאכן אן עסק פון א געוויסע פרטיות'דיגע מדה אדער ענין - אבער עס איז געווען ווי א זייטיגע זאך! מען האט נישט געמאכט קיין 'עסק' ארום דעם מדה, נאר עס איז געשען פון זיך אליינס, אז דער געוויסער מדה איז געווען דער 'שורש נשמה' פון דעם צדיק, און דערפאר האט מען עס געשפירט אין זיין מחיצה. אבער דאס איז נישט געווען דער לימוד און דרך, נאר עס איז אלעמאל געווארן באטאנט דער עיקר, אז בעפאר אלע פרטים און נאך אלע פרטים מוז מען זיין א ווארעמער איד.

**טו.** רבי יענקעלע זצ"ל מפשעווארסק זאגט אין א שיעור חומש-רש"י, מיט זיין בא'חנ'טן שפראך: "האב איך געהערט פון שווער, אז אין לובלין איז געווען א 'חירות' פאר די חסידים, און ביים ר"ר מענדעלע איז געווען זייער דער 'דרך ארץ', שטרענגס! ביים ר"ר מענדעלע אין רימנוב פרייטאג צונאכטס איז געווען אזוי שטיל ביים עולם, אז מען האט געהערט א לעכט וואס האלט שוין צום סוף ווען עס צאנגט, האט מען געהערט ווי דאס לעכט צאנגט. איז דער ר"ר מענדעלע ווען ער איז געווען אין לובלין, האט דער עולם, ווי חסידים... עס איז געווען א גערודער. האט דער ר"ר מענדעלע געגעבן א שריי: "שאַ! נו, זיין שאַ!". איז געווארן שטיל. האט דער רבי פון לובלין געזאגט: "עס איז עפעס מרה שחורה, אנן בדידן ואינהו בדידהו". ער האט געהייסן, אז דער עולם זאל שמועסן ווי פריער. וועגן דעם, ביי די אנדערע טישן, קען איך ביישטיין אז מען רעדט...".

**טז.** עי' בספ"ק אגרא דכלה (פר' מסעי ד"ה ולא נסוב): "והם הצדיקים שבכל דור אשר כל אחד דרכי עבודתו מיוחדת מזולתו, והנה מי שאין לו מוח בקדקדו בראותו דרכי הצדיק אשר הוא מסתופף בצלו נעימה לנפשו אזי יבז בעיניו דרכי צדיק האחר אשר דרכי עבודתו סובב הולך באופן אחר חלילה בכל דור ודור **כי כל אחד דרכיו מיוחדים זה 'בשמחה' וזה 'בפחד ורעדה' זה 'בשתיקה' וזה 'בדיבור'** והכל הולך אל מקום אחד, וחלילה לדבר סרה על איזה הנהגה לעבודתו ית"ש".

כאן המקום להאריך בזה). אזוי אויך, ווען עס קומט צו זייערע תורות - זעט מען אין זייערע ספרים, אז קיין איינע פון די אויבנדערמאנטע תלמידים זאגן בכלל נישט דער סארט תורה - אויף דעם אופן ווי דער רבי ר׳ אלימלך האט געזאגט. און אויך צווישן זיי אליינס - זאגט יעדער תורה גאר אנדערש פונעם צווייטן. קומט אויס, אז כאטש זיי זענען אלע געקומען פון איין חדר און פון איין רבי׳ן - דאך איז יעדער געגאנגען מיט גאנץ אן אנדערן מהלך אין עבודת ה׳. נאכמער, אינעם דור שפעטער זענען געווען צדיקים, וועלכע זענען געפארן צו די אלע פיר תלמידי רבי ר׳ אלימלך; ווי דער ראפשיצער רב, דער בני יששכר, דער עטרת צבי און נאך. דאס ווייזט אונז גאר שטארק, אזביים רבי׳ן ר׳ אלימלך איז געווען די הנהגה, אז **דער עיקר נקודה פארוואס מען פארט צום רבי׳ן, איז נישט מקבל צו זיין א געוויסע פרטיות׳דיגע ׳דרך׳ און ׳דגוש׳ אין עבודת ה׳, נאר צו מקבל צו זיין א ׳כלליות׳דיגן ברען׳ צו אידישקייט בכלל! צו באקומען א ׳אש קודש׳ צו גאנץ תורה און מצוות! און דער ׳דרך׳ און ׳דגוש׳ - האט שוין גארנישט געהאט מיטן רבי׳ן, נאר דאס האט יעדער תלמיד געטון וויאזוי ער האט געשפירט בנפשו, אז דער מהלך איז געאייגנט פאר אים,** איינער אהבת ה׳ און א צווייטער אהבת ישראל, איינער שמחה און איינער יראה. ווייל מען האט נישט געלייגט קיין ׳דגוש׳ אויף לייגן א ׳דגוש׳... נאר מען האט געלייגט א ׳דגוש׳ צו זיין אן ערליכער איד מיט א ברען און פייער.

> **מען פארט צום רבי׳ן, נישט מקבל צו זיין א געוויסע פרטיות׳דיגע ׳דרך׳ און ׳דגוש׳ אין עבודת ה׳, נאר צו מקבל צו זיין א ׳כלליות׳דיגן ברען׳ צו אידישקייט בכלל!**

## דעם רבי׳ן ר׳ אלימלך׳ס חסידות: געטרייע סאלדאטן וועלכע פאלגן אויס רצון ה׳ מיט א ווארעמקייט

דער רבי ר׳ אלימלך, האט אודאי געהאט געוויסע נקודות וואס ער האט מדגיש געווען. אבער מיט דעם אלעמען איז דאס אלעס געווען בלויז ווי א זייטיגער ענין וואס מען איז מדגיש מער ווי אנדערע ענינים, אבער די עיקר נקודה וואס ער האט איבערגעגעבן און משפיע געווען אויפן עולם איז געווען, דער ענין פון זיין אן איבערגעגעבענער איד פארן אויבערשטן; ווי צדיקים האבן געזאגט: **״דער רבי ר׳ אלימלך איז געקומען אויסלערנען, צו זיין סאלדאטן פארן אויבערשטן!״.** דאס הייסט, פונקט ווי א סאלדאט האט נישט קיין אייגענעם ׳דרך׳ וויאזוי צו פירן א מלחמה, און וואו צו גיין פירן דעם שלאכט, נאר ער טוט בלויז דאס וואס דער מלך הייסט אים. אזוי אויך, יעדער איד דארף זיין גרייט צו טון רצון ה׳ - לויט ווי דער אויבערשטער

פארלאנגט פון אים אין יעדן מצב! עס איז נישט אונזער עסק זיך צו אויסקלויבן א געוויסן 'דרך' און 'דגוש' לויט אונזער געשמאק, נאר מיר דארפן זיין געטריי מקיים צו זיין יעדע הלכה אין שולחן ערוך מיט מסירות נפש! און דאס איז דער עיקר נקודה פון 'חסידות', אז מיר זאלן נישט זיין קאלטע סאלדאטן וועלכע טוען דעם באפעל מיט א טרוקנקייט, נאר אונזער הארץ זאל זיין צוקאכט אין אט דעם געטריישאפט און איבערגעגעבנקייט!

## דער רבי ר' אלימלך איז זיך מתמרמר אויף די וועלכע מאכן אן עסק פון מנהגים

אט דער יסוד ווערט גאר שטארק ארויסגעברענגט אינעם באקאנטן בריוו[יז], וואס הרה"ק ר' אלעזר זי"ע - דער זון פון ר"ר אלימלך האט געשריבן. -און ווי באקאנט האט זיך **דער רבי שטארק באצויגן**[יח] **צו דעם בריוו און געזאגט: "דער רבי ר' אלימלך האט דערמיט געמיינט אונזער דור"**-. וואס דארט רעדט ער זיך אפ אויף די וועלכע מיינען אז גאנץ חסידות איז בלויז אנצוהאלטן געוויסע מנהגים וכדומה[יט]. און ער שרייבט דארט א מורא'דיג לשון: "והיה בקראו בו תסמר

---

**יז.** דער בריוו איז געדרוקט געווארן דעם ערשטן מאל אין ספר 'בת מלך' (מונקאטש תרנ"ד), און דער מוציא לאור שרייבט דארט, אז דער בריוו איז איבערגעגעבן געווארן צום דרוק דורך הרב הצדיק הקדוש וכו' מוהר"ר יחזקאל שרגא הלברשטאם אבד"ק שינאווא.

אויך איז דא אפגעכאפט א שמועס וואס דער רבי האט געהאט מיט האדמו"ר משאץ מאנטריאל (אלול תשכ"ג). **דער רבי זאגט דארט: "דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע איז ברוגז געווען אויף דעם וואס חסידים האבן אים געפרעגט וועלכע זמירות צו זינגען,** ער האט מקפיד געווען דערויף און געזאגט, וועגן דעם קומט מען צו א רבי'ן - כדי צו וויסן וועלכע זמירות צו זינגען? **צו א רבי'ן קומט מען צו לערנען יראה מיט אהבה!".**

**יח.** אזוי אויך האט דער רבי געהייסן פארן מדפיס פונעם ספה"ק נועם אלימלך (ר' ישראל וואלף) ארייינצודרוקן דעם בריוו אינעם ספר.

**יט. סמך לדבר:** דער ר"ר אלימלך שרייבט (אין פר' נח) אז בזמן הזה איז דער עיקר מצוה וואס מען דארף מתקן זיין, די מצוה פון ציצית. אונזער שכל וואלט געזאגט, אז אויב דער רבי ר' אלימלך האט געזאגט אז 'ציצית' איז היינט דער עיקר תיקון - וואלטן אלע זיינע תלמידים זיך געדארפט נעמען ארבעטן אויף 'מצות ציצית', אלע זייערע תורות זאלן זיך דרייען אויף 'ציצית' און עס וואלט געדארפט זיין פארשידענע מנהגים און הידורים וואס זיי האבן מוסיף געווען אין דער מצוה פון ציצית, וכדומה. אבער למעשה איז עס בכלל נישט געווען אזוי! אין אלע זייערע ספרים, איז נישטא 'קיין איינער' פון די תלמידים וואס רעדט ספעציעל פון ציצית! אין די סיפורי צדיקים פון זיי - איז נישטא

שערותיו ונזדעזעו אבריו, בראותו שיש בעולם שטותים ודברי הבלים כאלו, כי נראה מתוך שאלותיו שעיקר נסיעותיו להיות אצל הצדיקים ואנשי מעשה, אינו למען ילמוד ממעשיהם ומיראתם וקדושתם ופרושתם וכו' אבל רומעכ"ת אינו לומד מן הצדיקים יראתם, רק שרואה תנועותיהם הנראים והנגלים, וסובר שמי שעושה ונוהג כזה נקרא בשם חסיד וכו' ואמר גם אני אעשה כן ואקרא גם כן חסיד וכו', **אך אמר אדוני אבי מורי, מי שהוא שואל אם לומר זמירות אלו או זולתם, ואם לומר שיר השירים בעת ההיא או באחרת, ושאר 'שטותים' כאלו** אשר במכתב, אין להעלות אותן על הכתב", וכו' עיי"ש.

## דער רבי פון לובלין

### דער רבי פון לובלין - א המשך פון ר"ר אלימלך - נישטא קיין דגוש אויף א ספעציפישע מהלך אין עבודת ה'

נאכן רבי'ן ר' אלימלך איז דער רבי פון לובלין געווען דער גרעסטער ממשיך בדרכו הקודש - פירנדיג א חדר פון הונדערטער צדיקים בעלי רוח הקודש. און אויך דא איז נישט געווען קיין 'דגוש' אויף איין געוויסן מהלך, נאר דער עיקר ציל איז געווען צו אנווארעמען די תלמידים און זיי ברענגען צו זיין פייערדיגע אידן. און טאקע אויך ביים רבי'ן פון לובלין זעט מען, די מורא'דיגע חילוקי דרכים צווישן זיינע תלמידים - נאך מער ווי ביים רבי'ן ר' אלימלך. ווייל **ווען מען כאפט א בליק אויף דער רשימה פון צדיקים וועלכע זענען אלץ געפארן קיין לובלין - זעט מען ממש 'פלאי פלאות', ווי אין די 'דרכים' זענען זיי ווייט איינער פונעם צווייטן 'כרחוק מזרח ממערב'.** לדוגמא: פון איין זייט האבן זיך דארט

> **ווען מען כאפט א בליק אויף דער רשימה פון צדיקים וועלכע זענען אלץ געפארן קיין לובלין - זעט מען ממש 'פלאי פלאות'**

---

קיין איין ספעציעלע מעשה איבער מצות ציצית - מער ווי אנדערע מצוות! דאס ווייזט אונז איבער דעם אויר וואס האט געהערשט אין רבי'ן ר' אלימלך'ס חדר, אז א תלמיד נעמט נישט איבער פון זיין רבי'ן קיין שום פרטיות'דיגע זאך, נאר בלויז כלליות'דיגע אידישקייט! זיי האבן עס פארשטאנען פאר א דבר פשוט: "דער רבי האט זיך זיינע ענינים, און ער האט א הארה אין ציצית, אבער אונז תלמידים דארפן ווייטער אנגיין מיט עבודת ה' - יעדער מיט זיינע ענינים!".

געדרייט די צדיקים פונעם פוילישן חדר; **ווי דער יוד הק'** און **דער רבי ר' בונם** - וועלכע האבן געהאט גאר א שארפער מהלך אין עבודת ה'. פון צווייטן זייט האבן זיך דארט געדרייט די אלע גאליציאנער צדיקים; **ווי דער ראפשיצער רב, דער עטרת צבי, דער ערשטער בעלזער רב, דער בני יששכר וכדומה.** יעדער איינער איז געווען א וועלט פאר זיך, און דאך זענען זיי אלע געזעסן ביי איין רבי'ן און עס איז עס נישט געווען קיין שום סתירה. ווייל דער מהלך איז ווייטער געווען ווי ביים רבי'ן ר' אלימלך, אז דער 'נקודת החסידות' וואס מען איז מקבל פונעם רבי'ן איז, דער כלליות'דיגער ברען צו אידישקייט, און פון דארט און ווייטער האט זיך יעדער זיין פרטיות'דיגן דרך לויט זיין שורש נשמה.

**ווי דער רבי ז"ל האט נאכגעזאגט א לשון פון זיין שווער דער פלאנטשער רב: "ראפשיץ איז געווען אינגאנצן לובלין!"**

## דער ראפשיצער רב

### דער ראפשיצער רב איז ממשיך דעם דרך פון ר"ר אלימלך בריש גלי

נאכן רבי'ן פון לובלין זענען געווען אסאך צדיקים וועלכע האבן ממשיך געווען דעם דרך ווייטער. אבער העולה על כולנה - אין דעם נקודה פון אנהאלטן דעם רבי ר' אלימלך'ס ריינקייט אין חסידות - איז געווען דער ראפשיצער רב זי"ע; ווי דער רבי ז"ל האט נאכגעזאגט א לשון פון זיין שווער דער פלאנטשער רב: **"ראפשיץ איז געווען אינגאנצן לובלין!"**.

### זרע קודש: נישט זוכן קיין 'דרכים' נאר זיין א מסירות נפש'דיגער איד

דער ראפשיצער רב איז געווען דער איינציגער בימיו, און בכלל דער ערשטער חסיד'ישער רבי, וועלכער האט זיך ארויסגעשטעלט בגלוי און ארויסגעזאגט מיט אפענע דיבורים, אז דער אמאליגער מהלך אין חסידות - פון לייגן א 'דגוש' אויף א באזונדערן 'דרך' אין עבודת ה' - איז פארקרומט געווארן! ווי ער שרייבט אין זרע קודש (סוף פרשת תזריע): **"לכן יתנהג [בכל מדותיו] רק לעבודתו יתברך, וימסור נפשו לד' תמיד, בפרט בדור הזה שכבר עת ישועה, ואין עת לילך בעצלות 'ולבקש דרכים', רק במסירות נפש תמיד לה'"** - ער באשולדיגט, אז דאס וואס מען זוכט זיך דייקא א

געוויסן 'דרך' - קומט פון 'עצלות'! דאס הייסט, אז אין די ערשטע דורות פון חסידות, איז דאס געקומען פון א 'התעוררות' און 'בקשת האמת', וואס מען האט געזוכט עבודת ה' מיטן גאנצן הארץ און מיט אלע כוחות במסירת נפש, אבער היינט קומט דאס פון דעם וואס מען איז פויל צו זיין אן ערליכער איד... מען וויל זיך ארויסדרייען פון געוויסע חלקים אין אידישקייט, דערפאר זוכט מען א 'דרך' וועלכע וועט לייגן א 'דגוש' אויף געוויסע זאכן, און פטר'ן פון טון אנדערע זאכן. און ער איז מדגיש, אז 'לא זו הדרך', נאר א איד דארף זיין א שטיק 'מסירות נפש' אין יעדן מצב און יעדע צייט! מען דארף זיין א סאלדאט וואס איז גרייט צו טון פארן אויבערשטן וואס עס פעלט זיך נאר אויס! אזוי אויך שרייבט אין ער פרשת תרומה: **"ועיקר חסידות הוא התורה הקדושה בהתמדה"**.

## ער האט געוואלט פארמאכן דעם גאנצן געשעפט און צוריקגיין צו די 'מגידים'

איינע פון די מקורות וואו עס ווערט ארויסגעברענגט מיט א שטארקע קלארקייט און אפנקייט דעם התנגדות פונעם ראפשיצער רב צום דעמאלטדיגן מצב, פון מאכן אן עסק פון 'דרכי העבודה' - איז אין ספר 'חמדה גנוזה' (שיחה ב), אינמיטן א לאנגער שמועס וואס דער צאנזער רב האט דערציילט באריכות[כ], אז נאכן פטירה פונעם רבי'ן פון לובלין, האט דער ראפשיצער געזאגט פארן עטרת צבי: אז 'חסידות' ווערט פארדרייט און פארקרומט, מען גייט אריין אין 'פרטים' און מען פארגעסט דעם 'עיקר'[כא], און ער האט מורא אז במשך הדורות וועט דאס נאכמער פארדרייט ווערן, און גאנץ אידישקייט וועט חרוב ווערן. און **דער ראפשיצער רב האט דעמאלט געוואלט פארמאכן די גאנצע זאך! געענדיגט מיט 'חסידות'! ער האט געוואלט**

> **דער ראפשיצער רב האט דעמאלט געוואלט פארמאכן די גאנצע זאך! געענדיגט מיט 'חסידות'!**

---

**כ.** וז"ל בא"ד: "**האט דער ראפשיצער שוין געוואלט מבטל זיין דאס חסידות**, האבן די איבריגע נישט געוואלט וכו'. דער ראפשיצער האט געזאגט: לאזן מיר זיך דינגען א פערד אין וועגאלע, לאמיר פארן זאגן דרשות אזוי ווי עס איז געווען פארצייטנס".

**כא.** דער דאזיגער יסוד שטייט שוין באמת אין חובת הלבבות (שער יחוד המעשה פרק ה), וואס ער שמועסט דארט אויס באריכות, אז מען זאל קיינמאל נישט מאכן פונעם 'עיקר' א 'טפל' און פונעם 'טפל' אן 'עיקר', ווייל דער 'תוספת' פון 'חסידות' און 'לפנים משורת הדין' - ווערט נישט אנגענומען נאר נאכדעם וואס מען באצאלט דעם 'עיקר' וואס מען

**אנהייבן צוריקדרייען אידישקייט אזויווי עס איז געווען אין די צייטן פון פאַרן בעל שם טוב**, וואס עס איז נישט געווען קיין רבי'סטעוועס און קיין 'חצרות', נאר יעדער איד האט זיך געוואוינט ביי זיך אין שטעטל, און די מגידים פלעגן זיך אויפשטעלן און זאגן מוסר דרשות, און אזוי זענען געוואקסן דורות פון ערליכע אידן מיט תמימות, יראת שמים און זהירות במצוות.

## ער איז נישט געווען קיין 'פרומער'...

רבי יאנקעלע פון פשעווארסק זצ"ל האט דערציילט: דער גוטער איד פון ניישטאַדט - א זון פונעם מאור ושמש, איז געקומען אמאל צו רבי אליעזר'ל פון דזשיקוב זצ"ל. האבן אים די קינדער פון רבי אליעזר'ל געפרעגט: "וואס קענט איר אונז זאגן אויפן זיידן דער הייליגער ראפשיצער רב?". האט ער זיי געענטפערט: "וואס זאל איך אייך זאגן?! **ער איז נישט געווען קיין פרומער, נאר א געטרייער סאלדאט פארן אויבערשטן!**". בעומק איז דאס ממש דער נקודה וואס מען רעדט יעצט: וואס מיינט א 'פרומער'?! א 'פרומער' מיינט אזא איינער וועלכער לייגט דעם דגוש און ברען אויף געוויסע 'פרטים' אין אידישקייט! למשל, אויב איז ער א פרומער אין 'כשרות המאכלים', און כדי אנצוקומען צו זיין ציל - וועט אים שטיין אין וועג געוויסע הלכות, אדער ענינים פון 'בין אדם לחבירו' וכדומה - וועט ער טון היפוך רצון ה', אלעס, כדי צו זיין פרום אין כשרות. און אויף דעם האט דער ראפשיצער רב געשריגן: ווער האט דיר געהייסן זיין פרום? דו דארפסט זיין א געטרייער סאלדאט וועלכער טוט רצון ה'! פונקט ווי א סאלדאט האט נישט קיין שום פערזענליכע אגענדע, און פארקוקט נישט אויף איין אויפגאבע - צוליב זיין געפיל צום אנדערן אויפגאבע, אזוי דארף א איד זיין געטריי און שטיין גרייט צו טון דעם רצון ה' אין אלע אומשטענדן - וואס עס זאל נאר זיין[כב].

---

איז מחויב 'מצד הדין'. (ווי באקאנט האט דער רבי ז"ל געזאגט, אז אלע יסודות פון חסידות קען מען טרעפן אינעם ספר חובת הלבבות).

**כב.** דער ספה"ק 'זרע קודש' פונעם הייליגן ראפשיצער רב איז פול מיט דעם יסוד, אז א איד מוז זיך כסדר באנוצן מיט 'מידות הפוכות', יעצט 'אהבה' און מארגן 'יראה', וכדומה. ווייל מען דינט נישט די 'מדות' - מען דינט דעם אויבערשטן. און אלעמאל דארף מען זיין גרייט זיך צו באנוצן מיט די ריכטיגע מדה - לויט די אומשטענדן וואס דער רבונו של עולם איז אים מזמין. דאס איז ממש דער אויבנדערמאנטער יסוד, אז עס איז נישטא קיין שום שניט וואס מען שטייט דערויף מיט עקשנות, נאר אלעמאל מיט א ביטול צום רצון ה'.

## א 'רבי' מוז זיין א ת"ח און א שטאט'ס רב

כאטש וואס דער ראפשיצער רב האט טאקע נישט אויסגעפירט זיין רצון צו פארמאכן גאנץ חסידות - האט ער אבער געטוישט דעם מהלך פון 'רבי' צו 'רב'. דאס הייסט, ער האט מחדש געווען אז יעדער 'רבי' וואס פירט זיך באדמורו"ת - מוז זיין א שטאטס רב וועלכער פסק'נט שאלות און פירט די שטאט בדרך התורה. און אזוי איז טאקע געווען, אז דער ראפשיצער רב - איז געווען שטאט'ס רב אין ראפשיץ, זיינע קינדער זענען געווען 'רבנים' אין זייערע שטעט, דזשיקוב, לינסק, מעליץ א.א.וו. זיין תלמיד דער צאנזער רב - איז געווען שטאט'ס רב אין שטאט צאנז, און אזוי ווייטער אלע צאנזער קינדער און אייניקלעך זענען אלע געווען 'רבנים' פון קהלות בישראל. און מיט דעם האט דער ראפשיצער רב אוועקגעשטעלט א קלארקייט, אז חסידות מוז זיין געבויט אויף פשטות התורה! דער רבי מוז זיין אליינס זיין א תלמיד חכם און אזא איינער וועלכער פירט די פשוט'ע אידישקייט פונעם שטאט. און דאס וועט אפהיטן, אז חסידות זאל נישט פארקריכן. און דער רבי ז"ל האט טאקע אמאל געזאגט אין א שמועס: **"דער ראפשיצער רב איז געווען א 'שומר' אויפן 'דרך החסידות', אז עס זאל נישט פארדרייט ווערן[כג]!"**. ביי א צווייטע געלעגנהייט האט דער רבי געזאגט: **"אָן דעם ראפשיצער רב וואלט מען זיך נישט געקענט האלטן!"**.

> **האט ער אבער געטוישט דעם מהלך פון 'רבי' צו 'רב'. דאס הייסט, ער האט מחדש געווען אז יעדער 'רבי' וואס פירט זיך באדמורו"ת – מוז זיין א שטאטס רב**

## וועלכע מדה האט געברענגט דעם ראפשיצער רב'ס שארפקייט?

עס איז כדאי אריינצוגיין אביסל טיפער און זיך מתבונן זיין, וועלכע מדה איז געווען דער 'מקור' - פון וואו עס האט זיך גענומען דעם ראפשיצער רב'ס קנאות קעגן די טעותים אין חסידות? פון אזויפיל צדיקים בימיו, פארוואס איז דוקא ער געווען אזוי שארף און שטארק, אוועקצושטעלן אידישקייט אויף דער ריכטיגער צורה, און אוועקגיין פון אלע פאלשקייטן וועלכע האבן זיך אנגעהויפנט און וועלן

---

**כג.** ביי די ראפשיצער אייניקלעך איז געווען מקובל א ווארט וואס דער ראפשיצער רב זי"ע האט געזאגט אויף זיך אליינס: "איך בין אראפגעקומען אויף דער וועלט, ארויסצונעמען און צו מברר זיין דעם 'פסולת פון חסידות'!". (מפי האדמו"ר מסטיטשין זצ"ל).

זיך אנהויפענען דערויף במשך הדורות?! (די קלארקייט דערין וועט אונז העלפן צו דערגיין מער קלאר דעם רבי'נס דרך אין קנאות - וועלכע האט זיך אנגעהויבן פון ראפשיץ; ווי מען וועט שפעטער מסביר זיין).

## אלעס האט זיך גענומען פון אהבת ציון וירושלים

**דער תירוץ איז:** זיין קנאות האט זיך גענומען פון א געוואלדיגע אהבה און דביקות צו די שכינה הקדושה! ווי עס איז באקאנט די מעשה, אז ווען דער ראפשיצער רב איז נסתלק געווארן, האט דער רבי מאיר'ל אפטער זי"ע און נאך צדיקים געזאגט: "עס וועלן נאך זיין גענוג אנדערע צדיקים וואס וועלן פועל'ן ישועות, אבער אזא גוטער הארץ-פריינט פאר די שכינה, דאס וועט שוין נישט זיין!". אנדערע האבן געזאגט אן ענליך לשון: "ער איז געווען א פריינט פאר ציון וירושלים!". דאס הייסט, אלעס האט זיך אנגעהויבן פון א געוואלדיגן ליבשאפט און געגועין וואס דער ראפשיצער רב האט געהאט צו די שכינה! וואס פון דעם האט זיך גענומען ביי אים דער מורא'דיגער ברען און קאך צו 'נשמות ישראל', צו 'קדושת ישראל', 'קדושת ארץ ישראל וירושלים', 'קדושת התורה' און 'קדושת המצוות'.

> **אלעס האט זיך אנגעהויבן פון א געוואלדיגן ליבשאפט און געגועין וואס דער ראפשיצער רב האט געהאט צו די שכינה!**

## זיין אהבה צו די שכינה האט געברענגט ווייטאג אויף די 'מחבלי כרמים'

אלס תוצאה פון דעם ברענענדיגן אהבה צו די שכינה - האט ער געהאט א מורא'דיגע ווייטאג און צער אויף יעדע מינדעסטע פארדרייטקייט, ווייל **ער האט פשוט נישט געקענט פאַרנעמען און סובל זיין דער וועלכער איז פוגם און פארדרייט פון דער אריגינאלער צורה וויאזוי אידישקייט דארף זיין[כד]. ווייל די גאנצע תורה האט**

---

**כד.** און פון דעם זעלבן שורש האט זיך אויך גענומען זיין שארפקייט קעגן נאַראָנים און 'בעלי דמיון', וואס אויב איינער האט גע'דמיון'ט אז ער איז א מדריגה העכער פון וואס ער איז באמת, אדער אויב איינער האט גערעדט זאכן וואס איז נישט 'פשטות התורה' - און ער איז נישט געווען באמת אויף דער מדריגה - איז עס געווען געפערליך! אזא איינעם האט מען אנגערופן 'נאַר', מען האט אים אוועקגעמאכט, חוזק געמאכט און ארויסגעטראגן פון שטאט...

**געמוזט בלייבן ארגינאל!** מען האט נישט געטארט פארדרייען קיין משהו פון 'עצם התורה'! דער עיקר הנהגה פון א איד האט געמוזט זיין געבויעט אויף עקרים פון 'פשטות התורה' - און נישט אויף העכערע זאכן!

### ער האט געציטערט אז חסידות זאל נישט פארדרייען די אריגינאלע אידישקייט

**לענינינו:** דער ראפשיצער רב האט געוואוסט אז 'חסידות' איז גאר א הייליגע זאך וועלכע איז נוגע צו די 'שרשים' פון נשמות ישראל. און דערפאר מוז עס האבן א ספעציעלע 'שמירה' אז עס זאל בלייבן ריין און אמת'דיג; ווי דוד המלך זאגט (תהלים פו, ב): "שמרה נפשי כי חסיד אני" - 'חסידות' דארף האבן א גרעסערע 'שמירה'. און דערפאר, ווי נאר ער האט געזען אז 'חסידות' הייבט אָן צו ווערן פארדרייט - איז ער געווארן שארף און ממש עס געוואלט פארמאכן אינגאנצן, ביז ער האט עס למעשה אויסגעארבעט, אז רבי'סטווע מוז זיין געבויעט אויף 'תורה', און נאר אזוי קען מען אנגיין ווייטער מיטן דרך החסידות וואס דער רבי ר' אלימלך האט אוועקגעשטעלט, אז מען זאל נישט מאכן קיין עסק פון 'דרכים' און נישט לייגן קיין 'דגוש' אויף קיין שום ספעציעלע זאך, נאר מען זאל אלעמאל קאכן און רעדן פון דער 'כלליות' פון תורה און אידישקייט.

> **ער האט פשוט נישט געקענט פאַרנעמען און סובל זיין דער וועלכער איז פוגם און פארדרייט פון דער אריגינאלער צורה וויאזוי אידישקייט דארף זיין**

## דער צאנזער רב

### דער צאנזער רב איז ממשיך דעם ר"ר אלימלך'ס דרך אויף אן אופן פון פירן מלחמות למען כבוד שמו

דער צאנזער רב זי"ע איז געווען א תלמיד פונעם ראפשיצער רב, און זיין גאנצע נשמה איז געווען דורכגעווייקט כל כולו מיט ראפשיץ(כה). דער חילוק איז נאר געווען

**כה.** דער רבי האט אמאל דערציילט, אין נאמען פון זיין טאטן דער הייליגער קדושת יו"ט, וואס ער האט אליינס געהערט ווי דער צאנזער רב האט אמאל געזאגט: "א זאך וואס

אין דער 'הנהגה החיצונה', אז דער ראפשיצער רב איז נישט געווען קיין 'איש מלחמה', ער האט נישט געפירט קיין 'מערכות' און 'מלחמות', נאר ער האט געזאגט זיין דעה, ער האט געקענט מאכן א חוזק-ווערטל פון א נאַר, ער האט געקענט זאגן א שארפן אויסדרוק אויף איינער וואס פארדרייט אידישקייט וכדומה, אבער ער איז נישט ארויסגעקומען בחרב וחנית אנטקעגן זיי. ווידער, דער צאנזער רב איז געווען אן 'איש מלחמה', ער האט יא געפירט מערכות מיט יעדן ווען ער האט געהאלטן פאר א שטער פון דער אריגינאלע אידישקייט.

## דער חילוק צווישן ראפשיץ און צאנז

אינ'אמת'ן, דער חילוק צווישן ראפשיץ און צאנז הייבט זיך אָן א טריט פריער. אין ראפשיץ איז די הנהגה כללית געווען איינגעהאלטן און שטיל. מען האט נישט געמאכט צופיל תנועות חיצוניות ביים דאווענען, מען האט נישט געשריגן און געפאטשט מיט די הענט וכדומה, נאר דער מהלך איז מער געווען א פנימיות'דיגע מהלך. מה שאין כן אין צאנז, איז די גאנצע הנהגה געווען אויף א ברייטע און אפענע פארנעם! דעם צאנזער רב'ס עבודה איז געווען זייער למעשה'דיג: ער האט געדינט דעם אויבערשטן מיט א מורא'דיגן התלהבות, ער האט געשריגן און געמאכט תנועות ביים דאווענען, ער האט געטיילט צדקה לרוב וכדומה, אלעס איז געווען בפועל ממש. און זיין עבודה אין 'עשיה' איז געגאנגען ביזן סוף - אָן קיין שום גבולות פון טבע! ער האט זיך פאר'חובות'ט און פאר'משכונ'ט אלע זילבערנע כלים, כדי צו קענען טיילן צדקה - נישט וואוסנדיג פון וואו ער וועט האבן צו באצאלן! ווייל דאס איז געווען א דרך פון דינען דעם אויבערשטן מיט מסירות נפש ממש! און דערפאר, אויך ווען עס איז געקומען צום ענין פון אוועקשטעלן 'חסידות' אויפן ריכטיגן דרך - איז עס אויך צוגעגאנגען מיט אן אופן פון 'מלחמות' און 'מערכות' אויף למעשה און בפועל ממש. אבער ווי געזאגט, בעצם איז דאס אלעס געקומען פון ראפשיץ - וועלכער האט דאס גענומען פון לובלין(כו).

איך האב געזען ביים רב [הרה"ק מראפשיץ זי"ע], איז ביי מיר אזוי ווי איך וואלט דאס געזען אין כתבי אר"י ז"ל".

**כו.** דער שינאווער רבי פון מאנסי זצ"ל האט דערציילט: רבי אַרון קראקאווער זצ"ל פלעגט רעדן מיט א ספעציעלן תנועה, און יעדעס מאל ער פלעגט קומען קיין צאנז און געבן 'שלום עליכם' פאר רבי ישעי'לע טשעחויב'ער זצ"ל - וועלכער איז נאך דעמאלט געווען

### די באקאנטע מלחמה פון צאנזער רב איז געווען צוליב וואס מען האט צופיל פארהייליגט דעם רבי'ן

אין די וועלט איז באקאנט איינע פון די גרויסע מלחמות וואס דער צאנזער רב האט אנגעפירט, וואס דאס איז בכלל געווען פון די גרעסטע מערכות אין די לעצטע צוויי הונדערט יאר. אין די וועלט פארציילט מען, אז די מלחמה איז געווען צוליב געוויסע הזנחות אין צניעות וואס מען האט נאכגעלאזט אין יענע מקומות. אבער דער רבי זכרונו לברכה האט אסאך מאל געזאגט, אז נישט דאס איז געווען דער עיקר סיבה, נאר די 'נקודת המלחמה' איז געווען, ווייל דער צאנזער רב האט מורא געהאט, אז מען שטעלט דארט דעם רבי'ן - העכער פון די תורה(כז).

**דער רבי זכרונו לברכה האט אסאך מאל געזאגט אז די 'נקודת המלחמה' איז געווען, ווייל דער צאנזער רב האט מורא געהאט, אז מען שטעלט דארט דעם רבי'ן – העכער פון די תורה**

### דער ענין פון 'צדיק' איז בלויז א 'פרט' און טאר נישט ווערן דער 'כלל' פון אידישקייט

**אין אנדערע ווערטער:** דער צאנזער רב האט מורא געהאט, אז מען נעמט דעם ענין פון 'צדיק' - וועלכער איז בלויז א פרט אין אידישקייט - און מען מאכט דאס פארן עיקר. און דאס איז נוגע כלפי יעדן 'פרט' - נישט בלויז אויפן ענין פון 'צדיק'. נאר גראדע איז עס דעמאלט

---

א יונג קינד - פלעגט ער זיך ווערטלען און אים צוריקגעבן 'עליכם השלום' מיטן זעלבן תנועה.

נאכן הסתלקות פונעם צאנזער רב זצ"ל, וואס רבי ישעי'לע איז געווען דעמאלט בערך צוועלף יאר אלט - האט ער אים געגעבן 'שלום עליכם', און ער האט אים נישט צוריקגעגעבן מיט דער זעלבער תנועה. האט רבי אָרון פארשטאנען אז רבי ישעי'לע איז אביסל צוגעלייגט צוליב זיין טאטנ'ס הסתלקות, האט ער אים געוואלט אביסל אויפהייבן, האט ער אים געזאגט: "דו כלאָפּ (יונג), וואס ביסטו אזוי דערשלאגן? זאלסט וויסן אז דיין טאטע איז נישט נסתלק געווארן! איך האב געהאט א ברודער יאסל, האט ער געזאגט: "**וואס מען האט געזען אין לובלין און אפטא – האט מען געזען אין צאנז, וואס מען האט געזען אין צאנז – האט מען נישט געזען ביי זיי!**".

**כז.** אזוי ווערט געברענגט אין ספר 'נתן חכמה' פון הגה"צ ר' נתן יוסף מייזעלס ז"ל אב"ד אבני שלמה, וואס ער האט דאס אסאך מאל געהערט פונעם רבי'ן.

געווען נוגע אויפן ענין פון 'צדיק' (וואס גראדע איז דאס מערסטע פארדרייטקייט במשך הדורות - געווען ארום דעם ענין(כח)), אבער בעצם קען מען פירן די זעלבע מערכה און מלחמה קעגן יעדן פרטיות'דיגן ענין - וועלכע מען שטעלט אוועק אלס דער 'עיקר' אידישקייט.

## ערשטער חשש – ארייגלייגן דעם געטריישאפט אין איין פרט – וועט אוועקנעמען די געטריישאפט פון אלע איבריגע פרטים

פונקט ווי דער ר"ר אלימלך, דער רבי פון לובלין און דער ראפשיצער רב - אזוי האט אויך דער צאנזער רב חושש געווען אויף קרומקייט און פארדרייטקייט אין אידישקייט, וועלכע קען ארויסקומען פון מדגיש זיין איין פרט צופיל. וואס ווי געזאגט ליגט דערין צוויי נקודות: **ערשטנס**, טאמער נעמט מען **איין געוויסע 'פרט'**

### וויאזוי האט מען אנגעקוקט ביי אונז די נושא פון 'צדיק':

**כח.** די סוגיא פון 'צדיק' פאדערט באמת א גרויסע בהירות און עמקות, און מען דארף דאס דורכלערנען בעיון. ווייל דאס איז זיכער, אז אינעם עצם זאך פון 'צדיק' - וואס אלע חסיד'ישע ספרים זאגן דאס - איז יעדער איד מחויב צו גלייבן, לדוגמא: עס איז פארהאן אזא מושג ווי 'נשמת הצדיקים' וועלכע האבן כוחות העכער פון דער טבע, און זיי זענען משפיע אלע השפעות פארן דור, און נאר דורך זיי קען מען נתקרב ווערן צום אויבערשטן, דאס זענען פשוט'ע יסודות וואס שטייט אין אלע ספרים הקדושים.

### די שאלה איז בלויז געווען וויפיל 'עסק' צו מאכן דערפון

די חילוקי דיעות צווישן די פריערדיגע צדיקים איז נאר געווען, וויפל 'עסק' מען זאל מאכן פון דעם גאנצן נושא פון 'כח הצדיק'. אין די רוסישע פלעצער (חב"ד, קארלין, טשערנאבל), און אין די פולישע מקומות (פרשיסחא, ראדאמסק, אלכסנדר) איז געווען א גרויס געטועכטס דערין, אבער אין אונזערע פלעצער אונגארן (סיגוט) און גאליציע (צאנז, שינאווא, בעלז) האט מען בדוקא נישט אזויפיל גערעדט דערפון. אבער פון צווייטן זייט, האבן אונזערע רבי'ס זיך אויך גאר שטארק געקאכט אין אונזערע צדיקים, דער קדושת יום טוב און נאסויד'ער רב האבן טאג און נאכט גערעדט פון צאנז! און נישט סתם דערציילט מעשיות, נאר זיי האבן געברענט דערין מיט א משונה'דיגע דביקות! אזוי אויך דער רבי ז"ל, פלעגט כסדר זאגן און איבער'חזר'ן: "אלעס וואס מיר האבן, איז נאר מיטן כח פון די פריערדיגע צדיקים!". אבער מען האט בדוקא נישט געמאכט קיין עסק און לימוד איבער דעם 'מושג צדיק', נאר אלעס איז צוגעגאנגען מיט א

**און מען לייגט דארט אריין דעם גאנצן ווארעמקייט און איבערגעגעבנקייט וואס א איד איז געטריי פארן אויבערשטן און פאר די תורה - ווערט זיין גאנצע אידישקייט מצומצם צו בלויז די איינע 'פרט'! און ווען עס קומט צו אנדערע חלקים פון אידישקייט - ווערט ער קאלט!** אויב למשל איז זיין גאנצע הארץ אריינגעגאנגען אינעם ענין פון 'צדיק' - וועט געשען אז ווען עס וועט קומען צו 'שבת', 'תורה', 'עבודה', 'מדות' וכדומה - וועט ער האט נישט האבן קיין געפיל דערצו! דאס הייסט, זיין נאטורליכע אידישע ברען צו אידישקייט און צו תורה - האט ער פארלוירן.

**טאמער נעמט מען איין געוויסע 'פרט' און מען לייגט דארט אריין דעם גאנצן ווארעמקייט ווערט זיין גאנצע אידישקייט מצומצם צו בלויז די איינע 'פרט'!**

## צווייטער חשש: אריינלייגן דעם ברען אין איין פרט – וועט פארדרייען דעם פרט און עס ארויסנעמען פונעם ריכטיגן מכוון

**צווייטנס:** אויב קאכט מען זיך אין איין זאך צו שטארק, איז 'מטבע הדברים' אז די זאך ווערט אפגעריסן פונעם 'שורש' און ווערט פארדרייט און פארקרומט! ווייל כדי אזויפיל צו קאכן אין איין זאך, מוז מען כסדר רעדן דערפון און עס גרויס מאכן, און **פון די 'ריבוי הדיבורים' ארום די זאך - וואקסט דער זאך מער און מער, און לא ימלט אז עס זאל נישט ווערן דערפון קיין פאנטאזיעס און 'דמיונות', ביז ווען די זאך ווערט דורכדעם אינגאנצן פארדרייט.** און מיט אביסל התבוננות קען מען דאס באמערקן, ווי 'בהשתלשלות הדורות' זענען אָן א שיעור זאכן אין אידישקייט געווארן אינגאנצן פארדרייט. ווייל מען האט געמאכט דערפון צו א גרויסן מצב, און פון דער 'ריבוי' פון מעשה'לעך, ווערטלעך און מימרות ארום דעם - איז עס אינגאנצן ארויס פונעם מכוון וואס מען האט לכתחלה געוואלט דערמיט.

---

נאטורליכע דביקות וואס א חסיד האט אין זיין רבי'ן - פונקט ווי א קינד איז דבוק צו זיין טאטן.

אבער ווי געזאגט, דאס איז זייער א ברייטע און טיפע סוגיא מיט אסאך פרטים, וואס מען דארף צענעמען בעיון רב: וואס מיינט דער מושג 'צדיק', וואס איז דער ריכטיגער צוגאנג דערצו, וואס האט דאס מיט עבודת ה', וואס זענען געווען די חילוקי דיעות און פארשידענע מהלכים דערין, און וואס איז געווען דער צוגאנג פון אונזערע רבי'ס דערצו. ואכמלה"ב, ועוד חזון למועד.

## דער צאנזער רב האט געפירט א מלחמה קעגן 'פרטים'

וויבאלד דער צאנזער רב האט געזען דעם חורבן וואס וועט ארויסקומען פון מאכן אן עסק פון בלויז איין נקודה אין אידישקייט - איז ער ארויסגעקומען מיט גאר א שארפע און שטארקע מלחמה, וואו ער האט אויסגערופן: **"נישטא מער קיין שום פרטיות'דיגע זאך אין אידישקייט! אידישקייט איז 'שולחן ערוך'! אידישקייט איז יעדעס ווארט פון די תורה הקדושה! יעדע זאך וואס האט שייכות מיט תורה - האט שייכות מיט אונז**[כט]**, און יעדע זאך וואס עס איז קעגן די פשוט'ע תורה - האט נישט מיט אונז! די תורה איז דער עיקר! און בלויז די תורה איז דער איינציגסטע 'קובע' אויף יעדע זאך!**

## רוח הקודש הופיע בבית מדרשם

שפעטער (פרק ז') וועט מען אויסשמועסן, ווי מען זעט טאקע בחוש, אז במשך

---

**כט.** איינע פון די פלעצער וואו עס איז שטארק בולט די דאזיגע נקודה: ביי די רוסישע חסידות'ן, האט מען נישט גורס געווען קיין 'מתנגדים' - אפילו אויב זיי זענען 'גדולי תורה'. עס האט געגעבן דעם אנשטעל, כאילו עס איז נישטא אזא מציאות בכלל, אז א ליטוואק קען זיין אן אדם גדול... אבער **דער צאנזער רב האט געהאט א געוואלדיגע הערצה צו פארשידענע גדולים פונעם מתנגד'ישן חדר**, לדוגמא: ער איז געווען שטארק פארקאכט אינעם 'נודע ביהודה' - וועמען ער פלעגט רופן בלשון חיבה: "רבי יחזקאל'ע". און כאטש וואס דער נודע ביהודה איז געווען א שארפער מתנגד, איז עס אים נישט אנגעגאנגען. און אזוי שרייבט ער אין תשובות דברי חיים (ח"ב אבן העזר סי' מ): "מי אנכי לפני גאון הגאונים הנודע ביהודה, ואם כי ראיתי קצת רבנים בדמיונם משיבים על הנודע ביהודה בעוונותינו הרבים הוא מחמת חסרון הדעת וקלות, ופוק חזי בין תקיפי קדמאי הנודע ביהודה ז"ל שידוע תוקפו בהלכה, וכי לא נצחו כמעט אדם מעולם". און אזוי אויך איז ער געווען פארקאכט אינעם גר"א, און יעדן פרייטאג צונאכט פלעגט ער לערנען "ביאור הגר"א", זאגנדיג אז דאס איז זיין 'עונג שבת'. דאס אלעס ווייזט אויף דער נקודה, אז **ביים צאנזער רב איז דער 'עיקר' אידישקייט געווען די תורה.** און דערפאר האט זיך אלע חשבונות געדרייט בלויז ארום דעם.

**דער צאנזער רב האט געהאט א געוואלדיגע הערצה צו פארשידענע גדולים פונעם מתנגד'ישן חדר, ביים צאנזער רב איז דער 'עיקר' אידישקייט געווען די תורה.**

הדורות האבן די ביידע חששות וואס זיי האבן חושש געווען - זיך ארויסגעשטעלט צו זיין ריכטיג. **א)** ביי געוויסע מקומות האט זיך ליידער אויסגעלאשן דער ברען צו גאנץ אידישקייט. און ווען מען קומט דארט רעדן איבער א נושא וואס מען האט נישט געקאכט ביי זיי - איז נישטא צו וועמען צו רעדן. **ב)** ביי געוויסע מקומות איז אריינגעקומען גאר אסאך פארדרייטקייטן און טפילות'ן, וואס מען טרייבט איבער מיטן מאכן אן עסק און קפידא פון די מנהגים וואס מען פירט זיך ביי 'אונז'.

**אויב קאכט מען זיך אין איין זאך צו שטארק, איז פון די 'ריבוי הדיבורים' ארום די זאך – וואקסט דער זאך ביז ווען די זאך ווערט דורכדעם אינגאנצן פארדרייט.**

## די חילוקי דרכים אין די ערשטע דורות פון חסידות

**תמצית הדברים:** זינט די וועלט שטייט זענען געווען אסאך 'דרכים' אין עבודת ה'. דער בעל שם טוב האט מייסד געווען דעם 'דרך החסידות' אויף א כלליות'דיגן פארנעם. די תלמידים פון מעזריטשער מגיד האבן זיך צוטיילט אין פארשידענע 'דרכים' אין עבודה.

## דער פראבלעם מיט 'דרכים' און דעם רבי'ן ר' אלימלך'ס מהלך דערצו

אויף דעם ענין פון 'דרכים' האט אבער געשוועבט א חשש, אז דורכאויס די יארן קען מען חלילה מאכן דעם 'פרט' פאר אן 'עיקר', און דאס וועט שפעטער גורם זיין א קאלטקייט און נאכגעלאזנטקייט ביי אלע אנדערע חלקים פון אידישקייט. אבער דער הייליגער רבי ר' אלימלך האט אוועקגעשטעלט אזא סארט חסידות וועלכע האט נישט קיין שום חשש, נאר איז בלויז א המשך פון די אלטע אריגינאלע אידישקייט, אז בעפאר דעם פרטיות'דיגן דרך וואס יעדער גייט דערויף - מוז קודם זיין דער עיקר דגוש אויף דעם כלליות'דיגן אידישקייט. א איד דארף זיין אוועקגעשטעלט: **"איך בין בטל צום אויבערשטן און צו די גאנצע תורה הק'! איך טוה רצון ה' אויף יעדן אופן וואס עס פעלט זיך אויס אין יענע מינוט! איך בין משועבד צו יעדן סעיף אין שולחן ערוך! און חסידות גיבט מיר א 'פנימיות הלב', אז די אלע מצוות פון די גאנצע תורה זאל איך מקיים זיין מיט א חיות און א ברען!".**

## לובלין און ראפשיץ – נישטא מער קיין פרטיות'דיגע 'דרכים'

דער רבי פון לובלין האט ווייטער ממשיך געווען דעם סארט דרך; ווי מען זעט טאקע אז ער האט געהאט אלע סארט תלמידים. דערנאך איז געקומען דער ראפשיצער רב, וואס ער האט געהאט א געוואלדיגע 'אהבת השכינה' און דאס האט געברענט אין אים מיט א פייער קעגן אלע וועלכע ווילן עטוואס פארדרייען די יסודות. און ער האט ארויסגעזאגט זייער קלאר און אפן, אז מען זאל אויפהערן זוכן 'דרכים', און אז 'בדור האחרון' איז די גאנצע עבודה פון א איד בלויז זיין געטריי פארן אויבערשטן און טון אין גאנץ אידישקייט אָן קיין אונטערשייד; ווי דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט אויף אים: "ער איז געווען דער 'שומר' אויף חסידות".

**אידישקייט איז 'שולחן ערוך'! אידישקייט איז יעדעס ווארט פון די תורה הקדושה! יעדע זאך וואס האט שייכות מיט תורה – האט שייכות מיט אונז. די תורה איז דער עיקר! און בלויז די תורה איז דער איינציגסטע 'קובע' אויף יעדע זאך!**

## צאנז – מען פירט א מלחמה קעגן מאכן אן עסק פון א 'פרט'

דערנאך איז געווען דער הייליגער צאנזער רב, וואס ער איז געגאנגען ביז 'למעשה', און ער האט גענומען די נקודה פון ראפשיץ און עס פארברייטערט אלס א 'מערכה' און אפענע 'מלחמה' קעגן די אלע וועלכע מאכן אן 'עיקר' פונעם 'טפל'. ער האט געשריגן, אז דורכדעם וועט מען פארלירן דעם גאנצן ברען צו אלע אנדערע יסודות פון תורה ועבודה. און אויך, אז דורכדעם וועט אפילו דער 'פרט' זעלבסט - אויך ווערן פארדרייט אינגאנצן, און אוועקגיין פונעם משמעות און מכוון וואס מען האט געוואלט דערמיט לכתחלה.

# פרק ג

## מקחו של צדיק:
# דער 'שילוב' וואס דער רבי האט פארקערפערט אין זיין דרך

### דער רבי איז דער ממשיך דרכם פון די צדיקים הקודמים

נאכדעם וואס מיר זענען אביסל קלאר געווארן אינעם מהלך פון אונזערע רבי'ס דער הייליגער ר"ר אלימלך, לובלין, ראפשיץ און צאנז(ל) - וועלן מיר זען זייער קלאר,

**ל.** **הבהרה:** עס איז באקאנט אז ווען דער רבי האט געזען אינם ספר פאר יצחק (תולדות הה"ק ר' אייזיקל מזידיטשוב), ווי ער שרייבט אויף הרה"ק ר' אייזיקל מזידיטשוב, אז ער איז געווען א 'מתמיד' - האט דאס זייער פארדראסן פארן רבי'ן, און ער האט רעאגירט דערויף: "און וואס האט ער דען געטון בשעת ווען ער האט נישט געלערנט?!". דאס הייסט, דעם טיטל 'מתמיד' איז גוט צו שרייבן אויף א 'גדול בתורה', א 'ראש ישיבה' וכדומה, אבער אויף צדיקים הקודמים - וועלכע זענען געווען א שטיק דביקות, און מיר האבן גארנישט קיין השגה אין זייער עבודה און אין זייערע דרגות - פאסט נישט צו זאגן אז ער איז געווען א 'מתמיד'.

**א פשוט'ע מענטש קען נישט פארשטיין א 'צדיק'! א צדיק איז גאר אן אנדערע מציאות פון איינער וואס איז נישט קיין צדיק**

**לגופו של ענין:** עס פאלט אונז נישט ביי אז מיר קליינע מענטשעלעך קענען חס ושלום זאגן 'מבינות' אויפן רבי'ן און אנאליזירן זיין הייליגן מהות און זיין גדלות. ווייל א פשוט'ע מענטש קען נישט פארשטיין א 'צדיק'! א צדיק איז גאר אן אנדערע מציאות פון איינער וואס איז נישט קיין צדיק, און דער פשוט'ער מענטש קען בכלל נישט פארשטיין זיינע דרגות, אין וועלכע וועלט ער לעבט, און דעם אופן וויאזוי ער דינט דעם אויבערשטן! און מיר זוכן בכלל נישט גיין אויף דעם ריכטונג פון 'אפלערנען' דעם רבי'ן. די כונה פון דעם גאנצן שמועס דא איז 'בלויז', צו פארשטיין וואס דער רבי האט געוואלט און געמאָנט פון 'אונז', און זיך אביסל אויסקלארן אין די לימודים וואס דער רבי האט געלערנט מיט 'אונז'.

ווי דער רבי איז ממש געווען א 'ממשיך דרכם' פון אט דעם הייליגן שלשלת[לא].

**דרך אגב:** כאטש וואס דעם צדיק אליינס איז נישט מעגליך ארויסצוהאבן און צו משיג זיין - דאך, אויב וויל מען האבן אביסל א ידיעה איבער דעם רבי'ן, האט ער איבערגעלאזט תורות, וואס דארט איז שייך צו זען מרחוק דעם 'אור' און 'גילוי' וואס דער צדיק שיינט ארויס פון זיך. און אויב איינער וויל האבן עפעס א 'משהו' השגה אין דעם אור פון דעם צדיק הדורות, און פונדערווייטנ'ס זען די גרויסקייט פון דעם קודש הקדשים - איז די פאסיגסטע זאך דערצו, צו לערנען און אויסהערן די דרשות פון 'הושענא רבה' (בפרט פון תשי"ג און תשכ"ב) - וואס דארט זעט מען אויף א מורא'דיגן אופן ווי דער רבי גייט ממש אויס פארן 'כבוד שמים'. אדער קען מען לערנען און הערן די תורות פון פורים (בפרט פון תשי"ח און תשי"ט) - וואס דארט זעט מען א צדיק וואס האט גארנישט אויף דער וועלט אויסער רצון ה'. אדער קען ער **הערן דעם אויספיר פון די 'ברכות' פון אלע שלש סעודות תורות** (בפרט שובבי"ם, אזוי אויך ביים ענדע פונעם יאר, סיי חודש 'אלול' און סיי סוף חודש 'אדר' - אלס הכנה צו חודש ניסן) - **וואס דארט זעט מען ווי דער רבי וואונטשט פארן כלל ישראל אזעלכע ברכות! די טיפע בקשות וועלכע ער וואונטשט אָן - ווייזט אונז אביסל וואס עס איז געליגן בלבו הטהור א גאנצן צייט! עס איז 'נורא נוראות' צו זען, וואס דער רבי האט אלץ געוואלט און געגאַרט פאר 'ישועתן של ישראל' און 'התרוממות כבוד שמים', און אז די בריאה זאל שוין אנקומען צו איר תכלית.** (כאטש עס זענען היינט פארהאן פארשידענע מעשה ביכלעך אויפן רבי'ן - איז אבער זייער שווער צו קענען דעם רבי'ן דורך א שרייבער וועלכער שרייבט אלעס לויט זיינע אויגן גלעזער, און ער שרייבט נאך מפי פונעם 'מספר' וועלכער פארציילט די עובדא לויט זיין ארימע פארשטאנד און קנאפע השגות אינעם צדיק. אבער ווען מען לערנט די הייליגע תורות און די דרשות 'לשון קדשו' און מען ווערט נתעורר פון די השגות וועלכע ליגן צווישן די שורות - איז דאס א שטיקעלע הכרה און הבנה, וואס מען קען מרחוק דערקענען א 'משהו' פון דער וועלט פון דעם צדיק נשגב למעלה מהשגתינו, וד"ל.

דעם אויספיר פון די 'ברכות' פון אלע שלש סעודות תורות וואס דארט זעט מען ווי דער רבי וואונטשט פארן כלל ישראל אזעלכע ברכות! די טיפע בקשות וועלכע ער וואונטשט אָן – ווייזט אונז אביסל וואס עס איז געליגן בלבו הטהור א גאנצן צייט!

**לא.** הא גופא -וואס מען איז עוסק צוזאמען-, צו טרעפן דעם קשר וויאזוי דעם רבי'נס דרך איז געווארן אויסגעבויעט דורך די פריערדיגע צדיקים - דאס גופא נעמט זיך פון די יסודות וואס דער רבי האט אין אונז אריינגעלייגט; ווי מען זעט בחוש, אז ביי סיי וועלכע פון די מאורעות הזמן און שינויי העולם - וועלכע ברענגט מיט זיך געוויסע השקפה'דיגע שאלות וויאזוי זיך צו פירן, איז באלד די נאטורליכע שפראך ביים רבי'נס מענטשן: "**וואס וואלט דער רבי געזאגט אין אזא מצב? וואס וואלט דער רבי געהאלטן אינעם יעצטיגן תקופה?**". דער סארט מהלך המחשבה איז נישטא אין קיין שום אנדערע

## דער דרך פון 'ליזענסק' - ביים רבי'ן

### דער ר"ר אלימלך האט אוועקגעשטעלט דעם דרך פון 'נישט לייגן דגוש' אויף 'פרטים'

ווען מען וועט אביסל מבחין זיין דעם רבי'נס מהלך און הנהגה - וועט מען זיך אליינס איבערצייגן (ווי מען וועט באלד אויסשמועסן) ווי דער רבי איז געווען א שטיק צאנז און ראפשיץ - וואס ווי געזאגט, הייבט זיך דאס אָן פונעם הייליגן רבי'ן ר' אלימלך זי"ע[לב]. דאס הייסט, דארט האט זיך אוועקגעשטעלט דער גאנצער

חסידות. און ווען מען וועט זיך מתבונן זיין - וועט מען דערגיין, אז דאס קומט פון דעם וואס דער רבי פלעגט אלעמאל חזר'ן מיט אונז אט דעם סארט 'מהלך המחשבה': "וואס וואלטן די פריערדיגע צדיקים געהאלטן? וואס וואלטן זיי געזאגט טאמער וואלטן זיי דאס דערלעבט?".

**אגב:** כאטש מען דארף טאקע אלעמאל טראכטן וואס דער רבי וואלט ווען געזאגט אין אזא מצב, מיינט דאס אבער נישט צו זאגן, אז מען קען אזוי לייכט און גיך זיך איינרעדן משיג זיין דעם רבי'נס דעת, און באלד וויסן צו זאגן מיט א זיכערקייט וואס דער רבי וואלט יעצט געזאגט... ווייל מיר זענען זייער קליינע מענטשן, און עס איז נישט מעגליך פאר א פשוט'ן מענטש משיג צו זיין דעם דעת פון א צדיק אמת, וועלכע איז 'גבוה מעל גבוה' און בכלל נישט אין אונזער ערך.

**בדרך צחות:** עס איז באקאנט אז דער קראסנא רב זצ"ל האט אמאל געפרעגט דעם רבי'ן, צי ער וועט אנטייל נעמען ביים 'עצרת מחאה' קומענדיגע וואך. האט דער רבי אים געענטפערט א פחד פון א תשובה: "איך וועל הערן וואס איך וועל זאגן ביי שלש סעודות", והדברים עתיקים. האט מען געשמועסט בדרך צחות, אז היינט זענען פארהאן אזעלכע וואס זענען אין א העכערע דרגא פונעם רבי'ן, ווייל זיי ווייסן שוין דינסטאג נאכמיטאג וואס דער רבי וואלט געזאגט ביי שלש סעודות...

> **היינט זענען פארהאן אזעלכע וואס זענען אין א העכערע דרגא פונעם רבי'ן, ווייל זיי ווייסן שוין דינסטאג נאכמיטאג וואס דער רבי וואלט געזאגט ביי שלש סעודות...**

לב. **צום באמערקן:** פון די איינציגסטע ספרים וואס דער רבי האט געהאט דערין א 'קביעות ממש', איז געווען אינעם ספה"ק 'נועם אלימלך', וואס דער רבי פלעגט לערנען דערין יעדן מוצאי שבת, און מעיין זיין אין די דברי תורה אויף די קומענדיגע פרשה. און אזוי אויך האט ער געהאט א קביעות אינעם ספה"ק 'דברי חיים', וואס דער רבי פלעגט לערנען דערין יעדן ערב שבת מעוטר אין די רבינו תם'ס תפילין (שיח זקנים ח"ב עמוד ק"ד

יסוד און מהלך, אז מען לייגט נישט קיין דגוש אויף 'פרטים', נאר מען לייגט אריין דעם גאנצן ברען פון א איד - אין אלע 'מצוות' און 'זמנים' און אין 'כלליות התורה'. וואס ווי פריער דערמאנט, איז דער הייליגער ר"ר אלימלך זי"ע געווען דער ערשטער וועלכער האט דאס אוועקגעשטעלט מיט א שטארקייט.

## דער רבי ז"ל האט געזען אינעם ר"ר אלימלך דער כח וועלכער האלט גאנץ אידישקייט

דער רבי אליינס האט אמאל געזאגט, ווען ער איז אמאל געזעסן נאך א ברית - אין טאג פון דעם הייליגן רבי ר' אלימלך'ס יארצייט - און געשמועסט פארשידענע ענינים, האט זיך איינער פון די אנוועזנדע אנגערופן: "היינט איז דאך די יארצייט פון רבי'ן ר' אלימלך, אונז וואלטן געוואלט הערן עפעס אויפן בעל הילולא", האט דער רבי זיך אנגערופן בהאי לישנא: **"אלע אידישקייט ענינים וואס מיר רעדן - איז אלעס נאר בכח פונעם הייליגן רבי ר' אלימלך!"**. דאס הייסט, אז דער מקור פון אונזער דרך - איז בעצם דער רבי ר' אלימלך זי"ע, וואס ער איז דער מחדש און מייסד פון דעם דרך[לג].

---

בשם הגה"צ מפאיע). אזוי אויך פון די געציילטע יארצייטן, וואס דער רבי האט געצינדן ליכט, איז געווען אינעם יארצייט פונעם רבי'ן ר' אלימלך, דער ראפשיצער רב, דער רבי ר' מענדעלע, און דער צאנזער רב (שיח זקנים ח"ה עמ' ע"ט בשם הגה"צ מפאיע).

**לג.** עס האט דערציילט אן עלטערער סאטמארער איד: אלס קינד האט זיין מלמד אין חדר אויסגעלערנט פאר די קינדער, אז דער רבי איז אונז מקשר ביזן בעל שם טוב. און ער האט זיי אויסגערעכנט דעם חשבון: דער רבי האט מקבל געווען פון קדושת יו"ט, ער האט מקבל געווען פון ייטב לב, ער האט מקבל געווען פון ישמח משה, ער איז א תלמיד פונעם רבי'ן פון לובלין, ער איז א תלמיד פונעם גרויסן מגיד, און ער איז א תלמיד פונעם בעל שם טוב. פארציילט דער איד, אז ווען ער איז אהיימגעקומען פון חדר האט ער עס איבערגעזאגט פאר זיין טאטן. האט זיין טאטע געהאלטן אז דער רבי וועט הנאה האבן צו הערן אזא זאך פון א קינד, דערפאר איז ער אריבערגעגאנגען צום רבי'ן מיטן קינד, און דאס קינד האט עס איבערגעזאגט פארן רבי'ן. האט דער רבי געפרעגט: "וואס איז מיטן רבי'ן ר' אלימלך?". (כאטש וואס דער רבי פון לובלין איז טאקע נאך געפארן צום מגיד פון מעזריטש, אבער זיין 'רבי מובהק' איז געווען דער רבי ר' אלימלך). דער טאטע, וועלנדיג מלמד זכות זיין אויפן מלמד, האט ער געזאגט: "דער מלמד האט עס געוואלט מאכן ווי נענטער!". האט דער רבי געענפערט: "דער רבי ר' אלימלך מאכט נישט ווייטער, נאר נענטער...".

## דער דרך פון 'לובלין' - ביים רבי'ן

### ירושת אבות – דער ישמח משה האט ווייטער איבערגעגעבן דעם אור פון לובלין

אויסער די עצם דרך וואס דער רבי פון לובלין האט ווייטער ממשיך געווען פונעם רבי'ן ר' אלימלך, אז ער האט זיך געקאכט אין גאנץ אידישקייט צוגלייך, וואס דאס האט דער רבי מקבל געווען פון צאנז און עס ווייטער ממשיך געווען - ווי מען וועט באלד צוקומען - איז אויך פארהאן א דירעקטע המשכה וואס דער רבי האט געהאט צום רבי'ן פון לובלין - דורכן זיידן דער ישמח משה, וועלכער איז געווען א תלמיד פונעם רבי'ן פון לובלין. און מען האט געזען ביים רבי'ן צוויי שטארקע נקודות פון לובלין - וועלכע ער האט ממשיך געווען ווייטער.

### דער רבי פון לובלין האט געדינט דעם אויבערשטן מיט דער מדה פון 'שמחה'

**ערשטע נקודה:** ביי צדיקים איז געווען פארשידענע דרכי עבודה, איינער האט געדינט דעם אויבערשטן מיט 'אהבה', דער צווייטער מיט 'יראה', און דער דריטער מיט 'שמחה'. **דער דרך פונעם רבי'ן פון לובלין איז געווען 'כולו שמחה'!** דארט איז דער שטימונג אלעמאל געווען געהויבן און פרייליך, און דער גאנצער עולם איז כסדר געווען גוט אויפגעלייגט[לד]. און דער ישמח משה האט מקבל געווען אט די הנהגה פונעם רבי'ן פון לובלין, און דאס איז ווייטער נמשך געווארן ביי

> **דער דרך פונעם רבי'ן פון לובלין איז געווען 'כולו שמחה'!**

---

**לד.** עס איז באקאנט וואס דער ייטב לב ברענגט (ייטב פנים יפה לעינים אות יח, אבני זכרון אות יא): "מורי זקיני זלה"ה סיפר לי, כי בעת עמד על המחקר להבין דרכי החסידים והוטב בעיניו, עלה בלבו קושיא אחת, "**אשר מדרכן לשמוח תמיד**", וכו' והיה בנסעו **לקבל פני רבו הק' מו"ה יעקב יצחק זלה"ה מלובלין**, וכו' הן תאמינו לנו כי אנחנו אומרים תיקון חצות בבכיה והספד, ועם כל זה הכל בשמחה וכו'". אויך ווערט געברענגט אין ספר 'החכמה מאין': "שמעתי מרבינו שכאשר הרה"ק מדזיקוב היה אברך צעיר נהג אביו הקדוש לקחתו עמו ללובלין אל החוזה הקדוש, משם נהג אביו לנסוע לבדו אל המגיד הקדוש מקוזניץ, ובחזרתו היה שב ללובלין, באמרו **שלובלין היא מקום שמחה** והוא רוצה לשוב הביתה ממקום שמחה".

זיינע קינדער און אייניקלעך[לה], ביים ייטב לב און ביים קדושת יו"ט, וואס ביי זיי אלע איז געווען גאר שטארק בולט די סארט הנהגה פון 'עוז וחדוה במקומם'.

## ארום דעם רבי'ן איז אלעמאל געווען פרייליך און לוסטיג

ביים רבי'ן איז ווייטער אנגעגאנגען דער דרך פון 'שמחה וחדוה'[לו]; ווי באקאנט ביי אלע תלמידים און חסידים, אז שטענדיג פלעגט זיין פרייליך און לוסטיג ארום

**לה.** רמז לדבר האב איך אמאל געהערט: אלע נעמען פון די ספרי קודש לבית סיגוט זענען מרמז אויף אט די הנהגה פון שמחה; **"ישמח משה"** - איז דאך א לשון פון שמחה. **"ייטב לב"** - איז אויך א לשון פון 'טוב לב', וואס דאס מיינט 'א פרייליך הארץ'. **"קדושת יום טוב"** - יום טוב איז דאך זמן שמחתינו. און אז מען גייט צום שורש ביזן הייליגן ר"ר אלימלך - ווי פריער גערעדט באריכות - איז דער נאמען פון זיין ספר **"נועם אלימלך"** - די 'זיסקייט' פון אידישקייט.

**לו.** אינעם ערשטן דור נאכן קריג, האט דער אויבערשטער ברחמיו איבערגעלאזט א שארית הפליטה, עטליכע גרויסע ערליכע אידן, וואס זיי האבן איבערגעפלאנצט זייער חצר אין אמעריקע אדער אין ארץ ישראל. אבער ווען מען טראכט אריין, זיי אלע זענען געגאנגען מער מיט א בחינה פון 'יראה', עס איז אלעמאל געווען ארום זיי א 'פחד' און אן ערנסטע אטמאספער, טייל זענען אפילו געווען גאר שארף. און דער רבי איז געווען דער 'איינציגסטער' מנהיג אין יענע יארן, וועלכער איז געגאנגען מיט דעם דרך פון ארויסווייזן א ווארעמקייט און שמחה, ווי עס איז געווען דער מהלך פון לובלין און אלע זיינע אבות הק' און צדיקים הקודמים.

> **דער רבי איז געווען דער 'איינציגסטער' מנהיג וועלכער איז געגאנגען מיט דעם דרך פון ארויסווייזן א ווארעמקייט און שמחה, ווי עס איז געווען דער מהלך פון לובלין און אלע זיינע אבות הק'**

דער פרעמדער גאס האט בטעות באקומען א פאלשע בליק, אז דער רבי איז געווען א 'שארפער' און 'בייזער', כאילו ער האט אייביג געפייערט און געשריגן 'התנגדות'. דער טעות נעמט זיך פון 'חסרון ידיעה', וואס זיי האבן נישט געקענט דעם רבי'ן פון זיין טאג טעגליכע ווירטשאפט, און זיי האבן נישט געהאט קיין אהנונג וועלכער שמחה'דיגער אטמאספער עס הערשט שטענדיג אין די ד' אמות פון רבי'ן. זייער גאנצע באקאנטשאפט מיטן רבי'ן איז געווען, בלויז פון זיין קנאות און מלחמה לה' בעמלק, און אודאי איז טאקע דארט דער רבי געווען אן 'אש קודש', ווייל ווען עס איז געקומען צו זיך אנצונעמען פארן 'כבוד שמים' - האט געברענט אין אים דער כבוד פונעם אויבערשטן אין זיין תורה הקדושה, אבער **אין אלגעמיין איז דער רבי געווען א 'רך הלבב' און א 'זקן מלא רחמים', א בחינה ווי רש"י זאגט אין פרשת בלק: "מלאך של רחמים וחרבו שלופה בידו".**

דעם רבי'ן(לז), און טאמער איז דער אטמאספער געווען אביסל אנגעצויגן - האט באלד דער רבי עס אויפגעלאזט מיט א גלייכווערטל אויפן פלאץ, און עס איז ווידער געווארן פרייליך אין שטוב(לח).

## דער רבי פון לובלין האט משפיע געווען עשירות און פרנסה בהרחבה

**צווייטע נקודה:** צווישן די פריערדיגע תלמידי בעש"ט און תלמידי רבי ר' אלימלך, איז געווען א מחלוקת איבער די נושא פון משפיע זיין 'עשירות': טייל צדיקים האבן

**לז.** אויסער בשעת ווען א איד ביחידות איז אריינגעקומען צום רבי'ן מיט א קוויטל וכדומה, וואס דעמאלט פלעגט יא פאלן א געוואלדיגע פחד און יראה עילאה. אבער אויף אן אלגעמיינעם פארנעם, יעדעס מאל וואס דער רבי איז געשטאנען און געשמועסט מיטן עולם נאכן דאווענען, צי זיצנדיג ביי א מסיבה אדער א שמחה, אדער גייענדיג אהיים פון בית המדרש וכדומה - איז אלעמאל געווען ארום אים א פרייליכע אטמאספער. עס איז אפשר נישט ריכטיג צו ברענגען א ראיה פון בילדער - א זאך וועלכע איז געווען אפגעפרעגט ביי צדיקי אמת - אבער יעצט אז עס איז שוין למעשה פאראן אזויפיל בילדער, מעג מען זיך אפלערנען דערפון א לימוד: יעדער קען היינט זען קלאר, אויף **אלע הונדערטער בילדער וואס זענען פאראן וואו דער רבי איז ארומגענומען מיט מענטשן,** צי איז דאס אויפן וועג צום און פון ביהמ"ד, צי זיצנדיג ביי שמחות, צי פארנדיג אויפן שיף קיין און פון ארץ ישראל, צי איז דאס ביי א שפאציר אויף די גאסן פון ירושלים, וכדומה - **איבעראל שרייט גאר שטארק ארויס פונעם בילד, אז אלע ארומיגע שמייכלען פון שמחה פון די השראה וואס האט געהערשט במחיצתו פונעם רבי'ן, און מען זעט אויף זיי א געוואלדיגן 'צהלת פנים', מען זעט ממש קלאר, אז אין די ד' אמות פון דעם צדיק, האט זיך געגאסן עמערס מיט שמחה.** (מיטן אויבערשטנ'ס הילף, וועט מען שפעטער (פרק י) צוריק קומען צו דער נקודה און מרחיב זיין איבער דעם).

> **אין אלגעמיין איז דער רבי געווען א 'רך הלבב' און א 'זקן מלא רחמים', א בחינה ווי רש"י זאגט אין פרשת בלק: "מלאך של רחמים וחרבו שלופה בידו".**

**לח.** דער טשימפא רב ז"ל האט אמאל געזאגט: דער רבי איז גרעסער אין קדושה פון אלע צדיקי הדור. און ער האט מסביר געווען: כאטש וואס אונז זענען נישט קיין מבינים און מיר קענען נישט וויסן די דרגא פון קדושה פון צדיקים, איז אבער פאראן א סימן דערויף, און דאס איז די 'שמחה' וואס הערשט ארום דעם מענטש. און **וויבאלד מען זעט בחוש אז ארום דעם רבי'ן איז שטענדיג פרייליך און דערהויבן מיט א געוואלדיגע שמחה - איז דאס א סימן אויף זיין גרויסע מדרגה אין קדושה.**

געהאלטן אז מען דארף משפיע זיין פאר די חסידים בלויז תורה און יראת שמים, ווייל אויף דעם איז מען דאך באשאפן געווארן, און פאר עבודת ה' איז בעסער ווען די פרנסה איז בדחקות. אנדערע צדיקים (און בראשם דער רבי ר' זושא זי"ע) האבן געהאלטן פארקערט, אז כדי אז א איד זאל קענען דינען דעם אויבערשטן מיט א גאנץ הארץ - מוז ער האבן פרנסה בהרחבה, און דייקא דורכדעם וואס עס וועט אים גארנישט פעלן בגשמיות - וועט ער קענען צושטעלן א ריכטיגע עבודה ברוחניות. דער רבי פון לובלין איז געווען פון די צדיקים וועלכע האבן זיך אמערסטנס ארויסגעשטעלט מיט דעם מהלך פון רבי'ן ר' זושא, אז מען דארף משפיע זיין פאר די חסידים א שפע און הרחבה בגשמיות[לט], און אזוי וועלן זיי קענען בעסער דינען דעם אויבערשטן. און אזוי איז טאקע געווען, אז ער האט געוואונטשן און גע'פועל'ט עשירות און פרנסה בהרחבה פאר זיינע תלמידים.

**דער רבי ז"ל איז אויך געגאנגען מיט דעם מהלך, ער איז געווען א בחינה פון 'יוסף הוא המשביר'. א גאנץ לעבן האט ער משפיע געווען געוואלדיגע השפעות פון פרנסה בהרחבה פאר אידישע קינדער**[מ]. פאר א חלק פון זיינע חסידים האט ער געהייסן ארויסגיין טון השתדלות פאר פרנסה, און מיט זיין ברכה זענען זיי נתעשר געווארן און געווארן פון די גרעסטע עשירים אין כלל ישראל. און מען האט טאקע געזען אז די השפעה האט זיי נישט געשאדט אין אידישקייט, דער רבי האט געהאט ריזיגע עשירים - וועלכע זענען געווען פייערדיגע חסיד'ישע אידן מיטן גאנצן ברען

> **דער רבי ז"ל איז אויך געגאנגען מיט דעם מהלך, א גאנץ לעבן האט ער משפיע געווען געוואלדיגע השפעות פון פרנסה בהרחבה פאר אידישע קינדער**

**לט.** עי' בספה"ק אור לשמים (פר' בראשית ד"ה ויאמר אלקים) וזל"ק: "ויבואר עפ"י ששמעתי מכאדמו"ר מוה' יעקב יצחק זצללה"ה מלובלין, פירוש הגמרא, יאה עניותא לישראל וכו', דהיינו בעיני כל האומות נהיה נראין כעניים כדי שלא יקטרגו עלינו אבל **בביתינו יהיה לנו כל טוב**".

**מ.** הרה"ח ר' לייבוש גרינבערג ז"ל - גבאי כולל חיבת ירושלים, האט דערציילט: ער איז אמאל אריינגעגאנגען בקודש פנימה צום רבי'ן זי"ע מיט א קוויטל וואס ער האט אליינס אנגעשריבן. נעמענדיג דאס קוויטל אין האנט, פרעגט אים דער רבי: ווער האט געשריבן דאס קוויטל? האט ער געענטפערט: איך האב דאס אליינס געשריבן. האט אים דער רבי אנגעוויזן אויף די ווערטער וואס ער האט געשריבן 'לפרנסה בניקל', און דער רבי האט אים געזאגט: "ביי פרנסה שרייבט מען נישט 'בניקל' נאר 'בהרחבה', ווען מען בעט פרנסה בעט מען 'בהרחבה'!".

אין אידישקייט. און דאס איז געווען מיטן מהלך פון רבי'ן פון לובלין, וואס ער האט געזאגט[מא], אז אין דער השפעה פון 'עשירות' ליגט אויך א השפעה פון 'יראת שמים'.

✦

## דער דרך פון 'ראפשיץ' - ביים רבי'ן

ביים רבי'ן האט מען געזען בולט עטליכע נקודות וואס ער האט גענומען פון ראפשיץ - צי דורך זיין שווער דער פלאנטשער רב זי"ע, צי דורך זיין קשר צום צאנזער רב - וואס ער איז געווען א תלמיד פונעם ראפשיצער רב. מען וועט אויסשמועסן יעדע נקודה פאר זיך[מב].

### דעם רבי'נס צוגאנג צו 'קנאות' - דער ראפשיצער צוגאנג

**ערשטע און הויפט נקודה:** מיר ווייסן דאך אלע, אז דער רבי האט געפירט א מלחמה לה' בעמלק קעגן די ציונים און אלע זייערע נאכשלעפער. אודאי איז דער

---

**מא.** עי' בספה"ק זרע קודש (פר' וישלח, ליקוטים ד"ה קטנתי) וזל"ק: "ובאמת השפע הבא מן השמים ממולא בכל טוב כאשר **שמעתי מפי אדמו"ר מלובלין שאמר שהוא מתפלל על אדם שיושפע לו עשירות ובהשפעה זו נשפע גם יראת שמים**, כי שפע המקום ב"ה נכלל מכל טוב".

**מב.** **זעלבסט פארשטענדליך:** אלץ וואס מען רעדט דא איבער די 'נקודות' וואס יעדער צדיק האט זיך מער אויסגעצייכנט דערין אלס זיין 'דרך' - איז נישט קיין הלכה למשה מסיני, און עס איז אלעס בלויז בדרך אפשר. ווייל דאס איז נישט קיין קבלה וואס מען האט מקבל געווען, אז זיי האבן 'אליינס' געזאגט עדות אז דאס איז זייער מהלך. אויך איז דאס נישט קיין אפענע שטיקלעך אין זייערע ספרים וועלכע זאגן ארויס, אז דאס איז זייער וועג. דער גאנצער שמועס דא איז געבויעט בלויז אויף די סיפורים וואס די לעצטערע צדיקים די מעתיקי השמועה האבן איבערגעגעבן פארן לעצטן דור דעם 'סגנון' וואס עס איז געווען ביי די פריערדיגע צדיקים, וויאזוי זיי האבן זיך געפירט, וויאזוי האבן אויסגעזען די חסידים פון דעם רבי'ן און וויאזוי האבן אויסגעזען די חסידים פון דעם רבי'ן, און וואס מען האט געוואוסט אלעמאל ביי פארצייטישע חסידים, אז דאס איז דער 'דרך' פון דעם צדיק און דאס איז דער 'דרך' פון יענעם צדיק. אבער ווי געזאגט, איז אלץ בלויז 'בדרך אפשר'.

**נאך א נקודה:** אלע חילוקים און נקודות וואס מען רעדט דא - מיינט מען נישט די

עצם 'כח המלחמה' געקומען פון צאנז - ווי מען וועט באלד צוקומען - אבער דער 'שורש המלחמה' איז געקומען פון ראפשיצער רב זי"ע - אין וועמען דער רבי איז געווען שטארק פארקאכט(מג) - און עס איז צוגעגאנגען מיטן גאנצן ראפשיצער שניט, פון ווייטאגן און וויינען איפן צער פון די שכינה הקדושה(מד), ברענען מיט אן 'אש קודש' פון אהבה צו 'קדושת נשמת ישראל' און צו די תורה הק'.

## זיין 'קנאות' איז געקומען פון א מורא'דיגע אהבה

**אין אנדערע ווערטער:** זינט דער רעיון הציוני איז אויפגעשטאנען, זענען געווען אסאך 'קנאים' - סיי פונעם ליטווישן חדר, און סיי פונעם חסיד'ישן חדר - וועלכע זענען ארויסגעקומען און לוחם געווען מיט א מלחמת חרמה דערקעגן. אסאך פון זיי, איז זייער ברען פון 'קנאות' געקומען מצד דעם 'דקדוק הלכה' וואס האט געפאדערט פון זיי מוחה צו זיין, ביי אנדערע איז עס געקומען מצד א 'שנאה' וואס זיי האבן

צדיקים זעלבסט; ווי מען האט שוין אויבן אויסגעשמועסט, אז מיר האבן נישט קיין שום מינדעסטע השגה אין די צדיקים זעלבסט, און ווי דער רבי האט גאר אסאך גע'חזר'ט און ארייגעברענגט אין אונז דעם יסוד, אז מיר זענען גאר גאר ווייט פון די פריערדיגע דורות, און מיר האבן נישט קיין שום השגה אין זיי. כל שכן אין צדיקים שרפי מעלה. און אמאל רעדנדיג [מיט הגאון ר' יושע געלדצעהלער ז"ל] איבער דעם ענין פון נישט בויען אויף 'מעשיות' - האט ער זיך געגעבן א רוף אָן: "אבער מען דארף וויסן, אז אינעם ר"ר אלימלך און דער ר"ר זושא האבן מיר נישט קיין השגה!". און דעריבער, אלץ וואס מען רעדט דא, איז בלויז פונעם 'הארה' און 'השפעה' וואס די צדיקים האבן ארויסגעגעבן פון זיך - יעדער איינער מיט זיין גוון, זיין שניט און שפראך - וואס די לעצטערע צדיקים 'מעתיקי שמועה' האבן אונז איבערגעגעבן, וואס מען האט געשפירט ביי יעדן צדיק.

**מג.** אין יאר תשל"ו, האט דער מנהל הישיבה געפרעגט דעם רבי'ן: "וועלכער חסיד'ישער ספר זאלן די בחורים לערנען?". האט דער רבי געענפערט: "אין ספר זרע קודש פונעם הייליגן ראפשיצער רב!". האט דער מנהל גע'טענה'ט, אז דאס איז א שווער ספר צו פארשטיין, האט דער רבי געשאקלט מיטן קאפ אלס הסכמה צו זיין טענה. זעט אויס, אז כאטש דער רבי האט געוואוסט אז דאס איז שווער צו לערנען, דאך האט ער שטארק געוואלט אז די בחורים זאלן זיך אנשטרענגען און דאס לערנען. דאס ווייזט אונז זיין דביקות אינעם ראפשיצער רב זי"ע.

**מד.** ווען דער רבי האט געגעבן פאר הגה"צ ר' משה ביק זצ"ל זיין ספר 'על הגאולה ועל התמורה' - האט אים דער רבי געזאגט: "מימות נמרוד איז נישט געווען אזא 'כת' וואס זאל אזוי ווי טאָן פאר די שכינה הקדושה".

פיינט געהאט די רשעים און אפיקורסים, ביי אנדערע איז עס געקומען מיט חשבונות, כדי די ציונים זאלן זיך אפהאלטן פון ארויסגעבן 'גזירות' קעגן די תורה, וכדומה. אבער **דעם רבי'נס גאנצע קנאות איז געקומען פון א מורא'דיגן ברען פארן 'כבוד שמים', 'קדושת ישראל', 'קדושת התורה' און 'קדושת ארץ ישראל'**(מה)! ווי מען קען הערן זיינע בכיות נוראות וואס ער פלעגט וויינען ביי די שלש סעודות תורות און הושענא רבה דרשות, וואס ער האט פארגאסן טייכן טרערן און זיך נישט געקענט בארואיגן דאס הארץ(מו), אז מען טרעט אויף די תורה הקדושה! ער גיבט ארויס א משונה'דיגן וויטאג און צער אויף דעם 'חילול כבוד שמים' וואס מען פארדרייט אידישקייט - כאילו מען קען זיין א איד אָן תורה חס ושלום!

**דעם רבי'נס גאנצע קנאות איז געקומען פון א מורא'דיגן ברען פארן 'כבוד שמים', 'קדושת ישראל', 'קדושת התורה' און 'קדושת ארץ ישראל'**

## ראפשיץ איז אהבה צום שורש הקדושה און א שמירה פון זרים

אט **דער 'שורש הקנאות' איז 'כל כולו ראפשיץ' - וואס דער גאנצער קנאות שטאמט פון א מורא'דיגע 'אהבה' צו די שכינה הקדושה**; ווי דער

**מה.** זעה דעם הייליג לשון פון רבי'ן (דברי יואל מכתבים ח"א מכתב צט) פון יאר תרצ"ג - ווען מען האט אים אנגעטראגן דעם רבנות פאסטן אין ירושלים ת"ו, שרייבט ער דארט וזל"ק: "**הן אמת כי עוצם תשוקת עיה"ק בלבי קשורה**, ולא אוכל לשכוח מתיקות האורה, אשר זכיתי לטעום קצת מעט מזעיר בימים מועטים בתוככי ירושלים העירה, וזה הרבה שנים אשר נפשי אוותה לישיבתה, ועכשיו ביותר מעת אשר זכיתי לראותה, **ומים רבים לא יכלו לכבות את האהבה, אשר בלב ונפש צמאה ורעבה, למנחת יהודה וירושלים העריבה**".

אויך האט ר' יואל אשכנזי ז"ל פון טבריה דערציילט, אז ווען זיין פאטער ר' ברוך איז געפארן קיין ארץ ישראל, איז ער געגאנגען זיך גזעגענען פון זיין פעטער דער קדושת יו"ט, האט דער קדושת יו"ט געהייסן פאר די צוויי יואליש'לעך - דער רבי און ר' יואל אשכנזי - צו עסן אינאיינעם פון איין טעלער. און דער קדושת יו"ט האט דעמאלט געזאגט צו ר' יואל אשכנזי: **"דו פארסט קיין ארץ ישראל, און ער האט 'ליב' ארץ ישראל"**.

**בדרך אגב:** הגה"צ ר' בעריש קאהן שליט"א ראש כוללינו אין אנטווערפן דערציילט, אז אמאל האט ר' יואל אשכנזי באזוכט ביי הרה"ק ר איציקל מפשעווארסק זצ"ל, און ער האט אים דערציילט די דאזיגע מעשה פונעם קדושת יו"ט, האט רבי איציקל געזאגט: יא, 'ארץ' ישראל האט ער ליבו!". ווי איינער זאגט, אבער נישט 'מדינת' ישראל.

**מו.** בשעת'ן שרייבן די הקדמה אויף זיין הייליג ספר 'על הגאולה ועל התמורה', האט ער אינמיטן געגעבן א ווארף אראפ די פענע פון האנט, זאגנדיג: "איך שפיר אז דער מח

זוהר הק' זאגט א לשון (ח"ג נד): "לית קנאה אלא ברחימותא, ומגו רחימותא אתי קנאה" - די 'אהבה' ברענגט 'קנאות'. קומט אויס, אז דעם רבי'נס ברען צו פירן די מלחמה קעגן ציונות - איז געקומען פונעם זעלבן שורש פון וואו עס איז געקומען דעם ראפשיצער רב'ס 'שמירה' אויף חסידות, אפצוהיטן אז אידישקייט זאל נישט פארדרייט ווערן.

**דער 'שורש הקנאות' איז 'כל כולו ראפשיץ' – וואס דער גאנצער קנאות שטאמט פון א מורא'דיגע 'אהבה' צו די שכינה הקדושה**

## די תפלות נוסח ראפשיץ – כבן המתחטא לפני אביו

**צווייטע נקודה:** דער אופן וויאזוי דער רבי פלעגט דאווענען פארן עמוד שבתים און ימים טובים - איז געווען אויפן ראפשיצער שניט פון בענקשאפט און כיסופין. און אזוי אויך ביי אלע אנדערע תפלות, בפרט ביי ברכת קריאת שמע, הלל, און תפלת מוסף, וואס אלץ איז צוגעגאנגען מיט אזעלכע טיפע געגועים און השתוקקות(מז), כבן המתרפק לפני אביו. דאס האט ער גענומען פון זיין שווער דער פלאנטשער רב זי"ע - אין וועמען דער רבי איז געווען זייער דבוק און גאר שטארק מפליג געווען בשבחו. און עד היום הזה זענען געבליבן אין סאטמאר פארשידענע ראפשיצער תנועות און נוסחאות וואס דער רבי האט גענומען פון זיין שווער, וואס ער האט דאס געברענגט פון ראפשיץ.

## די ראפשיצער חכמה און ווערטלעך

**דריטע נקודה:** בכלל זענען זייער אסאך 'נקודות' פונעם רבי'נס באנעמונג און

---

שטעלט זיך מיר אפ, **איך האלט עס מער נישט אויס!**". (מתוך הקדמת הרה"ח ר' יוסף אשכנזי משב"ק לספר על הגאולה). אויך זעה וואס דער רבי אליינס שרייבט דארט: "והיה בדעתי לכתוב כל הקונטרס בעצמי וכו', ושנית לא אוכל מחמת מצב בריאותי שלא אוכל לכתוב בזה הרבה, **"כי הציקתני רוחי ובטני וחם לבבי בקרבי בכתבי דברים האלה"**, השי"ת יעזור שלא יזיק לבריאתי שאוכל לעמוד על המשמר". און אזוי האט דער רבי געזאגט צו רבי משה אריה פריינד זצ"ל, פארוואס ער האט נישט אליינס געשריבן דעם 'על הגאולה': "ווייל עס האט מיר געבלוטיגט דאס הארץ, **איך האב געשפירט אז איך וועל עס נישט אויסהאלטן!**". און צו איינער פון די רבנים וועלכע האבן דעמאלט באזוכט ביים רבי'ן - האט ער אים געזאגט: "דאס האב איך געשריבן מיט בלוט, נישט מיט קיין טינט".

**מז.** ווער עס קען די ראפשיצער ניגונים און נוסחאות ווייסט, אז אלץ גייט צו מיט א תנועה פון בענקשאפט קרעכצן און טיפע געגועים.

'הלוך ילך' - געווען געשניטן מיטן ראפשיצער שניט. דער רבי האט געהאט אן ענין פון מאכן ווערטלעך - וואס דאס איז אויך געווען א ראפשיצע אייגנשאפט. דער רבי איז געווען א 'חכם מחוכם' מיט א געוואלדיגע טיפע און גרינטליכע חכמה - וואס דאס איז דאך געווען אין ראפשיץ פון די גרעסטע זאכן; ווי ער האט געהייסן שרייבן אויף אים 'יחיד בדורו בחכמת אלקות'(מח).

## דער ראפשיצער אופן – באהאלטן די מדרגות אין 'פשטות'

**זיין מהלך איז געווען זיך צו באהאלטן אין א לבוש פון 'פשטות',**

**פערטע נקודה:** דעם רבי'נס שניט אין 'הצנע לכת' - צו באהאלטן דאס גדלות און די מדרגות - איז געווען 'נוסח ראפשיץ'. דאס הייסט, זיין מהלך איז געווען זיך צו באהאלטן אין א לבוש פון 'פשטות', און זיך אויפפירן ווי א פשוט'ער מענטש צווישן מענטשן, רעדן און שמועסן מיט יעדן כאחד האדם, אזוי ווייט אז **צומאל האבן די ארומיגע נישט אויפגעכאפט אז זיי שטייען דא פאר א מלאך אלקים**(מט).

**מח.** ביים הספד אויף די ערשטע רביצין ע"ה, האט דער רבי געזאגט אויף איר: "ביי איר האט מען געזען די 'חכמה' פון ראפשיץ". אזוי אויך אין זיין ספר ויואל משה, דרוקט זיך דער רבי אויס אויפן ראפשיצער רב מיטן טיטל: '"מרן הקדוש אבי החכמים".

**דער סיגוטער אופן – באהאלטן די מדרגות אין 'רבנות'**

**מט.** דער דרך פון זיך פארשלייערן אין 'באהאלטנקייט' - איז געווען ביי אסאך צדיקים. עס איז אבער געווען חילוקים אינעם אופן 'וויאזוי' זיך צו באהאלטן, לדוגמא: דער ייטב לב און קדושת יום טוב האבן געהאט מורא'דיגע מדרגות און רבי'שע ענינים, זיי האבן אבער נישט געוואלט אז דער עולם זאל מיטהאלטן זייערע ענינים און מדרגות, האבן זיי אלעס באהאלטן אין 'הנהגת העדה' אדער אין 'הרבצת התורה'; ווי דער רבי האט אמאל געזאגט, אז מיט דעם ענין פון 'זיך באהאלטן', איז דער ייטב לב געווען דער גרעסטער אין זיין דור. דאס הייסט, אנשטאט מען זאל זיי אנקוקן ווי א פאר'דביקות'טער רבי - זאל מען זיי ענדערש אנקוקן ווי א טעטיגער שטאט'ס 'רב' וועלכער פסק'נט שאלות, און ווי א געטרייער 'ראש ישיבה' וועלכער לערנט פאַר שיעורים פאר די בחורים. און זייערע רבי'שע חלקים איז געווען בלויז 'בינם לבין קונם' און עס איז כמעט קיינמאל נישט נתגלה ווערן אינדרויסן. און אויב האט זיך עס אמאל בטעות ארויסגעכאפט - האבן זיי דאס באלד אוועקגעמאכט און פארענטפערט על פי פשטות.

## דער ראפשיצער אופן – באהאלטן די מדרגות אין 'פשטות'

ווידעראום, דער ראפשיצער רב האט באהאלטן זיינע מדרגות אין 'פשטות'! ער האט זיך אהערגעשטעלט ווי א מענטש צווישן מענטשן! ער האט זיך משדך געווען מיט פשוט'ע אידן! ער האט גערעדט און געשמועסט מיט יעדן פראסטן דארפסמאן - ווי מיט זיינ'ס א חבר! די שטוב מענטשן וועלכע האבן זיך געדרייט ארום אים - זענען דירעקט געווען גאר פשוט'ע מענטשן און עמי הארצים! די ראפשיצער קינדער פלעגן זיצן ביי די קור ערטער אויף די בענק - צוזאמען מיט אלע פשוטי עם! און בלויז פון מאל צו מאל, האבן זיי געקענט זיך נעמען רעדן פון זייער גרויסקייט מיט א געוואלדיגע ברייטע שפראך. און מיט דעם דרך האט מען אין ראפשיצער חדר מצליח געווען צו פארנארן דעם עולם, אז די ארומיגע זאלן נישט אלעמאל אויפכאפן אז זיי שטייען דא פאר א צדיק וואס איז טמיר ונעלם.

**אזוי ווייט אז צומאל האבן די ארומיגע נישט אויפגעכאפט אז זיי שטייען דא פאר א מלאך אלקים**

## דער רבי האט אנגענומען דעם ראפשיצער דרך אין 'הצנע לכת'

דעם רבינ'ס דרך אין זיך 'באהאלטן' איז נישט געווען אויפן סיגוטן מהלך - נאר מער אויפן ראפשיצער מהלך; ווי מען האט געזען ביים רבי'ן, אז ער איז נישט געווען דער סארט רבי וואס איז אפגעטיילט פונעם ציבור, א שטייגער ווי די רוסישע רבי'ס וועלכע זענען געווען דערהויבן און העכער פונעם גאנצן ציבור, און זיך געלעבט אפגעזונדערט פון יעדן, נאר פונקט פארקערט, ער האט געשמועסט מיט יעדן פשוט'ן מענטש - און אפילו מיט יונגע בחורים - גלייך אויף גלייך! ער האט נישט מקפיד געווען אז זיינע שטוב מענטשן און ארומיגע זאלן זיין דוקא בני עליה און תלמידי חכמים! ער פלעגט זיצן ביי מיטינגען מיט ראשי קהילה און מנהלי המוסדות - וועלכע זענען געווען פשוט'ע בעלי בתים, און ער האט מיט זיי יעדן גערעדט כאחד מן השורה - כאילו ער איז אויפן זעלבן דרגא! דאס איז געווען א לבוש פון 'פשטות' מיט וואס ער האט זיך באהאלטן. אבער פון צווייטן זייט, זענען געווען געוויסע רבי'שע ענינים - וואס דארט האט ער זיך נישט באהאלטן, נאר ער האט געפראווועט רבי'סטווע במלוא מובן המלה. לדוגמא: דער רבי'שער אופן וויאזוי ער האט געליינט 'קריאת התורה' יעדן שבת און 'קריאת המגילה' פורים. אדער דער רבי'שער אופן וויאזוי ער האט געטאנצן הקפות שמחת תורה. אדער די עבודה וואס ער האט געהאט ביים מסדר זיין זיינע געלטער - וועלכע געלט צו נוצן פאר דעם צוועק, און וועלכע געלט בכלל נישט צו ניצן - וואו ער האט ארויסגעוויזן א מורא'דיגע התגלות פון רבי'שקייט און אפענע רוח הקודש. דאס אלעס איז ממש געווען 'נוסח ראפשיץ'.

## אין ראפשיץ איז דאס 'באהאלטנקייט' געווען א חלק פון זייער פריוואטע עבודה

**שורש החילוק:** אין ראפשיץ איז דער ענין פון 'באהאלטנקייט' געווען א געוויסע

## ביי אונז האט מען גארנישט געטוישט פונדרויסן – נאר פון אינעווייניג

האט דער רבי אמאל אליינס געזאגט, ביי אונז האט מען אנדערש געטון, מען האט גענומען אלע 'ענינים', און דאס אריינגעלייגט אין די הנהגה וואס מען האט זיך געפירט ביז יעצט"

בשייכות צו דער נקודה פון באהאלטן די מדרגות אין פשטות - האט דער רבי אמאל אליינס געזאגט גאר א יסודות'דיגע נקודה, וואס עס ליגט דערין זייער אסאך, ער האט געזאגט בזה הלשון: "**עס זענען דא אזוינע, וואס ווען זיי האבן אן 'ענין' - ווערן זיי לויט דעם טוישן זייער 'הנהגה למעשה'. אבער ביי אונז האט מען אנדערש געטון, מען האט גענומען אלע 'ענינים', און דאס אריינגעלייגט אין די הנהגה וואס מען האט זיך געפירט ביז יעצט**". דאס הייסט, מען האט געזען ביי אנדערע צדיקים כסדר'דיגע 'שינוים' - לויט זייער השגה און צורך אין יענע תקופה. אמאל האט מען געדארפט ממשיך זיין א 'עבודה' פון זייער פריוואטע עבודה בינם לבין קונם. און צוליב דעם האבן זיי דירעקט געזוכט צו פארנארן דעם עולם און זיך אהערשטעלן ווי א פשוט'ער מענטש. פון צווייטן זייט, טאמער האבן זיי אמאל געהאט א צורך וואס זיי האבן געהאלטן אז יעצט איז די עבודה פארקערט, דייקא זיך נישט צו באהאלטן - האבן זיי זיך ארויסגעוויזן מיטן גאנצן רבי'שקייט! זיי האבן געפראוועט רבי'סטווע מיטן גאנצן פארנעם! דעמאלט האבן זיי גערעדט פון זיך אויף א רבי'שע שפראך - מיטן גאנצן ברייטקייט!

### אין סיגוט איז דאס 'באהאלטנקייט' געווען א חלק פון 'הנהגת הכלל'

ווידעראום, אין סיגוט איז דער ענין פון 'באהאלטנקייט' געווען א מהלך אין 'הנהגת הכלל'. זיי האבן געהאלטן אז מען דארף אוועקשטעלן ביים ציבור א נארמאלקייט פון 'פשטות התורה'! די אלע רבי'שע און העכערע מושגים - קומען נישט צו צום חשיבות פון 'העמדת הדת על תילה'! דער עיקר הנהגה וואס דער ציבור דארף באקומען פון זייער מנהיג איז, דרשות מוסר, תקנות, שיעורים וכדומה - אלעס, כדי אוועקצושטעלן פשוט'ע אידישקייט! און דערפאר האבן זיי זיך קיינמאל נישט גע'חבר'ט מיט די פשוט'ע אידן און זייערע גבאים זענען געווען דייקא תלמידי חכמים און קרואי שם, ווייל כדי צו היטן אויפן 'כבוד הרבנות' האבן זיי זיך געהאלטן בכבוד'דיג. און פון צווייטן זייט, האבן זיי קיינמאל נישט געלאזט ארויסרינען זייערע רבי'שע חלקים ברבים. יעדע מדרגה און רבי'שע ענין - האט געמוזט בלייבן 'הסתר בתוך הסתר' אויף אייביג! ווייל דאס קען פארדרייען און אפשוואכן דעם 'כח הרבנות'! דער גאנצער 'אופן ההנהגה' מוז אלעמאל זיין בלויז על פי פשטות התורה.

געוויסע הארה, אדער פועל'ן א ישועה פאר א איד - האט מען געזאגט אנדערש ביים דאווענען אדער געמאכט א געוויסע תנועה - כדי ממשיך צו זיין אט די הארה. אבער אונזערע רבי'ס - אפילו אויב זיי האבן געהאט זייערע 'ענינים' און 'רמזים' וואס עס וואלט געווען פאסיג צו טון געוויסע פעולות לויט דעם - אבער דאך האבן זיי גארנישט משנה געווען פון זייער נארמאלער שטייגער, די הנהגה איז אלעמאל געבליבן די זעלבע, נאר זיי האבן אריינגעלייגט אלע זייערע 'כוונות' און 'רמזים' - אין זייערע געהעריגע הנהגה.

## דער דרך פון 'צאנז' - ביים רבי'ן

ווי געשמועסט פריער, האט דער צאנזער רב ווייטער ממשיך געווען דעם דרך פון ראפשיצער רב - און דאס אויסגעפירט און אראפגעברענגט ביז צום עולם העשיה - פירנדיג א מלחמה קעגן אלע וואס האבן געוואלט טשעפן אידישקייט.

> **על פי 'תורה' טארן אידן נישט האבן קיין מלוכה פאר ביאת המשיח! און יעדע סארט 'חלק' און 'סיוע' פאר די מדינה – איז קעגן די 'הלכה'! דאס איז דער צאנזער שניט, אז אלעס דרייט זיך ארום תורה! מיר האבן א גמרא און א שולחן ערוך, און יעדער בירור מוז זיין געבויעט אויף תורה!**

### דער אופן המלחמה קעגן ציונות – צאנז בתפארתה

**ערשטע און הויפט נקודה:** דער רבי אליינס האט קלאר געזאגט, אז זיין דרך קומט פון 'צאנז' און 'חתם סופר'. (דעם קשר צו 'חתם סופר' איז א שמועס פאר זיך, און מען וועט שפעטער [פרק ה] ארומרעדן דערוועגן). און באמת האט דער רבי געהאט אין זיך א שילוב פון ביידע כוחות: ראפשיץ און צאנז. ווייל כאטש וואס ביי די 'שלש סעודות תורות' און די הושענא רבא דרשות איז ער נישט אריין אינעם 'חלק ההלכה', נאר ער האט בלויז געוויינט און געוויטאגט אויפן חילול 'כבוד שמים' און אויף דער 'מרידה במלכות שמים' וואס די ציונים האבן אויפגעשטעלט בהיכל ה' שמה - וואס דאס איז די נקודה פון ראפשיץ; ווי אויבן געשמועסט - האט ער אבער געפירט די בפועל'דיגע מלחמה דערקעגן - מיטן צאנזער שניט! ווייל ווען עס איז געקומען צו שרייבן דעם ספר 'ויואל משה' קעגן די קליפה פון ציונות - האט ער מברר געווען **א געוואלדיגן בירור על פי 'תורה', וואו ער האט אויפגעוויזן אז על פי 'תורה' טארן אידן נישט האבן קיין מלוכה פאר**

**ביאת המשיח! און יעדע סארט 'חלק' און 'סיוע' פאר די מדינה - איז קעגן די 'הלכה'!** דארט איז ער נישט מוחה בלויז מיט געפילן פון צער אויף 'חילול כבוד שמים' - נאר ער איז דאס מברר פון די טרוקענע גמרא און פוסקים! **דאס איז דער צאנזער שניט, אז אלעס דרייט זיך ארום תורה! מיר האבן א גמרא און א שולחן ערוך, און יעדער בירור מוז זיין געבויעט אויף תורה!** דא האט דער רבי פארקערפערט אין זיךביידע כוחות: דער 'שורש המלחמה' איז געקומען פון דעם ראפשיצער ברען פאר 'כבוד שמים' און פאר די ריינקייט פון 'קדושת ישראל'. און דער 'אופן המלחמה' איז געקומען פון דער צאנזער שארפקייט און אפנקייט, זיך ארויסצושטעלן אפן. און אלעס מיטן 'כח התורה' - מברר צו זיין דעם ענין פון דער שולחן ערוך און פוסקים.

**זיין עיקר נקודה איז געווען זייער פשוט: די 'תורה' לאזט נישט האבן א מדינה! אין שולחן ערוך שטייט אז מען טאר דאס נישט טון! דאס איז ממש 'צאנז בתפארתה'.**

## דער רבי האט געפירט די מלחמה מיט א גראדקייט: עס איז נגד התורה

עס זענען געווען געוויסע 'גדולי תורה', וואס זייער 'אופן המלחמה' קעגן ציונות איז געווען בלויז 'מחאות' קעגן זייערע גזירות. אויך זענען געווען קנאים פון די רוסישע חסידות'ן, וואס זיי האבן זיך בעיקר באצויגן צו דער סתירה פונעם 'רעיון הציוני' צום 'מהות' פון א איד, אז די ציונים מאכן דעם 'עם ישראל' אלס אן 'אומה בין האומות', און באמת איז כלל ישראל א 'יצירה בפני עצמה'[ג]. אבער דער רבי איז נישט אריינגעגאנגען אזוי ווייט אין די אלע פרטים פון 'גזירות נגד התורה', ער איז נישט אריין אין קיין טיפע הסברים אינעם 'עמקות הרעיון', **און ער האט נישט געפירט קיין חשבונות און מערכות קעגן דעם 'גברא' - נאר קעגן די 'חפצא'. ווייל זיין עיקר נקודה איז געווען זייער פשוט: די 'תורה' לאזט נישט האבן א מדינה! אין שולחן ערוך שטייט אז מען טאר דאס נישט טון! דאס איז ממש 'צאנז בתפארתה'.**

---

**ג.** אויך איז געווען דער קנאות פון דעם מונקאטשער רב זצ"ל, וואס ער האט זיך בעיקר מער באצויגן צו די 'מענטשן'; ווי ער רופט זיי 'אנשי רשע וכתות המזרחי למיניהם', ער האט לוחם געווען קעגן די 'רשעים', וואס מיט דעם האט ער ממשיך געווען די מלחמה פון זיין זיידן דער הייליגער בני יששכר זי"ע, וואס ער האט כל ימיו לוחם געווען קעגן די משכילים און מחבלי כרמים.

## דער וועג וויאזוי צו מעסטן 'גדולים' – בלויז דורך פשטות התורה והאמונה

**צווייטע נקודה:** עס זענען געווען פארשידענע ליטווישע אדער אמעריקאנע גדולים, וועלכע זענען געווען גאר ווייט פון חסידות און פונעם רבי'ן. אבער אויב האט יענעמ'ס מהלך נישט אנגערירט די יסודות פון אמונה - האט דער רבי געהאלטן אז יענער איז אויסגעהאלטן! און טאמער האט נאך יענער געהאט אין זיך א געוויסע גדלות - האט אים דער רבי זייער מקרב געווען און זיך אפילו אויסגעדרוקט געוויסע הפלגות אויף אים. און אסאך חסיד'ישע אידן האבן זיך זייער געוואונדערט דערויף און דאס נישט געקענט פארשטיין, אבער ביים רבי'ן האט זיך אלעס געמאסטן תורה'דיג; ווי דער צאנזער רב האט אוועקגעשטעלט, אז **'נאר' די תורה איז אלעמאל דער 'קובע'. און דערפאר, טאמער שטימט יענער מיט די תורה - איז ער נישט אפגעפרעגט** - כאטש ער גייט נישט מיט אונזער לבוש וכדומה[נא]. פון צווייטן זייט, איז אויך געווען פארקערט: עס האט געקענט זיין א רב אדער א רבי - וועלכער איז זייער גרויס אין תורה און אפילו אין מדריגות, אבער וויבאלד ער האט נישט געשטימט מיטן 'פשטות התורה' - האט יענער בכלל נישט עקזיסטירט! יענער איז אינגאנצן אראפ פון טיש און מען האט אים נישט גורס געווען! ווייל בלויז די תורה און אמונה איז דער מעסטער אויף 'יא' אדער אויף 'נישט'.

> **'נאר' די תורה איז אלעמאל דער 'קובע'. און דערפאר, טאמער שטימט יענער מיט די תורה – איז ער נישט אפגעפרעגט**

## דאס אוועקשטיין פון דער מאדע און חוקות הגוי – איז א צאנזער ירושה

**דריטע נקודה:** דער דגוש וואס דער רבי האט שטארק געלייגט אויף 'התבדלות מחוקי הגוי', אז מען מוז אלעמאל זיין אנדערש פונעם גוי און פון דער מאדע - ביי

---

**נא.** כלפי דעם גר"א, שרייבט דער רבי א לשון (ויואל משה מאמר שלש שבועות אות קפ"ב): "שניהם [המגיד ממעזריטש והגר"א] לדבר אחד נתכוונו, כי בעיקרי התורה ויסודותיה היה כוונת שניהם בלתי לה' לבדו". אין א צווייטן פלאץ (ליל ב' דפסח תשכ"ד) רעדט דער רבי ארום, אז עס איז פארהאן אמאל א יחיד וואס קען אוועקשטעלן דעם גאנצן דור 'על תילה', זאגט דער רבי דאס לשון: "למשל, דער בעש"ט און דער גר"א". אויך זעה דעם לשון אין שו"ת דברי יואל (סי' צ"ז אות י') "הגר"א ז"ל דרכו לקצר בכל מה דאפשר, ולא כתב אף דיבור לבטלה".

יעדע סארט בגד, סיי ביי 'נשים' און סיי ביי 'אנשים', כדי מען זאל אנזען אונזער אידישקייט פונדרויסן אויף יעדן טריט און שריט - דאס אלעס קומט בעיקר פון צאנז(נב), וואס ער האט עס מקבל געווען פון רבי'ן ר' מענדעלע פון רימנוב זי"ע.

## אלס פריוואטער עובד ה' איז ער געווען א צאנזער געשטעל

**פערטע נקודה:** אין די פרטיות'דיגע עבודת ה' פונעם רבי'ן - וועלכע איז נישט נוגע צו 'הנהגת הכלל' - איז דער רבי געווען א שטיק צאנז(נג). אלעס איז געגאנגען מיט מסירות נפש און אָן קיין טבע'דיגע גבולות! ער האט אויפגעשטעלט מוסדות - אָן וויסן פון וואו ער וועט דאס קענען דעקן! ער האט פארטיילט ריזיגע סכומים אויף צדקה - למעלה מגדר אנושי! ער איז אויך געווען גאנצע נעכט און געלערנט תורה! ער האט געברענט און געקאכט ביי יעדע מצוה! דאס איז אלעס געווען אויפן צאנזער שטייגער. ווי אויך דער גאנצער סגנון און אופן וויאזוי דער רבי האט געפראוועט שבתים און ימים טובים - איז געווען מיטן צאנזער שניט: דאס אריינציען ביז אין די שפעטע שעות 'למעלה מן הזמן', דער ברען און קאך, די תורה זאגן, דאס געמיש פון 'התעוררות' מיט 'שמחה' - דאס איז אלעס צוגעגאנגען מיטן צאנזער מהלך(נד).

**א איד האט זיך אמאל אפגערעדט פארן רבי'ן אז עס איז זייער שווער צו זיין א סאטמארער חסיד, האט אים דער רבי צוריק געפרעגט: "וואס הייסט? א הרגש אין 'עשיית המצוה' איז דען גארנישט?!".**

---

**נב.** שפעטער (פרק ה) וועט מען בעזר ה' ארומרעדן, איבער דעם כח פון 'התבדלות' וואס מען האט געזען ביים רבי'ן - וואס דאס נעמט זיך בשורש פון מרן החתם סופר.

**נג.** אינטערעסאנט אנצומערקן עטליכע השוואות: די יארצייט פונעם רבי'ן געפאלט אלעמאל דעם זעלבן טאג אין וואך ווי די יארצייט פון צאנזער רב - כ"ה ניסן. ביי ביידע צדיקים איז געווען דאס לעצטע יאר ביי "בואי בשלום" א שטארקע התגלות. אויך איז ידוע וואס דער נאסוד'ער רב האט געזאגט, אז דער רבי איז דער זעלבער שורש נשמה ווי דער הייליגער דברי חיים, און אזוי זענען פארהאן נאך פארשידענע השוואות.

**נד.** **בכלל:** יעדעס מאל וואס דער רבי האט גערעדט וועגן דעם צאנזער רב - האט ער זיך געקאכט און געגוצט מורא'דיגע לשונות און הפלגות, וואס ער האט נישט געניצט אויף קיין שום צדיק. לדוגמא: דער רבי האט אמאל געשמועסט, אז יעדעס מאל ווען עס ענדיגט זיך א תקופה - איז דער לעצטער צדיק פון דער תקופה, גרעסער פון אסאך פריערדיגע וואס זענען געווען פאר אים. און דער רבי האט דאס צוגעגליכן צו א לעכט,

## ברענען און קאכן צו יעדע מצוה און דבר שבקדושה

**פינפטע נקודה: דער אופן וויאזוי דער רבי האט געמאכט אן 'עסק' און א גאנץ געטועכטס ארום יעדע מצוה, און ער האט אריינגעברענגט אינעם ציבור א קאך און א ברען צו יעדן דבר שבקדושה - דאס איז לויטער צאנז! וואס דאס איז געווען דער**

וואס איידער עס פארלעשט זיך - פלאמט עס גאר אויף מיט א גרעסערן פייער ווי פריער. די זעלבע זאך, יעדעס מאל וואס א תקופה ענדיגט זיך און די קדושה ווערט ווייניגער - צופלאמט זיך עס ביים ענדע. און דער רבי האט דערביי געגעבן עטליכע דוגמאות: רבינו הקדוש - דער לעצטער פון 'תקופת התנאים', דערפאר האט ער מסדר געווען די משניות. רב האי גאון - דער לעצטער פון 'תקופת הגאונים', דערפאר איז ער געווען גרעסער פון פריערדיגע גאונים. דער רא"ש - דער לעצטער פון 'תקופת הראשונים', דערפאר איז ער געווען גרעסער פון אסאך ראשונים פריער. און דער רבי האט אויסגעפירט מיט א מבהיל'דיגן לשון שלא כדרכו: "דער צאנזער רב - איז געווען דער לעצטער פון 'תקופת תלמידי בעל שם', דערפאר איז ער איז געווען גרעסער פון צדיקים פאר אים!". געוועגליך פלעגט אלעמאל דער רבי חזר'ן מיטן עולם די מימרא פון די גמרא (שבת ק"ד ע"ב) "אם ראשונים כמלאכים אנו כבני אדם" - אז די פריערדיגע זענען אלעמאל גרעסער, און ער האט זיך געערגערט אויף די וועלכע זאגן אז זייערע היינטיגע רבי'ס זענען גרעסער פון די פריערדיגע, אבער ווען עס איז געקומען צו 'צאנז' - איז ער ארויסגעגאנגען פון זיין שטייגער, און געזאגט אז ער איז יא געווען גרעסער פון די פריערדיגע.

אויך איז דא א מעשה, אז דער רבי האט געהערט ווי דער עולם שמועסט, אז די ליובאוויטשער זאגן: 'וואס א דור שפעטער - איז דער רבי גרעסער'. און דער רבי האט דאס שארף אוועקגעמאכט און נאכגעזאגט די גמרא: "אם הראשונים כמלאכים אנו כבני אדם" - נו, ווי קען מען זאגן אז היינטיגע זאלן זיין גרעסער פון די פריערדיגע?! דארט איז געזעסן א פארצייטישער קאלאשיצער חסיד, האט ער זיך אנגערופן: "ביי אונז האט מען טאקע אזוי געוואוסט, אז וואס א דור ארויף - איז מען געווען גרעסער, דער קאלאשיצער רב, דער שינאווער רב, דער צאנזער רב, און אזוי ווייטער". ווי דער רבי האט געהערט דערמאנען דעם הייליגן דברי חיים, האט ער זיך אנגערופן מיט התרגשות: "דו זעסט? 'ער' איז יא געווען גרעסער פון די פריערדיגע! אבער **ער** - איז דאך געווען אן אויסנאם". און דערנאך האט ער ווייטער ממשיך געווען מיטן שמועס, אז ווי פריער איז גרעסער. און איינמאל ביי א געלעגנהייט, ווען דער רבי האט גערעדט איבער דעם אז דער הייליגער דברי חיים איז געווען גרעסער ווי די פריערדיגע, האט זיך איינער אנגערופן: "יא! דער צאנזער רב איז געווען א גאון הגאונים", האט דער רבי געזאגט: "ניין, מיט זיינע מדריגות איז ער געווען גרעסער!".

עיקר נקודה וועלכע איז אראפגעקומען פונעם רבי'ן ר' אלימלך, דורך לובלין, ראפשיץ, צאנז - ביז צום רבי'ן, וועלכער האט דאס ווייטער ממשיך געווען צו אונז און אונזערע קינדער.

## דא גיבט מען אריין א הרגש אין א מצוה

א איד האט זיך אמאל אפגערעדט פארן רבי'ן **אז עס איז זייער שווער צו זיין א סאטמארער חסיד, ווייל פון איין זייט איז מען גאר שטארק מחמיר אויף אזויפיל ענינים, און פון די אנדערע זייט האט מען גארנישט קיין שום אייגענעם מהלך.** האט אים דער רבי צוריק געפרעגט: **"וואס הייסט? א הרגש אין 'עשיית המצוה' איז דען גארנישט?!"**. דאס ווייזט אונז, ווי דער רבי אליינס האט מגדיר געווען זיין פלאץ, אז דא גיבט מען אריין א הרגש און התלהבות אין יעדן דבר שבקדושה(נה), וואס דאס איז געווען דער מהלך פונעם צאנזער רב זצ"ל(נו).

**דער 'שלחן ערוך' איז העכער פון אלעם, אויסלערנען צו מעסטן זאכן - בלויז על פי תורה, זיך קאכן נאר אין די יסודות פון אידישקייט, דאס איז אלעס יסודות וואס ער האט ממשיך געווען פון צאנז**

## דער סך הכל פון אונזער צאנזער ירושה

**סיכום הדברים:** דער מהלך החיים פונעם רבי'ן זכרונו לברכה - איז געווען 'כל כולו צאנז'. סיי בנוגע דעם רבי'ן זעלבסט: זיין לימוד תורה בלילות, זיין עבודת הצדקה, זיין ברען און קאך אין יעדע 'עסק המצוה', זיין 'סדר היום והלילה', זיין מהלך וויאזוי אפצורעכטן א שבת און יום טוב - אלעס איז געווען מיטן צאנזער סגנון. און אזוי אויך בנוגע זיין הנהגה וואס ער האט געלערנט מיטן ציבור: מאכן דעם עיקר פון 'עולם המעשה', אוועקשטעלן דעם פונדאמענט - **אז דער 'שלחן ערוך' איז העכער פון אלעם, אויסלערנען צו מעסטן זאכן - בלויז על פי תורה, זיך קאכן נאר אין די יסודות פון אידישקייט - נישט אין קיין**

**נה.** **יסודתו בהררי קודש:** דער ענין פון שפירן א הרגש און א ברען אין א מצוה - איז באמת פון די גרעסטע יסודות פונעם בעש"ט ותלמידיו הק', און אי"ה שפעטער ביים סוף פונעם שמועס (פרק ח), וועט מען צוריק קומען דערצו.

**נו.** דער רבי ז"ל שרייבט א לשון אין די תשובות (סימן ט"ו אות ד') "ומי לנו גדול בזהירות המצוה ממרן הק' בעל דברי חיים ז"ל".

**פרטים, נישט מאכן קיין איבריגע עסק פון מנהגים און קפידות, זיך פירן יעדעס מאל לפי הענין און רצון ה' אינעם יעצטיגן מציאות - דאס איז אלעס יסודות וואס ער האט ממשיך געווען אויף ווייטער פון צאנז**[נז].

**נז. מעשה שהיה:** איינמאל נאכן געבן א שיעור ברבים אין דער סוגיא פונעם רבינ'ס דרך, ווי מען האט ארומגערעדט איבער דעם, אז דעם רבי'נס עיקר דרך איז געווען 'צאנז' - איז צוגעקומען איינער פון די עלטערע אידן און טעטיגע ראשי קהילה דורכאויס אלע יארן, און מיט א שטארקן ברען האט ער געטענה'ט: "עס איז נישט ריכטיג וואס מען האט געזאגט! דער רבי האט גארנישט געהאט מיט צאנז! (חוץ פונעם ענין פון פאה נכרית [שייטלער], וואס דער רבי האט אנגענומען דעם איסור פון צאנזער רב). זיין טאטע דער קדושת יו"ט איז טאקע געווען פארקאכט אין צאנז, אבער דער רבי איז געווען בלויז איין שטיק חתם סופר!". אין דער זייט איז געשטאנען א דערהויבענער חסיד'ישער אינגערמען, און צוגעזען ווי דער איד שרייט מיט א ריתחא דאורייתא. ווען דער איד איז אוועקגעגאנגען, קומט ער צו און זאגט: **"דו האסט געזען דעם 'קאך' פון דעם איד?! דו האסט געזען דעם 'ברען' - ווי ער האלט נישט אויס אז מען זאגט אנדערש פון וואס ער האלט פאר ריכטיג?! דאס איז דאך 'צאנז בתפארתה'! סאטמאר איז א שטיק צאנז...".** ודפח"ח.

**"דו האסט געזען דעם 'קאך' פון דעם איד?! דו האסט געזען דעם 'ברען'?! דאס איז דאך 'צאנז בתפארתה'! סאטמאר איז א שטיק צאנז...".**

# פרק ד

## מורשה קהלת יעקב:
# די הנהגה פון 'חיי קהלה' - א המשכה פונעם חתם סופר

מען האט פריער דערמאנט, אז דער רבי האט אליינס געזאגט(נח), אז זיין דרך איז געבויעט אויף 'צאנז' און 'חתם סופר'(נט).

**נח.** ווי ווייטער ערקלערט, איז **דער 'שילוב' - צווישן די צוויי דרכים, 'חסידות' מיט 'חתם סופר' - שוין געווארן אוועקגעשטעלט דורכן הייליגן ייטב לב**, ווייל רוב פון די עניני הנהגת הקהלה וואס מען איז דא מייחס צום חתם סופר - האט שוין אויך דער ייטב לב - איינגעפירט אין זיין קהלה. און דער רבי האט דאס ווייטער ממשיך געווען מיט א געוואלדיגן שטארקייט, און מצליח געווען דאס איבערצופלאנצן אינעם נייעם סדר החיים פון אידישקייט אין אמעריקע נאך די מלחמה; ווי מען וועט רעדן שפעטער (פרק ו) פון דעם חלק.

**דער 'שילוב' - צווישן די צוויי דרכים, 'חסידות' מיט 'חתם סופר' - שוין געווארן אוועקגעשטעלט דורכן הייליגן ייטב לב**

אויך דער עצם מושג פון זיין א תלמיד פון צדיקים הקודמים - האט דער רבי געזען ביים ייטב לב; ווי עס ווערט דערציילט אין ספר עזר מקודש (להרה"ח רבי עזריאל גליק ז"ל משב"ק) עמוד תצ"ו: ביי א סעודת משתה היין וואס דער רבי זי"ע האט געפראוועט אין קראלי ביום הפורים, האט דער רבי זי"ע געזאגט בזה"ל: "איך בין א תלמיד פון הייליגן רב מרן הדברי חיים זי"ע און פון הייליגן חתם סופר". האבן די זקני החסידים געפרעגט: "דער רבי איז דאך שוין געבוירן אסאך נאך זייער הסתלקות?". האט דער רבי זי"ע געענטפערט: "מען קען זיין א תלמיד פון א רבי'ן כאטש ער איז שוין בעולם העליון!". און דער רבי זי"ע האט פארגעזעצט און געזאגט: "דער זיידע זכרונו לברכה דער ייטב לב שרייבט אין זיינע ספרים אויפן הייליגן זידיטשובער בעל עטרת צבי זי"ע 'רבינו' אדער 'רבינו הקדוש', כאטש וואס דער זיידע ז"ל האט זיך בלויז איין איינציגן מאל מסתופף געווען בצלו פונעם עטרת צבי, דאך האט ער זיך פאררעכנט אלס א תלמיד מובהק פונעם עטרת צבי זי"ע. און דאס אלעס איז נאר, וויבאלד ער איז

## דער דרך פון פירן א קהלה און א ישיבה – האט ער גענומען פונעם חת"ס ותלמידיו

**לכשתמצי לומר:** אויב מען וועט גוט אפלערנען דעם רבי'נס צוגאנג מיט א קלארקייט, וועט מען זען ווי דאס איז צוטיילט אויף צוויי הבחנות, איינס: **דער קהל'ישער חלק - וואס דאס איז געווען אוועקגעשטעלט אויפן מהלך פונעם הייליגן חתם סופר. און אזוי אויך די דרכי הנהגה כלפי דעם דור,** אוועקצושטעלן תקנות און סייגים אפצוהיטן די תורה. ווידער דער עצם אידישקייט און דער אופן וויאזוי צו צוגיין צו 'קיום תורה ומצוות' - איז געווען אוועקגעשטעלט אויפן צאנזער מהלך. דאס הייסט, אלע ענינים וועלכע זענען נוגע כלפי די כלליות'דיגע הנהגה(ס) פונעם ציבור; וויאזוי צו פירן די קהלה און אלע אירע פונקציעס - דאס איז אלעס געווען אויסגעשטעלט פונקט ווי די אונגארישע ארטאדאקסישע קהלות, וועלכע האבן געהאט 'ראשי קהלה', 'מעמבערס' וכדומה - וואס דאס איז געווארן אוועקגעשטעלט דורכן חתם סופר ותלמידיו. אזוי אויך דער מהלך פון מוסדות פאר 'חינוך הבנים', און דער גאנצער מהלך וויאזוי צו פירן די ישיבה; סיי דער עצם זאך פון אויפהאלטן

---

געווען דבוק אין זיינע ספרים הק'. זעט מען פון דעם, אז מען קען זיין א תלמיד פון א רבי'ן בלויז דורכדעם וואס מען לערנט זיינע ספרים און מען גייט אין זיינע דרכים".

**נט.** איידער מען לערנט אפ וועלכע חלק פונעם רבי'נס דרך קומט פונעם חתם סופר - דארף מען קודם וויסן מיט וואספארא בליק דער רבי איז צוגעגאנגען צום הייליגן חתם סופר, אז ער האט אים געהאלטן פון די תלמידי בעש"ט; ווי די תלמידים דערציילן, אז איינמאל ביים פארלערנען דעם שיעור אין ישיבה, האט דער רבי נאכגעזאגט פון חידושי חתם סופר, און דערביי האט ער זיך אויסגעדרוקט מיט אט דעם לשון: "דער חתם סופר - וואס ער איז געווען פון די 'תלמידי בעל שם' - זאגט". ביי א צווייטע געלעגנהייט האט דער רבי געזאגט: "דער חתם סופר האט זיך באוויזן פארן ישמח משה (בליל יוה"ק כשהיה נצרך לישועה, שיתפלל בעבורו ואכהמ"ל), און דער מדריגה האבן געהאט נאר די תלמידי בעל שם". און בכלל איז באקאנט ביי די תלמידים פונעם רבי'ן, אז דער רבי איז געווען שטארק פארקאכט אינעם הייליגן חתם סופר. אויך זעה דעם לשון פון רבי'ן (שו"ת דברי יואל סי' ט"ו אות ו'): "כל המדינה מלאה מתלמידיו ותלמידי תלמידיו, ושמעתתי' מבדרין בפומייהו כל יומא, והכרנו הרבה מישישים וזקנים שנתגדלו על ברכיו, שספרו כל צעדיו, ודבריו כדברי אלקים חיים".

**ס.** אין דעם איז אויך נכלל דעם רבי'נס מהלך, נישט ארויסצוגיין צו דער אלגעמיינער גאס און משפיע זיין אויף זיי צו תשובה טון וכדומה, נאר צו בויען פון אינעווייניג, אוועקשטעלן א ריינעם ווינקל ביי זיך אין דער קהלה, און דאס וועט משפיע זיין אויף אלע וואס זוכן ערליכקייט און אמת'דיגע אידישקייט, צו קומען און זיך אנשליסן אין דער קהלה. וואס דאס איז געווען פונקטליך דעם חתם סופר'ס צוגאנג.

א ישיבה[סא], פערזענליך קומען אין ישיבה, זיך אראפלאזן און זאגן א שיעור פאר בחורים, פארהערן בחורים, און דעם אופן פון לערנען בעיון[סב], לערנען 'סוגיא', וכדומה - **דאס אלעס קומט פונעם חתם סופר**[סג].

ווידעראום, אלע ענינים וואס זענען נוגע צו דער הנהגה פון יעדן יחיד; וויאזוי ער זאל צוגיין צו א מצוה, וויאזוי ער זאל פראווען א שבת און יום טוב, וויאזוי ער זאל גיין אנגעטון הוא וביתו, וויאזוי ער זאל פלאקערן קעגן אלע וואס פארדרייען די תורה וכדומה - **דאס אלעס איז געווען אוועקגעשטעלט אויפן צאנזער שניט**.

## געגאנגען בדרכי החת"ס מיטצוהאלטן אלעס וואס טוט זיך אין די קהלה

**נאך א נקודה - בנוגע הנהגת הקהלה:** דער חתם סופר ותלמידיו זענען געווען שטארקע 'מנהיגי העדה', וואס זייער געהויבנקייט און קדושה - האט זיי גארנישט

**סא.** דער רבי האט אמאל דערציילט, אז דער ישמח משה האט אפילו געוואלט, אז זיין אייניקל דער ייטב לב זאל גיין לערנען אינעם חתם סופר'ס ישיבה אין פרעשבורג.

**סב.** הגה"צ ר' בעריש קאהן שליט"א ראה"כ אנטווערפן - פון די חשוב'ע תלמידים פון רבי'ן - דערציילט, אז דער רבי האט אמאל געזאגט, אז זיין דרך, צו לערנען אין ישיבה צוויי בלאט גפ"ת א וואך, קומט פונעם חתם סופר. (ספר אילנא דחיי).

**סג.** אינ'אמת'ן איז דער אויבנדערמאנטער יסוד - פונעם צאנזער רב - נישט צו מאכן דעם עיקר עסק פון פרטיות'דיגע נקודות אין אידישקייט, נאר לייגן דעם עיקר דגוש אויף די יסודות היהדות, און די פרטים לאזט מען איבער פאר יעדן איינעם לויט זיין שורש נשמה - דאס איז אויך געווען דער מהלך פונעם חתם סופר; ווי ער שרייבט אין די באקאנטע תשובה צום הייליגן ישמח משה (או"ח סי' קצ"ז), וואס בתוך הדברים שרייבט ער, אז מען קען נישט אוועקשטעלן א גאנצע 'עדה בישראל' אויף געוויסע מנהגים לפנים משורת הדין, ווייל עס ווערט פון דעם א 'הנהגה חיצוניות', און א 'מצות אנשים מלומדה'. און נאכמער, וויבאלד באמת איז יעדער איינער אנדערש פונעם צווייטן, איז נישט שייך אוועקצושטעלן איין געשניטענעם מהלך וועלכע איז מחייב יעדן אייניג. און ער שרייבט דארט: אזוי האב איך מקבל געווען פון מיינע רבי'ס, הגה"ק ר' נתן אדלער און הגה"ק ר' זלמן חסיד זצ"ל.

פונדעסטוועגן, איז ביים רבי'ן דער דאזיגער ענין געווען מער געבויעט אויף וואס ער האט מקבל געווען פון צאנז. ווייל צאנז איז געווען אסאך נענטער צום רבי'ן - ווי חתם סופר. דער רבי האט דאך מקבל געווען צאנז דורך זיין טאטן דער הייליגער קדושת יום טוב זי"ע, און אלע אנדערע צדיקים פון יענעם דור - וועמען דער רבי האט צוגעזען - וועלכע זענען רובם ככולם געווען פונעם צאנזער חדר. **נאכמער:** כאטש אויך

געשטערט פון מיטהאלטן מיט יעדן פרט וואס גייט פאר אין זייער קהילה(סד), און בכלל פון וואס עס טוט זיך אויף דער וועלט. און די דאזיגע נקודה פון 'דרך החתם סופר' - האט אויך דער רבי ווייטער ממשיך געווען; ווי עס איז אמאל געווען א שמועס ביים רבי'ן אין שטוב, וואו מען האט אויסגעלויבט א געוויסן ערליכן איד, אז יענער איז אינגאנצן מופשט פון דער וועלט און ער פארשטייט בכלל נישט צו קיין 'עולם הזה' - האט דער רבי זיך אויסגעדרוקט בהאי לישנא: **"אונז האט מען נישט אזוי געלערנט! די גאנצע וועלט איז טאקע 'הבל הבלים', אבער מען דארף וויסן געווי וואס טוט זיך אין איר!"**(סה).

**האט דער רבי זיך אויסגעדרוקט, די גאנצע וועלט איז טאקע 'הבל הבלים', אבער מען דארף וויסן געווי וואס טוט זיך אין איר!**

---

דער הייליגער חתם סופר איז געגאנגען מיט דעם מהלך, אבער ער האט נישט געפירט קיין מערכות און מלחמות דערויף. ווידעראום, אין צאנז איז דאס געווען א חלק פון די יסודות היהדות אויף וואס מען האט לוחם געווען. דערפאר האט דער רבי אסאך ענדערש גענומען דעם מהלך פון צאנז ווי פון חתם סופר.

**סד.** זע מער איבער דעם אין ספה"ק דברי יואל (פ' תשא עמוד של"ח): "מרן הבעש"ט פירש מאמרם ז"ל (נגעים פ"ב מ"ה) כל הנגעים אדם רואה חוץ מנגעי עצמו, פירוש אם כל הנגעים אדם רואה חוץ [פ' בזולתו באיש אחר] זה מנגעי עצמו ע"כ. אמנם מנהיג ישראל צריך לראות הכל כדי לגדור גדר ולעמוד בפרץ".

אויך האט הגה"צ ר' אלחנן היילפרין זצ"ל דערציילט, אז דער רבי איז אמאל געווען אין נירבאטור און איז איינגעשטאנען ביים נירבאטורער רב. און אינמיטן איז דעם ראש הקהל'ס טאכטער, א מיידל, געקומען פרעגן א שאלה אויף אן עוף, און דער נירבאטורער רב האט גע'פסק'נט אז דער עוף איז כשר. האט זיך דער רבי אנגערופן צו דעם מיידל: "דער עוף איז כשר, אבער דו ביסט טריפה!". דאס מיידל איז געגאנגען און דערציילט פארן טאטן וואס דער רבי האט איר דא געזאגט, און עס איז געווארן דערפון א גערודער אין שטאט... יענעם שבת האט דער רבי געהאלטן א דרשה דארט, האט ער געטייטשט דעם פסוק: "עלה ראש הפסגה ושא עיניך ימה וצפונה ותימנה ומזרחה וראה בעיניך" - דער מנהיג העדה וועלכער שטייט פון דער הייך, אויפן 'ראש הפסגה', איז מחויב אויפצוהייבן די אויגן און זען! ער דארף וויסן וואס עס טוט זיך ארום און ארום, כדי ער זאל קענען מוסר זאגן און מתקן זיין אלץ וואס מען דארף פארריכטן.

**סה.** און דער רבי האט דעמאלט מוסיף געווען: מען טרעפט אין די גמרא (בבא בתרא פט:) "אמר רבי יוחנן בן זכאי אוי לי אם אומר אוי לי אם לא אומר, אם אומר שמא ילמדו הרמאין, אם לא אומר שמא יאמרו הרמאין אין תלמידי חכמים בקיאין במעשי ידינו", זעט מען, אז אויב מען זאגט אויף תלמידי חכמים אז זיי זענען נישט 'בקיאין במעשה הדור' איז דאס אן 'אוי', מלשון צער. (קונטרס דולה ומשקה להגה"ח ר' מרדכי דוד קאהן ז"ל).

## קבלה מאבותיו – דער שילוב קומט פונעם ייטב לב

**דער חידוש פון צוזאמשטעלן 'חסידות' מיט 'חתם סופר' - האט דער ייטב לב**[סו] **מחדש געווען.** ווייל מצד אחד איז דער ייטב לב געווען א חסיד'ישער רבי מיטן גאנצן 'דרך החסידות' פון מאכן אן עסק פון יעדע מצוה מיט א ברען, פראווען שבתים און ימים טובים אויפן חסיד'ישן פארנעם, געזאגט תורה מיט חסיד'ישע הקדמות און בחינות, און געפראוועט די חסידים אויפן דרך פון די תלמידי בעש"ט - אינגאנצן העכער פון אונזערע השגות, ממשיך געווען ישועות פאר אידישע קינדער, וכדומה. און מצד שני האט ער זיך אויפגעפירט פונקט ווי די תלמידי החתם סופר - מיט דער הנהגה וואס ער האט זיך אראפגעלאזט צו די בחורים און מחנך געווען דעם קומענדיגן דור. און געפירט די שטאט מיט א שטארקייט להעמיד הדת על תלה. און ער האט אוועקגעגעבן פון זיינע רוחניות'דיגע מדרגות און השגות, כדי צו קענען מרביץ תורה זיין און מעמיד זיין תלמידים[סז]. **דאס איז געווען א חידוש פון א צוזאמשטעל - וואס מען האט נישט געזען פארן ייטב לב.**

**דאס איז געווען א חידוש פון א צוזאמשטעל – וואס מען האט נישט געזען פארן ייטב לב.**

**סו.** דער רבי האט אמאל געזאגט, אז דער ערשטער וואס האט געמאכט דעם 'שילוב' איז געווען דער ייטב לב, און נאכדעם וואס ער האט עס דורכגעבראכן - זענען שוין געווען אסאך וואס זענען געגאנגען אויף דעם מהלך; ווי דער גאלאנטער רב, דער 'קרן לדוד', דער 'שבט מיהודה' פון סאטמאר, דער 'ערוגת הבושם' און נאך אסאך אונגארישע רבנים.

**סז.** דער הייליגער ייטב לב האט אמאל דערציילט פאר די בחורים ביים שיעור: ער איז אמאל געפארן צו רבי אשר'ל ראפשיצער זצ"ל, און ער האט געזען ווי ער איז 'מייחד יחודים' און פועל'ט ישועות פאר אידישע קינדער. האט ער געטראכט צו זיך: ווען ער וועט אהיימקומען, וועט ער אויך טון אזוי. איז דער הייליגער ישמח משה נתגלה געווארן צו אים אין חלום און האט אים געזאגט: "ריכטיג טאקע, אז מייחד זיין יחודים איז זייער גרויס אין הימל, און פועל'ן ישועת פאר אידן איז טאקע אויך זייער גרויס אין הימל, אבער צו 'מרביץ תורה ברבים' זיין - קומט עס נישט צו!". (מפי האדמו"ר מקרעטשניף בעל קדושת צבי זצ"ל, ששמעו מאיש אחד שאביו היה תלמיד הייטב לב)

אינעם ספר הרי בשמים (עה"ת) ווערט דערציילט: איינמאל איז געקומען א בחור פון פולין צום הייליגן ייטב לב, ער זאל פון אים ארויסטרייבן א 'דיבוק'. האט אים דער ייט"ל געשיקט צום לב שמח פון אלעסק. ווען דער בעסערמינער רב האט משתדל געווען ביים ייט"ל, אז ער זאל העלפן דעם בחור, איז דער ייט"ל אויפגעשטאנען און געזאגט,

## מוותר געווען אויף זיינע השגות ברוחניות - כדי מרביץ תורה צו זיין

אויך דער רבי זי"ע האט אוועקגעגעבן אסאך פון זיין רוחניות - כדי צו פירן די קהלה און מוסדות. דאס פארלענגען אין ישיבה, דאס פארהערן די בחורים, אדער סיי וועלכע ענין פון די קהילה - איז געווען ביי אים וויכטיגער ווי גאר אסאך וויכטיגע ענינים פון זיין פריוואטע עבודה; ווי לדוגמא אפשרייבן זיינע חידושי תורה, וכדומה. און ער איז געשטאנען זייער פעסט אויף דעם, **אז די קהלה און ישיבה - איז בעפאר אלעם! און פונקט ווי ער אליינס האט אלעס אוועקגעגעבן דערפאר - האט ער אויך פארלאנגט פון אנדערע צו האלטן טייער די קהלה און ישיבה - בעפאר אלעם!** ער האט פארלאנגט פון יעדן מעמבער און פון יעדן תלמיד הישיבה - זיך צו צושטעלן צו אלע 'תקנות הקהלה' און 'תקנות המוסדות'. און טאמער האט איינער געשטערט די הנהגה פון דער קהילה אדער מוסדות - איז דאס געווען דער גרעסטער חטא ביי אים! לדוגמא: אויב א בחור איז געווען א מחוצף קעגן איינע פון די איינגעשטעלטע, אפילו קעגן דעם קעכער אין ישיבה - איז דאס געווען ערגער ביי אים, פון אסאך אנדערע עבירות(סח). ווייל ער האט געזען אינעם 'כח הקהלה' און 'הצלחת המוסדות' - די הצלחה פונעם גאנצן עתיד און המשך הדורות.

**אז די קהלה און ישיבה - איז בעפאר אלעם! דערפאר - האט ער אויך פארלאנגט פון אנדערע צו האלטן טייער די קהלה און ישיבה - בעפאר אלעם!**

---

בזה"ל: "הער אויס מיין קינד, עס גיבט א דאקטער צו אויערן, אונד עס גיבט א דאקטער צו אויגן, אזוי גיבט עס אויך פערשידענע רבי'ס, **איך בין געשטעלט אז א יוד קומט צו מיר אריין, זאל איך 'אין' אים עפעס ארײנלייגן** – נישט ארויסנעמען! אויף דעם, זענען געשטעלש די פוילישע רבי'ס. אין דאס וואס א יוד דרייט זיך ארום ביי מיר, און קומט צו מיר אריין מיט א קוויטל און ווערט געהאלפן – דאס איז 'ממילא'. דער זיידע זכרונו לברבה האט מיר געוואלט אלעס איבערגעבן, נאר איך האב געזאגט 'איך וויל נישט'".

**סח. בדרך אגב:** ביי זיך אין שטוב - ווען מען האט דן געווען עניני הקהילה אדער די מוסדות - האט ער נישט געהאט קיין ביטול צו די מיינונגען פון 'ראשי קהלה' און 'מנהלי המוסדות', און ער האט געקענט מאכן החלטות קעגן יעדנ'ס מיינונג; ווי עס איז באקאנט פון פארשידענע ענינים, צי איז דאס בנוגע אויפשטעלן דעם שטאט קרית יואל, צי לגבי אויפנעמען אדער אנטזאגן געוויסע איינגעשטעלטע, וכדומה. און דער סיבה דערצו איז פשוט: דער רבי האט געהאט גאר אן אנדערן בליק אויף יעדע זאך, סיי מצד זיין טיפע חכמה, און סיי מצד וואס ער האט געזען מיט זיינע הייליגע

## א לייכטע רבי און א שטרענגע רב

**דער עקסטרעמער קאנטראסט:** מען זעט א געוואלדיגן קיצוניות'דיגער חילוק ביים רבי'ן - צווישן צוויי פארקערטע הנהגות. **פון איין זייט: דער רבי האט געהאט זייער א לייכטע רבי'סטוועס...** ער האט גארנישט קיינמאל נישט גערעדט ברייט וועגן זיך אדער וועגן זיינע רבי'שע ענינים(סט). אנדערש ווי אנדערע רבי'ס וועלכע האבן זיך צומאל אויסגעדרוקט, אז ווער עס קומט צו זיי - איז דאס א טובה פאר זיי און פאר די דורות, וכדומה, האט דער רבי גארנישט גערעדט וועגן זיך! ער האט גארנישט

---

אויגן - אסאך ווייטער און ברייטער פון וואס דער בעל הבית'ישער אויג און שכל קען פארשטיין און זען. דער רבי האט אמאל געזאגט פאר הגה"צ ר' משה יאזעפאוויטש ז"ל: **"הערן עצות דארף מען פון יעדן, אבער טון דארף אזוי ווי מען פארשטייט"**. אבער ווי געזאגט, דאס איז אלץ געווען נאר ביי פריוואטע אסיפות ביי זיך אין שטוב, אבער ווען עס איז געווען נוגע דעם ציבור, האט ער פארלאנגט גאר שטארק זיך צו צושטעלן און אויספאלגן די הוראות פון די הנהלת הקהלה והמוסדות.

**סט. לדוגמא:** כידוע איז שמחת תורה געפראוועט געווארן ביים רבי'ן אויף א מדריגה און א פארנעם שאין לשער ולתאר. אבער מיט דעם אלעם, איז נישטא קיין איין מימרא וואס דער רבי זאל זיך אויפטון דערמיט און זאגן למשל: "וואויל איז דער וואס איז זוכה צו זיין ביי אונז שמחת תורה", אדער "ווער עס האט שכל - קומט אויף שמחת תורה". די זעלבע זאך איז לגבי שלש סעודות, וואס דער עיקר זמן ווען ער האט מעורר געווען דעם ציבור - איז געווען ביי שלש סעודות, [כאטש וואס דער טיש פרייטאג צונאכטס איז געווען אויף גאר א געהויבענער בחינה, מען האט געקענט טאפן די קדושה מיט די הענט, און זיין צורה האט געלאכטן כאור החמה, מען האט געקענט אפן אנזען די הויכע עבודה ביי קידוש און ביי די פיש וכדו' - דאך איז אלעמאל געווען אנגענומען, אז דא איז דער עיקר ביי שלש סעודות]; ווי עס איז באקאנט די גרויסע עבודה און התעוררות וואס מען האט געשפירט ביי די 'שלש סעודות תורה'. און מיט דעם אלעם איז נישטא קיין איין אויסדרוק, "איך וויל אז מיינע מענטשן זאלן קומען צו שלש סעודות". אדער "ביי אונז איז דער עיקר זמן שלש סעודות". ביים חלק הרבי'סטעווע פונעם רבי'ן - איז נישטא אזא סארט שפראך. אדרבא, ווען איינער האט אמאל מציע געווען פאר רבי'ן א געוויסן סדר און מהלך - וואס ער האט צוגעזען ביי א צווייטן חצר - ביים טיילן שיריים, אז יעדער זאל קענען באקומען - אָן דעם וואס מען זאל זיך דארפן שטופן. האט דער רבי - נאך א מינוט אריינטראכטן - גענטפערט: **"ניין! איך האב מורא עס וועט בלייבן 'נאר' מיט דעם!"**.

> **האט דער רבי – נאך א מינוט אריינטראכטן – געענטפערט: "ניין! איך האב מורא עס וועט בלייבן 'נאר' מיט דעם!"**

פארלאנגט פון קיינעם זיך צו צושטעלן צו זיין רבי'סטווע! ער האט קיינעם נישט געבעטן צו קומען צום טיש אדער צו שלש סעודות, וכדומה. **פון צווייטן זייט: דער רבי איז געווען זייער א שטרענגער רב...** יעדע זאך וואס איז געווען נוגע כלפי דעם ענין פון 'רבנות' - איז ער געווען זייער שארף! דארט האט ער יא גאר שטארק פארלאנגט, אז מען זאל מיטארבעטן און זיך צושטעלן! דארט האט ער יא גערעדט צומאל א ברייטע שפראך; ווי לדוגמא: "ווער עס וועט העלפן מיינע מוסדות וועל איך אים נישט שולדיג בלייבן". אדער פארקערט: "ווער עס מאכט א היזק פאר די מוסדות, בין איך אים נישט מוחל", וכדומה נאך פארשידענע אזעלכע סארט 'מימרות' - וואס ער האט גערעדט מיט א שארפקייט און ברייטקייט - כלפי די עניני הקהלה והמוסדות. וכדומה[ע]. און דאס אלעס איז מקובל פונעם הייליגן ייטב לב פונעם חתם סופר, צו שטעלן דעם 'רבנות' און 'הרבצת התורה' - העכער פון די רבי'סטעווע.

**פון איין זייט: דער רבי האט געהאט זייער א לייכטע רבי'סטווע...**

## ושמעו הולך בכל המדינות

**נאך א נקודה:** ביים חתם סופר זעט מען, אז ער איז געווען אן 'איש מלחמה' אויף דער נאנט און אויף דער ווייט. ווייל אין זעלבן צייט (אין יאר תק"ע) וואס ער האט געפירט א מערכה אין זיין שטאט פרעשבורג - קעגן די פירצה פון שטודירן, און עס זענען געווען דארט אסאך בעלי השפעה וועלכע האבן מלחמה געהאלטן מיט אים, און זיי האבן אפילו געוואלט פארשפארן זיין ישיבה, אין דער זעלבער צייט האט דער חתם סופר געפירט א מערכה כבידה קעגן פארשידענע פירצות וועלכע האבן זיך ארייגעכאפט אין האמבורג דייטשלאנד. און אט דעם זעלבן שטריך זעט

**ע.** איבער אלעם האט זיך דאס ארויסגעשטעלט - **ווען עס איז געקומען צום ענין פון אויפשטעלן דעם שטעטל 'קרית יואל', וואס דאס איז אים ממש געגאנגען אין לעבן**, און ער האט גאר שטארק מכיר טוב געווען פאר די אלע וועלכע האבן צוגעהאלפן דערצו, און פאר די אלע וועלכע האבן זיך ארויסגעצויגן אהין ביים אנהייב - ווען עס איז נאך געווען א מדבר שמם - וויבאלד ער האט געזען אין דעם א געוואלדיגן עתיד פארן ציבור ההולכים לאורו, מיט דעם וואס זיי וועלן זיין אפגעטיילט פון דער דרויסנדיגער גאס און אירע פרעמדע השקפות. אזוי אויך לגבי זיינע מוסדות אין ארץ ישראל, וואס דארט האט ער דאס געהאלטן ממש פאר א 'הכרח גמור' כדי צו קענען אויפציען דארט אידישע דורות אויפן ערליכן וועג.

מען ביים רבי'ן: דא האט ער זיך געשלאגן מיט די קליפה פון אמעריקע מיט אלע אירע פירצות הדת אין צניעות, כשרות וכדומה - און אין זעלבן צייט האט ער געפירט מערכות אויף דער ווייט, קעגן די קליפה פון ציונות אין ארץ ישראל[עא].

## נישט געוואלט שרייבן קיין 'בירור הלכה' – ווי דער חת"ס האט אויסגעלערנט

פון צווייטן זייט: דער רבי איז געווען זייער א שטרענגער רב... יעדע זאך וואס איז געווען נוגע כלפי דעם ענין פון 'רבנות' – איז ער געווען זייער שארף!

אויך אין די 'תכסיסי מלחמה' האט דער רבי געהאט אסאך שטריכן פונעם חתם סופר; ווי ער שרייבט צו רבי אשר זעליג מרגליות, וואס ער האט געבעטן פון רבי'ן צו שרייבן א בירור הלכה אינעם איסור צו גיין צו די בחירות הטמאות. ענטפערט אים דער רבי צוריק (מכתבים דברי יואל ח"א מכתב פ"ח): דער חתם סופר זאגט שוין אין די תשובות סימן ו', אז ווען מען האלט מלחמה קעגן מתחדשים - זאל מען נישט דרוקן קיין 'בירורים', ווייל דעמאלט וועלן זיי אויך ארויסגעבן א 'בירור' אויף זייער זייט, און דער מכריע צווישןביידע בירורים - וועלן זיין די 'יושבי קרנות'. און דער רבי פירט אויס, אז דערפאר גייט ער אויך אין דעם וועג, און ער שרייבט נישט קיין בירור להלכה. אויך זענען פאראן וועלכע זענען תולה, אז דער מהלך נישט צו רעדן פערזענליך קעגן דעם 'גברא' - נאר בלויז קעגן דעם 'חפצא', מוחה צו זיין קעגן די 'פירצה' - נישט קעגן די 'מתפרצים' - שטאמט ביסודו פונעם הייליגן חתם סופר.

---

**עא.** עס איז פאראן א בריוו פון הגה"ק מהר"ם שיק זצ"ל צום חת"ס, וואס ער שרייבט אויף אים א טיטל 'מלך בגדוד'. ענטפערט אים דער חתם סופר: "איך בין א 'מלך בגדוד'?! איך בין דאך איינער קעגן מיין גאנצע שטאט און קעגן די גאנצע וועלט!". די זעלבע איז אויך געווען ביים רבי'ן, וואס פון איין זייט איז ער געווען א 'מלך בגדוד', ארומגענומען מיט אזויפיל חסידים און מעריצים. אבער פון צווייטן זייט איז ער געשטאנען איינער אליינס קעגן די גאנצע וועלט.

# פרק ה

## שנות דור ודור:
# דעם רבי'נס חידוש - איבערפלאנצן דעם אלטן דרך אינעם היינטיגן לעבנס שטייגער

### פארן קריג און נאכן קריג - צוויי וועלטן

ביז אהער האט מען גערעדט פון די 'שרשים' פון וואו עס שטאמען די יסודות פונעם רבי'נס דרך, און וויאזוי דער רבי האט דאס ממשיך געווען ווייטער. אבער דאס איז אלעס געווען פשוט און לייכט אינדערהיים אין קראלי און אין סאטמאר, אבער דאס אריבערצובערענגען אהער קיין אמעריקע איז שוין א סוגיא פאר זיך, וואס מען דארף גוט אפלערנען און פארשטיין וויפיל כוחות און חכמה דער רבי האט אריינגעלייגט דערין, וויאזוי דאס צו קענען באווייזן(עב).

✦

### עטליכע נקודות למחשבה – וויפיל זאכן אין 'צורת חיי היהדות' האבן זיך געטוישט נאכן קריג

ווען דער רבי איז אנגעקומען קיין אמעריקע נאכן קריג - האט זיך דער רבי באגעגנט מיט א נייע מין מציאות - וואס אינדערהיים האט ער זיך קיינמאל נישט געדארפט פארמעסטן מיט אזא סארט מציאות. מען וועט מסביר זיין אויפן שפיץ

עב. **הבהרה:** אלץ וואס מען רעדט דא אין דעם גאנצן שמועס, איז געבויעט אויף וואס מען האט מקבל געווען פונעם עלטערן דור - וועלכע האבן זוכה געווען זיך מסתופף צו זיין און מקבל זיין פונעם רבי'ן. אבער דאך איז זעלבסט פארשטענדליך, אז מן הסתם זענען פארהאן אנדערע, וועלכע האבן אנדערש אפגעלערנט און פארשטאנען געוויסע ענינים - אזויווי אין יעדע סוגיא אין די תורה, און עס איז בכלל נישט 'מוכרח' אז אונזער

גאפל עטליכע נקודות - וואס עס האט זיך געטוישט פון בעפאר די מלחמה - ביז נאך די מלחמה. **א)** אינדערהיים איז דער רבי געווען שטאט'ס רב, און ער האט געהאט דעם אויסשליסליכן בעלות אויף די שטאט. ווידעראום, דא אין אמעריקע איז נישט געווען אזא מושג ווי 'שטאט'ס רב', און ער האט נישט געקענט קאנטראלירן די אמעריקאנע גאס - וויאזוי זיי זאלן זיך פירן אין אלע ענינים. **ב)** אינדערהיים איז דער רבי געווען ארומגענומען מיט היימישע מענטשן וועלכע זענען געקומען פון די פלעצער און געוואקסן בלויז מיט דעם חינוך פון סיגוט און צאנז. ווידעראום, דא אין אמעריקע איז דער רבי געווארן ארומגענומען מיט א 'קיבוץ גליות' פון מענטשן וועלכע זענען געקומען פון אלע אנדערע קהלות און קרייזן. **ג)** אינדערהיים איז דער רוב פונעם ציבור געשטאנען גוט אוועקגעשטעלט מיט א משפחה וכדומה, און מען האט געקענט ארבעטן מיט זיי אויף א שטרענגע פארנעם. ווידעראום, דא אין אמעריקע איז דער עולם געווען צעבראכן און צעשאסן נאך אזעלכע ביטערע צרות ל"ע, עלנד און פארלאזט - פארלירנדיג די גאנצע משפחה אינעם קריג. און מען האט געדארפט ארבעטן מיט א ווייכקייט און רחמנות. **ד)** אינדערהיים איז דער היימישער ציבור געווען אינגאנצן היימיש, און מען האט זיך נישט מאדערניזירט. ווידעראום, דא אין אמעריקע האבן זיך אסאך היימישע אידן מאדעריניזירט און נשפע געווארן פון דער אמעריקאנער גאס; ווי טייל האבן זיך געשוירן די בארד, נישט געגאנגען שבת מיט א שטריימל, די שטוב איז נישט געגאנגען מיט בגדי צניעות וכדומה. **ה)** אינדערהיים האט דער רבי געהאט צוויי באזונדערע אויפגאבעס - אין שטאטישן בית המדרש איז ער געווען דער 'רב', און אין חסיד'ישן בית המדרש איז ער געווען דער 'רבי'. ווידעראום דאהי, איז ער געשטאנען פאר א שייד-וועג, צי זאל ער זיין בלויז א 'רב' פון א 'קהלה', צי זאל ער זיין בלויז א 'רבי' פון א 'חסידות', אדער זאל ער גאר צוזאמשטעלןביידע זאכן אין איין פלאץ. און עס זענען פארהאן נאך אסאך נקודות פון חילוקים וואס מיר זענען נישט אנגעקומען דא אויסצורעכענען.

## גענוצט זיין חכמה צוריקצושטעלן פונקט ווי פריער

דא ליגט גאר א טיפער לימוד און הבחנה, צו פארשטיין די מורא'דיגע חכמה, וויאזוי דער רבי האט געארבעט מיטן ציבור, און צוביסלעכווייז זיי ארויפגעברענגט אויפן ריכטיגן דרך העולה בית אל; ווי דער וואדיסלאווער רב האט אמאל געזאגט

השקפה דערויף - איז טאקע דער ריכטיגער עומק המציאות אין דער סוגיא, בפרט אז דאס זענען אזעלכע יסודות'דיגע ענינים, און אדרבא, יגדיל תורה ויאדיר.

א שטארקע הגדרה אויפן רבי'ן: געווענליך, א קלוגער מענטש פרובירט אויפצוקומען מיט פרישע חידושים, ווייל מיט זיין חכמה זוכט ער אלעמאל צו מחדש זיין נייע המצאות. אבער דער רבי - וועלכער איז געווען א געוואלדיגער 'חכם מחוכם' - האט גענומען זיין גאנצע חכמה נפלאה, און דאס אויסגענוצט בלויז אויף אנצוהאלטן דאס אלטע! ער האט אריינגעלייגט מורא'דיגע מחשבה און פקחות, אויסצוארבעטן א מהלך וויאזוי מען זאל קענען ווייטער גיין מיטן צאנזער דרך פון אמאל - וועלכע איז בעצם א דרך פון יסודות היהדות בשלימות מיט א ברען און התלהבות - אָן דארפן גארנישט טוישן און מחדש זיין אינעם עצם דרך (אפילו אויב מען וועט דארפן צוליב דעם טוישן אין געוויסע חיצוניות'דיגע נקודות; ווי עפענען א מיידל שולע וכדומה, אבי מען זאל נישט טשעפן קיין זיז כל שהוא פון די תורה הקדושה און דער ברען דערצו; ווי מען וועט ווייטער אויסשמועסן).

> **דער רבי - וועלכער איז געווען א געוואלדיגער 'חכם מחוכם' - האט גענומען זיין גאנצע חכמה נפלאה, און דאס אויסגענוצט בלויז אויף אנצוהאלטן דאס אלטע!**

## דער רבי שטעלט אויף א קליין בית המדרש'ל אין וויליאמסבורג

דער מהלך פונעם רבי'ן אין אמעריקע איז געווען: ער האט געעפנט א קליין בית המדרש'ל מיטן נאמען 'סאטמאר', וואו ער איז 'רב' און ער האט די אויסשליסליכע אויטאריטעט וויאזוי צו פירן דעם בית המדרש - פונקט ווי א שטאט'ס רב אינדערהיים אין זיין שטאט. אזוי אויך איז ער דער 'רבי' פונעם בית המדרש - וואו ער איז דער וועלכער איז משפיע יראת שמים און חסידות פארן ציבור וועלכע קומען צו אים(עג).

---

### חכם הרואה את הנולד – צוזאמנעמען 'קהלה' מיט 'חסידות' אינאיינעם:

**עג.** ווען מען איז זיך מתבונן - ליגט דא א מורא'דיגע חכמה און סייעתא דשמיא. באלד נאכן קריג - נאכדעם וואס דער מושג פון 'שטאטישע קהלות' איז געווען א היסטאריע וועלכע באלאנגט צו דער אלטער היים - זענען געווען צוויי מהלכים וויאזוי אוועקצושטעלן אידישקייט: **א)** אוועקצושטעלן א ווארימע ווינקל פון חסידות און עבודת ה' - צי באופן 'חבורה', צי באופן 'רבי וחסידים' - אָן אריינמישן דערין דעם ענין פון א קהלה. **ב)** אוועקצושטעלן א טרוקענע 'קהלה', וועלכע איז ווי א שירעם וואס פאראייניגט אלע מעמבערס אונטער זיך, צו פארזיכערן א פרומע און ערליכע שמירת תורה ומצוות אויפן ארטאדאקסישן שטייגער - אָן רעדן וועגן חסידות און עבודת ה'. אבער ביידע מהלכים האבן א גרויסן חסרון.

### בלויז א חבורה אויף חסידות – דער צווייטער דור פאלט ארויס

דער חסרון פונעם ערשטן מהלך - וויבאלד מען שטעלט אוועק א חבורה בלויז אויף 'חסידות' - מוז עס האבן א געוויסע פרטיות'דיגע מהלך וואס דער 'ראש חבורה' אדער 'רבי' לעבט דערין, וואס ארום די דאזיגע פרטיות'דיגע נקודות - דרייט זיך די גאנצע חבורה. ביים ערשטן דור, וועלכער האט אליינס אויסגעוועלט אט דעם רבי'ן - וויבאלד זיי גלייכן אט דעם מהלך און נקודה - איז אלעס זייער פיין. אבער ווי נאר עס הייבן אָן אונטערצוואוואקסן קינדער, בחורים און אינגעלייט וועלכע האבן אן אייגענעם טעם און קאליר - ווערט א ריס, ווייל נישט יעדער פון דעם צווייטן דור, און כל שכן פונעם דריטן און פערטן דור - האט א חיות אין אט דעם מהלך און שניט אין חסידות, טייל פון זיי הייבן אָן צו זוכן אן אנדערן דרך, און וויבאלד דער גאנצער חבורה איז מיוסד בלויז אויף דער נקודה - קומט אויס, אז זיי פאלן ארויס פון דארט און טרעפן זיך אויפן גאס! זיי דארפן אליינס אנהייבן צו זוכן א פלאץ וואו זייער נפש וועט שפירן א טעם דערין.

> **דאס איז געווען די חכמה נפלאה פונעם רבי'ן, וואס ער האט אוועקגעשטעלטביידע זאכן – סיי דער 'חלק הקהלה' און סיי דער 'חלק החסידות' – אין איין בית המדרש'ל**

### בלויז א קהלה פון טרוקענע אידישקייט – די נשמה ווערט נישט געזעטיגט

דער חסרון פונעם צווייטן מהלך - וויבאלד מען שטעלט אוועק די קהלה בלויז אויף פשוט'ע קיום תורה ומצוות - ווערט דאס נישט זעטיגן די אידישע נשמות, ווייל צוביסלעכווייז וועט זיך אנהייבן שפירן א טרוקענקייט, און עס וועט זיך אויפוועקן א הונגער צו א טעם שבת, א טעם יום טוב, א ברען אין א מצוה וכדומה. און צוביסלעכווייז וועט דער עולם אנהייבן אוועקצוגיין פון דער קהלה - צו א פלאץ וואו מען פארקויפט חסידות און ווארעמקייט, ביז די גאנצע קהלה וועט זיך צעפאלן, און ווער ווייסט צי מענטשן וועלן נישט אנקומען דורכדעם צו פרעמדע מקומות - וועלכע זענען נישט אין איינקלאנג מיט דער ערליכקייט און ריינע השקפה אין די יסודות הדת, אדער אנדערש פון 'מסורת אבותינו', וואס דאס איז דאך געווען לכתחלה דער גאנצער ציל פונעם אויפשטעלן די קהלה.

### דער רבי האט אוועקגעשטעלט גאר א ברייטע מסגרת – פון וואו קיינער פאלט נישט ארויס

דאס איז געווען די חכמה נפלאה פונעם רבי'ן, וואס ער האט אוועקגעשטעלט ביידע זאכן - סיי דער 'חלק הקהלה' און סיי דער 'חלק החסידות' - אין איין בית המדרש'ל. דאס האט אים געגעבן די מעגליכקייט, אז דער 'חלק החסידות' האט נישט געדארפט ווערן מצומצם צו א געוויסע פרטיות'דיגע נקודה, נאר דער חלק החסידות האט געקענט בלייבן א כלליות'דיגע ווארעמקייט צו גאנץ אידישקייט. און דורכדעם איז געשאפן געווארן זייער א גרויסן און ברייטן פעלד וואו די צאן קדשים קענען מקבל זיין חיות

די יסודות אויף וואס ער האט אראפגעשטעלט דעם סאטמארן בית המדרש איז געווען אזוי:

## רוח הבית המדרש: ערליכקייט

- אין דעם בית המדרש לייגט מען איין איינציגער דגוש: מען דארף זיין אן ערליכער איד וועלכער היט אפ די גאנצע תורה בשלימות - אָן קיין פשרות, די גאנצע הנהגה וואס מען פירט זיך איז על דרך אבותינו אינדערהיים. דער דאזיגער דגוש איז אריינגעקומען אין די לופט דורכן רבי'ן, וועלכער האט כסדר גערעדט צום עולם, סיי ברבים און סיי ביחידות, און ער האט אריינגעגעבן דעם סארט 'רוח' אינעם בית המדרש.

**אין דעם בית המדרש קען יעדער איד אריינקומען. ער דארף בלויז צושטעלן איין זאך: זיין גרייט צו הערן דעם אמת, אז די תורה האט זיך גארנישט געטוישט היינט**

## כל דורש אמת יכנס לבית המדרש

- אין דעם בית המדרש קען יעדער איד אריינקומען דאווענען און לערנען, און אפילו ווערן א מעמבער אין דער קהלה - נישט קיין חילוק וועלכע טראַגע ער גייט אנגעטון; א הויכע הוט, א פלאכע הוט, א לאנגע רעקל,

---

דקדושה - יעדער לויט זיין תכונת הנפש, ווייל אפילו אויב שפעטער ווערן געבוירן בחורים און אינגעלייט וועלכע האבן נישט אזוי שטארק די ווארעמקייט און ברען - מיט דעם מאס ווי דער פריערדיגער דור האט עס געהאט - טרעפן זיי זיך נישט אינדרויסן אָן קיין מסגרת, ווייל 'לפיכך הרבה להם תורה ומצוות', אידישקייט איז גענוג גרויס אז זיי האבן גענוג ברייט פלאץ וואו זיך אויסצושפרייטן! זיי האבן דעם 'חלק הקהלה' - וואס דאס איז א גאר ברייטער מסגרת. ווילאנג זיי זענען ערליכע אידן - קענען זיי לערנען סיי וועלכע חסיד'יש ספר זיי ווילן! זיי קענען עוסק זיין אין סיי וועלכע סארט עבודה זיי גלייכן! זיי קענען לערנען סיי וועלכער 'דרך הלימוד' עס ציהט זיי! און עס איז כמעט נישטא אזא זאך, אז איינער זאל זיך נישט טרעפן דאס פלאץ אין אזא סארט קהלה - נאר אויב ער וויל גיין קעגן די יסודות הדת רח"ל, אבער ווילאנג ער וויל זיין וואויל און ערליך - איז ער אלעמאל אינעווייניג. און דאס איז דער איינציגסטער וועג וויאזוי מען קען היינט אנהאלטן אידישקייט פאר די דורות ווייטער.

דאס ריכטיג אויסצורעכענען און באלאנסירן - איז א געוואלדיגער קונץ, וואס דאס האט נאר מצליח געווען א דאנק רבי'נס קדושה און סייעתא דשמיא, צוזאמען מיט זיין פקחות און 'רואה את הנולד', צוזאמען מיט זיין מסורה פון די פריערדיגע צדיקים, בפרט פונעם ייטב לב, וואס ער האט משלב געווען די 'קהלה' מיט 'חסידות'.

א קורצע רעקל וכדומה. ער דארף בלויז צושטעלן איין זאך: זיין גרייט צו הערן דעם אמת, אז די תורה האט זיך גארנישט געטוישט היינט, און מען דארף היטן יעדן סעיף קטן פון שולחן ערוך.

## דער חסד וועלכע איז געפלאסן אין דעם בית המדרש'ל

- אין דעם בית המדרש באקומען אידן ימ'ען פון חיזוק זיך מחזק צו זיין נאך די אלע ביטערע צרות. דאס איז געקומען פונעם רבי'נס שטענדיגע שמייכל און גוט אויפגעלייגטע געמיט, פונעם רבי'נס באגלייטן יעדן יחיד אין זיינע פראבלעמען, פונעם רבי'נס פארשטאנד - וואס ער האט פארשטאנען יעדן איינעם אין זיינע רוחניות'דיגע שוועריקייטן, דעם רבי'נס צדקות וואס ער האט געהאלפן פינאנציעל, דעם רבי'ינס תפלות פאר יעדן איינעם'ס הצלחה, דעם רבי'נס ברכות און השתתפות בשמחות ביי יעדן פערזענליך, און אזוי ווייטער.

## א קנאי'שער ווינט קעגן די וועלכע פארדרייען אידישקייט

- אין דעם בית המדרש הערשט א געוואלדיגער פייער און ברען צו די תורה הקדושה און כבוד שמים. דאס האט דער רבי אריינגעברענגט ביי די שלש סעודות תורות און ביי די הושענא רבה דרשות מיט בכיות. און פון דעם ברען - איז ארויסגעגאנגען א ווינט פון 'קנאות' קעגן ציונות און אלע אנדערע פירצות הדור - וועלכע זענען קעגן די תורה הקדושה.

## מען איז מקפיד נישט מקפיד צו זיין

- אין דעם בית המדרש מאכט מען נישט צו א גרויסע עסק פון איין פרטיות'דיגע זאך אין אידישקייט. און כאטש עס זענען געווען מענטשן וועלכע זענען געקומען פון אנדערע קרייזן - וואו דארט איז יא געווען א געוויסער עיקר - איז דאס אבער פארוואסערט געווארן דא, דורכן רבי'נס כסדר'דיגע דגוש אויף יסודות היהדות. און צומאל האט דער רבי בפירוש געקענט אוועקמאכן א געוויסע מנהג אדער דגוש, כדי מען זאל נישט מאכן קיין עסק פון א פרטיות'דיגע זאך אין אידישקייט.

## א ווארעמקייט צו אידישקייט

- אין דעם בית המדרש הערשט א פאזיטיווע ווארימקייט און א ברען צו יעדע 'דבר שבקדושה' - יעדע יום טוב און יעדע מצוה אָן קיין חילוקים. דאס איז

אריינגעקומען דורכן רבי'נס טישן, דאווענען פארן עמוד, פראווען ימים טובים, וכדומה.

## ראשיתך מצער ואחריתך ישגא מאוד

דער רבי האט קודם אנגעהויבן מיט א קליינעם ציבור פון עטליכע מנינים אידן. אבער ווי נאר עס איז ארויסגעגאנגען די שמועה אז עס איז פארהאן א ווינקל וואו מען פארקויפט דעם ריינעם אמת כמו שהוא - זענען כסדר צוגעקומען נאך און נאך אידן מבקשי אמת(עד). ביז צוביסלעך איז פון דעם בית המדרש'ל - געווארן א גרויסע 'קהלה'. פון די קינדער פון דער קהלה האט מען מייסד געווען א חדר, און שפעטער אויך א ישיבה, פון די מיידלעך האט מען מייסד געווען א מיידל שולע. מען האט אוועקגעשטעלט אלע קהל'ישע פונקציעס וואס אן ערליכע קהלה דארף האבן. און אלץ איז געפארן מיטן זעלבן שניט ווי אן ארטאדאקסישע קהלה ווי אינעם חתם סופר'ס צייטן, ווען מצד שני גייט עס צו מיט א ברען און ווארימקייט צו גאנץ אידישקייט - נוסח ראפשיץ צאנז און סיגוט(עה).

**א דרך צו בויען ריינע אידישקייט ארום זיך, און ווער עס וויל אזא סארט אידישקייט – זאל אהערקומען**

---

**עד.** ווען מען האט אנגעפרעגט דעם רבי'ן, אויב מען זאל ארויסגיין אין די אמעריקאנער סטעיטס, צו פארשפרייטן און מחזק זיין אידישקייט - האט ער נישט געהאלטן דערפון, און ער האט געזאגט: "דאס איז נישט געווען אונזער דרך! מיר האבן מקבל געווען א דרך צו בויען ריינע אידישקייט ארום זיך, און ווער עס וויל אזא סארט אידישקייט - זאל אהערקומען צו אונז! און פון זיך אליינס וועט שוין ארויסגיין די שמועה איבער ערליכע אידן, און דאס וועט שוין ברענגען חיזוק אפילו פאר די גאר ווייטע".

#### אנשטאט אים הייסן אנטון א שטריימל – האט ער אים געמאכט פאר א חסיד'ישער איד

**עה.** עס איז שווער מסביר צו זיין וויפיל חכמה עס ליגט דא אינעם רבי'נס דרך, מען וועט נאר אנכאפן איין דוגמא. אין די ערשטע יארן זענען געווען אידן - וועמען דער רבי האט געקענט פונדערהיים, און זיי און זייערע עלטערן זענען געווען חסיד'ישע אידן מיט א שטריימל שבת און לאנגע רעקלעך אינדערוואכן. און דער רבי האט זיי געטראפן דא אין אמעריקע אָן קיין בארד, אָן קיין שטריימל, און מיט א קורצע רעקל וכדומה. אבער דער רבי האט נישט גערעדט ברבים וועגן דעם, און נישט געפאדערט דעם 'גאנצן' ציבור אינאיינעם, אז יעדער מוז זיך אנטון א שטריימל וכדומה, נאר ביחידות האט ער מיט יעדן עקסטער משתדל געווען - לויט יענעמ'ס דרגא און מצב - ער זאל זיך אנטון

## די חכמה נפלאה און כח הקדושה איבערצופלאנצן דאס אלטע אויפן נייעם באדן

דער רבי האט באמת גארנישט מחדש געווען אינעם 'עצם דרך', נאר זיין גאנצער מהלך איז געווען בלויז א המשך פון צאנז און חתם סופר.

**קומט אויס: דער רבי האט באמת גארנישט מחדש געווען אינעם 'עצם דרך', נאר זיין גאנצער מהלך איז געווען בלויז א המשך פון צאנז און חתם סופר. דער חידוש פונעם רבי'ן איז נאר געווען, אז אין דעם ניי געשאפענעם לעבנ'ס שטייגער וואו דער רבונו של עולם האט אונז געברענגט נאך די מלחמה -** האט ער געהאט דעם כח איבערצופלאנצן דעם אלטן שניט און מהלך, און דאס אוועקצושטעלן מיטן גאנצן שטארקייט און אריגינאלקייט. און דאס איז באמת א חידוש פלא, וואס נאר דער רבי מיט זיין הימלישן כח האט דאס געקענט באוויזן בסייעתא דשמיא(עו).

◆

---

מיטן גאנצן חסידישן לבוש אזויווי אינדערהיים, און נישט חס ושלום אז דער רבי איז געגאנגען אויף א וועג פון 'פשרות', אז היינט איז אנדערש, און היינט קען מען נישט. ניין! דער רבי האט דאך אזויפיל מאל גע'חזר'ט די ווערטער פון חתם סופר: "אל תאמר נשתנו העתים, יש לנו אב זקן לא ישתנה ולא ישונה". נאר וואס דען? דער רבי האט געהאלטן, אז דער חסיד'ישער לבוש איז טאקע זייער וויכטיג - אבער נאכאלץ איז עס בלויז א פרט אין אידישקייט - כלפי די יסודות היהדות! און טאמער וואלט דער רבי אנגעהויבן צו רעדן ברבים, ווענן גיין מיט א שטריימל און לאנגע רעקל - וואלט דאס געווארן דער עיקר אידישקייט! 'סאטמארער אידן' וואלט באדייט, מענטשן וואס גייען מיט א שטריימל שבת! און דער מענטש וואלט שוין נישט פארלאנגט פון זיך דער ריכטיגער געטריישאפט צו היטן די תורה הקדושה בשלימות, ווייל ער איז דאך שוין א פרומער איד - מיט דעם וואס ער גייט מיט א שטריימל... דערפאר האט דער רבי געהאלטן, אז אנשטאט צו רעדן איבער דעם שטריימל - וועט ער ענדערש רעדן ווענן עקרי היהדות! ער וועט אריינלייגן א ברען און א פייער צו יעדע מצוה און צו יעדע 'שמירה מן החטא', און מיט דער צייט - אויב וועט ער ווערן א ווארימער חסיד'ישער איד - וועט ער שוין אויטאמאטיש אויך צוריקגיין צום חסיד'ישן טראגע בחיצוניות, און צוביסלעך וועט דער גאנצער ציבור גיין מיטן שטריימל און אלע אנדערע חסיד'ישע מלבושים, אזויווי עס איז טאקע געווען.

**עו.** אט דאס איז ממש דער ענין פון א 'צדיק יסוד עולם', וואס ער האט א כח פון פעסטקייט 'למעלה מדרך הטבע' - זיך נישט צו בייגן פאר קיין שום שוועריקייט; ווי עס שטייט ביי

## דער פארדריסליכער טעות: דער רבי איז געווען נעגאטיוו

פארהאן מענטשן וועלכע האבן **בטעות ארויפגעלייגט אויפן רבי'ן א נעגאטיווע שלייער, כאילו ער האט געהאלטן אין איין אוועקמאכן און חוזק מאכן פון 'מנהגים', פון 'סיפורי צדיקים', פון 'דרכים' און פון 'הרגשי קודש'.** ווייל עס איז טאקע פארהאן גאר אסאך אמת'ע מימרות, וואס דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט: "דאס איז נישט אונזער דרך". אדער: "דאס איז נישט מעלה ומוריד", וכדומה. און פון דעם האט זיך צוזאמגעשטעלט א בילד, ווי כאילו דעם רבי'נס דרך איז געווען א שליליות'דיגער מהלך, פון נישט האלטן פון קיינעם און פון גארנישט, אלעס איז אפגעפרעגט און מען טאר גארנישט טון. אבער אינ'אמת'ן איז דאס א גרויסער טעות. און מען וועט מסביר זיין, פון וואו דער טעות נעמט זיך.

**מענטשן וועלכע האבן בטעות ארויפגעלייגט אויפן רבי'ן א נעגאטיווע שלייער, כאילו ער האט געהאלטן אין איין אוועקמאכן 'מנהגים', 'סיפורי צדיקים', 'הרגשי קודש'**

---

יוסף הצדיק: "והנה קמה אלמתי וגם נצבה". און דורכדעם איז ער זוכה, אז שפעטער בייגט זיך יעדער צו אים; ווי עס שטייט ווייטער: "ואחד עשר כוכבים משתחוים לי".
און אזוי איז אויך געווען ביים רבי'ן, אז פון אנפאנג האט ער צוזאמגענומען געוואלדיגע כוחות צו בלייבן פעלזן פעסט אין אזא מדבר שממה ווי אמעריקע, און שטייענדיג נאך אזא גרויסן חורבן - ווען יעדער האט געשריגן אז מען דארף מאכן פשרות אין אידישקייט - האט דער רבי באלד אוועקגעשטעלט דעם מהלך, אז גארנישט האט זיך נישט געטוישט פון אמאל און מען טאר זיך נישט בייגן קיין משהו פון די תורה הקדושה.
און שפעטער האבן זיך אסאך פון די אנדערע מנהיגים מבטל געווען צום רבי'ן און מודה געווען אז נאר דאס איז דער ריכטיגער מהלך אין אידישקייט. און כאטש וואס עס איז זיכער אויך געליגן אין דעם מהלך א געוואלדיגע חכמה און פארשטאנד, וואס דער רבי מיט זיין טיפע און ברייטע בליק אויף יעדע זאך, האט ער געוואוסט דעם ריכטיגן צוגאנג וויאזוי זיך אפצוטיילן פונעם אמעריקאנעם גאס - איז דאס אבער נישט בלויז 'חכמה', נאר **דאס זענען געווען ספעציעלע הימלישע כוחות הקדושה און סייעתא דשמיא פון א 'צדיק יסוד עולם', וואס אט די הייליגע נשמה פונעם רבי'ן, דער קודש הקדשים, איז געווען א שליח מיוחד פון הימל פארן לעצטן דור בעפאר משיח, אוועקצושטעלן אידישקייט שלא תשכח התורה מפי זרעו. און דאס איז די עכטע סיבה פארוואס דער רבי האט מצליח אויפצושטעלן אידישקייט אין אמעריקא** - וואס קיינער פריער האט דאס נישט מצליח געווען, און אדרבה, אזויפיל האבן געזאגט אז עס איז נישט מעגליך און מען וועט קיינמאל נישט מצליח זיין.

## דער רבי האט געמוזט אוועקמאכן יעדן זייטיגן 'דגוש'

נאכן קריג זענען זיך צוזאמגעקומען אסאך אידן פון פארשידענע קרייזן - יעדער מיט זיין מסורה און מהלך, און אלע האבן געוואוינט אין איין שטאט ברוקלין. אינדערהיים איז יעדער רבי געווען אפגערוקט פונעם צווייטן רבי'ן מיילן ווייט, אבער דא איז יעדער רבי געווען אפגערוקט א גאס אדער צוויי פונעם אנדערן רבי'ן. דא איז געווען א רבי מיט א חצר - וואו מען האט געלייגט א דגוש אויף 'קדושת שבת', א גאס אפגערוקט איז געווען א רבי מיט א חצר - וואו מען האט געלייגט א דגוש אויף 'לימוד התורה', און אזוי ווייטער, יעדער רבי און חסידים האבן געלייגט א דגוש אויף איין ספעציפישע יסוד. דאס האט געפירט דערצו, אז עס האט זיך כסדר אריינגעכאפט ביים עולם געוויסע באוועגונגען פון דער פרעמד - צו מאכן א דגוש אויף א געוויסע זאך. דא האט א בחור געוואלט מאכן אן עסק פון איין געוויסער ספר, און דא האט א אינגערמאן געוואלט מאכן א שטורעם אויף 'קדושת שבת'. דעריבער **האט דער רבי כסדר געדאַרפט איינבאקן און חזר'ן מיט זיין עולם, אז אונזער דרך איז 'גאנץ אידישקייט'! אלעס איז אמת! מען דארף טאקע לייגן א דגוש אויף שבת, אויף תורה, אויף קדושה און אויף אלע עניני היהדות צוגלייך!** מען דארף טאקע לערנען אלע ספרים הקדושים צוגלייך! מיר מאכן נישט קיין עסק פון איין זאך - מער ווי די אנדערע זאך!

> **האט דער רבי כסדר געדאַרפט איינבאקן און חזר'ן מיט זיין עולם, אז אונזער דרך איז 'גאנץ אידישקייט'! אלעס איז אמת!**

## אין אנדערע פלעצער איז מען אסאך מער שולל

**קומט אויס:** די הנהגה פונעם רבי'ן צו שולל זיין זאכן רעכטס און לינקס -איז נישט דער 'עצם דרך'! דאס איז נישט דער ציל און מטרה! דאס איז נאר דער 'מיטל' וויאזוי דער רבי האט 'מברר' געווען און אויסגעקלארט זיין דרך - לאור המצב נאכן קריג וואס ער האט געדארפט קלאר מאכן זיינע אייגענע מענטשן פון אינעווייניג[עז],

---

**עז.** אנדערש ווי דער צאנזער רב, וואס די מלחמה איז געווען בלויז קעגן דרויסנדיגע מענטשן וועלכע האבן געמאכט אן עיקר פון א פרט, אבער ביי זיך אין בית המדרש איז בכלל נישט אריינגעקומען דער סארט רוח. און אזוי אויך אינדערהיים אין קראלי

אבער דער 'עצם דרך' איז נישט 'שלילי'! **פארקערט, דעם רבי'נס מהלך - וועלכער איז בעצם דער צאנזער דרך - איז דער מערסט 'פאזיטיווער' דרך - מער פון סיי וועלכער דרך!** ווייל יעדער דרך האט שולל געווען 'אלעס' אויף דער וועלט - חוץ זיין איין 'נקודת הדגוש'! מען האט נישט געטארט נעמען קיין גדאנקען פון ערגעץ אנדערש, מען האט נישט געטארט לערנען קיין אנדערע ספרים, מען האט נישט געטארט קאכן אין עפעס אנדערש - נאר בלויז דאס וואס מען האט מדגיש געווען ביי 'אונז'.

**פארקערט, דעם רבי'נס מהלך – וועלכער איז בעצם דער צאנזער דרך – איז דער מערסט 'פאזיטיווער' דרך – מער פון סיי וועלכער דרך!**

## דער רבי האט דירעקט גארנישט שולל געווען – ווילאנג מען מאכט עס נישט פאר אן 'עיקר'

ווידעראום, דעם רבי'נס דרך - וועלכער איז בעצם דער צאנזער דרך - גיבט א מקום פאר אלע 'נקודות' פון אלע 'דרכים' - ווילאנג מען מאכט עס נישט פאר אן עיקר. **דער צאנזער מהלך זאגט אויף יעדע גוטע זאך 'יא', און קיינמאל זאגט עס נישט 'ניין': א איד ברענט 'יא' פאר יעדע אידישקייט זאך! א איד האט 'יא' א חיות אין יעדע מצוה! א איד קאכט 'יא' אריין אין יעדן יום טוב! א איד לערנט 'יא' יעדן ספר וואס גיבט אים חיות! א איד נעמט 'יא' יעדע גוטע זאך פון איבעראל!**

דעם רבי'נס דרך אין איין ווארט: **"מאכן אן עסק פון יעדן דבר שבקדושה, אבער נישט לייגן קיין דגוש אויף קיין שום זאך!"** (עח).

---

און סאטמאר, וואס דער רבי האט נישט געדארפט אזויפיל אוועקמאכן פרטים, וויבאלד זיינע מענטשן זענען קיינמאל נישט געווארן נשפע פון אנדערע פלעצער.

**עח. ליתר בהירות:** אין יעדן קרייז איז פארהאן א געוויסער יום טוב - וואס דאס געהער צו זיי... דעמאלט איז דער הויפט זמן ווען די חסידים קומען צום רבי'ן, און מען קאכט זיך אינעם קדושת המועד. ביי איינעם איז עס דער סדר נאכט, ביי א צווייטן ראש השנה, ביי א דריטן שבת שקלים און ביי א פערטן שבועות. אדער מער בפרטיות: ביי איינעם רעדט מען א גאנץ יאר פון די 'כזית מצה', ביי א צווייטן רעדט מען פון מגילה ליינען, און ביי א דריטן פון די הקפות. איינער צופייערט זיך ביי די 'מלכיות, זכרונות שופרות', איינער ביי 'תקיעת שופר דרשה' און א דריטער צוואוינט זיך ביי כתר פון שמיני עצרת.

**ביים רבי'ן איז יעדער יום טוב געווען 'זיין יום טוב' און יעדער שיינער שבת איז געווען 'זיין שבת'...**

## דער רבי האט נישט געהאט זיין ספעציעלער יו"ט - יעדער יו"ט איז געווען ספעציעל

ווידעראום, ביים רבי'ן איז נישט געווען איין געוויסער יום טוב וועלכע האט באקומען דעם זיגל אלס א 'סאטמארער יום טוב'. ווען עס איז געקומען ביים רבי'ן סיי וועלכער יום טוב - האט אויסגעזען ווי עס עקזעסטירט נישט אויף דער וועלט קיין שום יום טוב - אויסער דער איצטיגער יום טוב! **ביים רבי'ן איז יעדער יום טוב געווען 'זיין יום טוב' און יעדער שיינער שבת איז געווען 'זיין שבת'...** ער האט געמאכט א גוואלדיגן עסק פון ראש השנה, יום הקדוש, סוכות, פסח, שבועות, און אזוי ווייטער. ער האט געפייערט מיטן גאנצן ברען סיי ביי מגילה ליינען און סיי ביי הדלקת נר חנוכה, סיי ביי תקיעת שופר און סיי ביי אכילת מצה וכדומה. ער האט געוויינט און אויסגעגאסן זיין גאנצע הארץ סיי ביי הלל, סיי ביי ימים נוראים'דיגע דאווענען און סיי ביי מוסף פון ימים טובים וכדומה. ביי יעדע יומא דפגרא איז געווען א גוואלדיגער מצב, און יעדע מצוה איז געטון געווארן מיטן גאנצן קאך און ברען. דער חילוק איז בלויז: אין יענע חסידות האט מען 'נישט' געמאכט א מצב פון אן אנדערן יום טוב - אויסער שבועות אדער ראש השנה, און ביים רבי'ן האט מען 'יא' געמאכט א מצב פון דעם אנדערן יום טוב! **קומט אויס, אז דעם רבי'נס דרך איז ממש א שטיק 'יא' און א שטיק 'חיות תמידי'. און דאס איז ממש דער צאנזער דרך, וואס ער האט געמאכט א מצב פון 'יעדן' דבר שבקדושה אויפן גרעסטן פארנעם.**

> **דער צאנזער מהלך זאגט אויף יעדע גוטע זאך 'יא', א איד ברענט 'יא' פאר יעדע אידישקייט זאך! א איד האט 'יא' א חיות אין יעדע מצוה! א איד קאכט 'יא' אריין אין יעדן יום טוב!**

**אחת בשנה:** איינמאל א יאר - קען מען זאגן - איז ביים רבי'ן יא געווען א ספעציעלער ברען - מער ווי אלע אנדערע ימים טובים, דאס איז געווען די צווייטע טעג סוכות, וואס דעמאלט האט דער רבי געפראוועט אויף א גאר דערהויבענעם אופן, מיט איבערמענטשליכע כוחות. דאס האט זיך אנגעהויבן הושענא רבה - ביי די תפלות, די דרשות און נענועים, (און דאס האט אפשר א הסבר לפי קוצר השגתינו, לויט ווי מען האט מסביר געווען דעם שייכות צווישן דעם רבי'ן און ראפשיץ, אז דער רבי האט געברענט פארן 'כבוד שמים', וואס דאס איז דער גאנצער מהות פון דעם טאג פון הושענא רבה, ואכמ"ל). און דערנאך איז דאס געגאנגען ווייטער שמחת תורה - ביי די הקפות, וועלכע איז געווען ממש למעלה מדרך הטבע. (אויסער די אלע הויכע ענינים, גבוה מעל גבוה למעלה מהשגתינו - האט הגה"ח ר' מרדכי דוד קאהן זצ"ל מסביר געווען די הנהגה: וויבאלד דער רבי האט דאך אריינגעלייגט א 'רגש דקדושה' אין אלע מצוות אויפן צאנזער שטייגער; ווי אויבנדערמאנט. און וויבאלד שמחת תורה ביי די הקפות נעמט זיך צוזאם די הייליגע הרגשים פון 'שמחה של מצוה' פון אלע מצוות פון א גאנץ יאר; ווי עס שטייט אין ספרים - דעריבער איז דעמאלט ארויסגעקומען ביים רבי'ן א פייער פון 'רגש של שמחה' אויף א גאר שטארקע און געהויבענע פארנעם, ביזן סוף - אָן קיין טבע'דיגע באגרעניצונגען; ווי אין צאנז וואו עס האט נישט עקזעסטירט קיין גופניות'דיגע הגבלות). אבער מיט דעם אלעם, איז נישטא קיין אייןווארט פון רבי'ן: "שמחת תורה איז מיין יום טוב", אדער: "איך וויל אז אלע מיינע מענטשן זאלן קומען צו מיר אויף שמחת תורה", וכדומה.

# פרק ו

## יאחז צדיק דרכו:
# די יסודות'דיגע חילוקים וואס שטעלן זיך ארויס ביים רבי'נס קהלה

### מיט א בליק אויף צוריק

נאכדעם וואס מען האט ארויס די יסודות וויאזוי דער רבי האט אוועקגעשטעלט זיין קהלה - דא אין אמעריקע - קען מען צוריק קוקן אויף למפרע, און זען דעם למעשה'דיגן פונאנדערשייד אין געוויסע הויפט חילוקים - וואו דעם רבינ'ס דרך און מהלך איז געגאנגען אינגאנצן אנדערש, פון אלע אנדערע דרכים בדורינו.

**סאטמאר איז פון די איינציגסטע פלעצער וואו עס זענען פארהאן אלע סארטן הוטן (שטאפענע, פלאכע ביבער הוטן און הויכע הוטן). אלערליי קאלירן און דעזיינס פון רעקלעך (לאנגע, האלבע, און דריי-פערטל). דער אופן וויאזוי די פיאות זעט אויס, האט נישט קיין כללים**

### סאטמאר פארמאגט נישט קיין שום טראַגע

- **דער ערשטער חילוק:** כמעט יעדע חסידות האט א געוויסע טראַגע וואס 'יעדער' גייט אנגעטון די זעלבע. דאס איז כולל דעם גאנצן מענטש פון קאפ ביז פוס,

---

און כאטש דער עצי חיים האט יא געזאגט אן אויסדרוק: "דער זיידע דער ייטב לב האט אונז איבערגעלאזט א ירושה די צווייטע טעג סוכות" - איז דאס אלעס געווען בלויז ווי א פריוואטע עבודה, וואס דער ייטב לב און זיינע קינדער האבן געהאט א ספעציעלע עבודה און השגה אין שמחת תורה, און זיי האבן דאס ארויסגעגעבן בינו לבין קונו, און דער ציבור האט געהאט די זכיה דאס מיטצולעבן און מיטהאלטן פון דער זייט, אבער דאס איז נישט געווען דער לימוד וואס ער האט געלערנט מיטן ציבור. ווייל פארן ציבור האט ער געלערנט, אז מען דארף צוגיין מיטן זעלבן ווארימקייט און ברען - צו גאנץ אידישקייט און צו אלע ימים טובים.

וועלכע הוט, וואו די פיאות זאלן ליגן און וואו לאנג עס זאל זיין, וועלכע ברילן, וועלכע רעקל, וואו לאנג דער רעקל זאל זיין, וועלכע שיך און זאקן, וכדומה. און די סיבה דערצו איז פשוט: אנדערע חסידות'ן האבן געזוכט אנצוהאלטן א געוויסע 'גאלדענע קייט' וועלכע האט זיך געצויגן דורי דורות דורך זייערע הייליגע זיידעס די צדיקים הקדושים ביז צום קריג. און זיי האבן דא אין אמעריקע איבערגעפלאנצט דעם אלטן חסיד'ישן הויף פון פאר די מלחמה. און דערפאר האבן זיי געמוזט אוועקשטעלן א געוויסע חיצוניות'דיגע שניט - וועלכע זאל זיין א 'המשכה' צום אלטן הויף. און נאר ווער עס האט זיך געקענט צושטעלן צו דעם שניט - האט זיך געפונען דאס פלאץ דארט.

## אלערליי הוטן און רעקלעך...

**ווידעראום, סאטמאר איז פון די איינציגסטע פלעצער וואו עס זענען פארהאן אלע סארטן הוטן (שטאפענע, פלאכע ביבער הוטן און הויכע הוטן). אלערליי קאלירן און דעזיינס פון רעקלעך (לאנגע, האלבע, און דריי-פערטל). דער אופן וויאזוי די פיאות זעט אויס, האט נישט קיין כללים, די ברילן האט נישט קיין געוויסע פארמאט פאר יעדן די זעלבע,** וכדומה.

**דער רבי האט קיינמאל נישט געהאט קיין הוה אמינא אז דער גאנצער ציבור קען יעדער זיין אויף דער זעלבער דרגא און אריינפאסן אין איין געוויסן קעסטל.**

## דער שמעלץ טאפ פון די גרעסטע כאניאקישע אינגעלייט צוזאמען מיט די גרעסטע באלעבאטישע אידן און נגידים

דאס אלעס איז נישט געשען בטעות, נאר דאס איז געווען אויסגערעכנט בכונה, וואס דער רבי האט דוקא נישט געמאכט קיין עסק פון קיין חיצונית'דיגע זאכן! דער רבי האט קיינמאל נישט פארלאנגט פון זיינע מענטשן צו גיין אנגעטון מיט א געוויסע טראַגע, און ניטאמאל דאס משבח געווען ברבים! ווייל דער רבי האט קיינמאל נישט געהאט קיין הוה אמינא אז דער גאנצער ציבור קען יעדער זיין אויף דער זעלבער דרגא און אריינפאסן אין איין געוויסן קעסטל. פארקערט, דער רבי האט לכתחלה צוזאמגעשמאלצן אין איין בית המדרש און קהלה פארשידנארטיגע סארט מענטשן - פון די פרומסטע משפחות ביז צו די גאר באלעבאטישע אידן, און פון אלע צוזאמען האט ער געבויעט איין קהלה! ווייל דער יסוד פון דער קהלה איז געווען, אז ווער עס האלט זיך ערליך און געטריי צו די

יסודות פון אידישקייט - קען ער זיין א מעמבער און א חלק פון דער קהלה - אפגעזען צי ער איז א גרויסער עובד ה' און א חשוב'ער געשטעל, צי ער איז א פשוט'ער בעל הבית(עט).

## ער האט דייקא נישט געוואלט משבח זיין קיין זייטיגע ענינים

**ואם תאמר:** נאך אלעם האט דאך דער רבי געהאט א גרויסע השפעה אויף זיינע מענטשן, נו, פארוואס האט דער רבי נישט פרובירט אויפצוהייבן דעם חסיד'ישקייט און פרומקייט פון די בעלי בתים, אז זיי זאלן זיך אנטון לאנגע רעקלעך - אנשטאט די האלבע רעקלעך?! וואס איז שלעכט אז ער רעדט אויך אמאל פון דעם חסיד'ישן לבוש?! **דער תירוץ איז:** ער האט מורא געהאט, אז טאמער וועט ער מאכן אן עסק פון מלבושים, וועט מען פארגעסן דעם עיקר ציל! מען וועט פארגעסן אז אידישקייט מיינט, ווערן נאנט צום אויבערשטן דורך די פשוט'ע 'קיום התורה והמצות' - און נישט דורך קיין שום אנדערע מעטאדן! דערפאר, האט ער נישט געוואלט מאכן קיין שום עסק פון א זאך וואס רירט נישט אָן דעם עצם אידישקייט(פ).

**פון די פרומסטע משפחות ביז צו די גאר באלעבאטישע אידן, און פון אלע צוזאמען האט ער געבויעט איין קהלה!**

---

**עט.** ווי פארשטענדליך, **דער צוזאמשטעל האט געברענגט בעבר, און עס ברענגט נאכאלץ בהוה, און עס וועט אי"ה ווייטער ברענגען, ביז משיח'ס טאג - תמידית'דיגע ויכוחים און חילוקי דיעות צווישן דעם פרומערן סארט עולם מיט דעם באלעבאטישן טיפ.** און דער רבי האט דאס אויך געוואוסט, און דאך האט ער נישט אראפגעשטעלט קיין ליניע אין די ענינים, אדרבה, ער האט הנאה געהאט אז די קהלה איז קאליךפול, ווייל דאס שרייט ארויס קלאר, אז די נקודה וואס נעמט אונז צוזאם אונטער איין שירעם איז, דער שעבוד וואס מיר האבן אלע צום עצם 'התורה והיראה' און יסודות הדת, און נישט די פרטיות'דיגע הנהגות אין עבודת ה'.

**פ.** "מי יתן והיה כל עם ה' נביאים" - אודאי וואלט דער רבי געוואלט, אז אלע זאלן גיין מיטן שלימות'דיגן חסיד'ישן לבוש, און וואס מער חסיד'יש - אלץ בעסער, אבער דאך האט ער נישט געמאכט קיין עסק דערפון, כדי עס זאל נישט ארויסקומען קיין מכשול פון דעם, מען זאל זיך נישט איינרעדן אז דאס איז גאנץ אידישקייט.

## אין סאטמאר איז נישטא קיין 'ספר המנהגים' און 'נוסח התפלה'

- **דער צווייטער חילוק:** כמעט יעדע חסידות האט זיך געוויסע 'מנהגים', 'נוסחאות' און 'קפידות' - וואס זיי האבן דאס מקבל געווען פון זייערע עלטערן, און דאס איז 'קודש קדשים'. דאס איז א חלק פון דעם שייכות פונעם חסיד צו זיין רבי'ן, אז ער דאווענט אינעם ספעציעלן סידור מיטן 'נוסח המקובל' ביי אונז, ער טוט די אלע מנהגים וואס זיין רבי טוט, ער איז מקפיד נישט צו טון - די אלע זאכן וואס זיין רבי טוט נישט, וכדומה. און א גרויסע פראצענט פון די גאנצע קאך פון דער חסידות - דרייט זיך ארום די מנהגים און קפידות.

## דער רבי אליינס האט אויך כסדר געטוישט מנהגים

אין סאטמאר איז נישטא קיין מנהגים! נישטא קיין קפידות! נישטא קיין נוסחאות!

**אין סאטמאר איז נישטא קיין מנהגים! נישטא קיין קפידות! נישטא קיין נוסחאות!** דער רבי אליינס האט זיך אין אסאך זאכן נישט געפירט ווי זיין טאטנ'ס מנהגים; ווי באקאנט דאס ווערטל וואס דער רבי האט געזאגט: "איך פיר זיך ווי מיין טאטן, ווייל ער האט דאך געטון אנדערש ווי ער האט געזען ביי זיין טאטן...". אזוי אויך האט דער רבי אמאל געזאגט: "דער זיידע דער ייטב לב האט אין אסאך ענינים זיך נישט געפירט ווי זיין זיידע דער הייליגער ישמח משה; ווי דער מנהג פון נישט עסן מצה גאנץ פסח, די הנהגה צו דאווענען אין א חדר מיוחד, נישט זאגן ביי מעריב 'ברוך ה' לעולם' און נאך זאכן". **נאכמער, דער רבי האט זיך נישט געפירט ווי זיך זעלבסט! ער האט געהאלטן אין איין טוישן מנהגים מזמן לזמן! עס איז כמעט נישטא קיין מנהג וואס במשך השנים האט ער נישט געטוישט!** אודאי ליגט אויך דא העכערע ענינים וואס ער האט געהאט דערין, אבער איז ער געווען זייער לויז אינעם גאנצן ענין פון 'מנהגים'. און דערפאר איז נישטא קיין 'ספר המנהגים' אין סאטמאר, נאר יעדער טוט וואס עס שטייט אין שולחן ערוך און וואס ער האט צוגעזען ביי 'זיין' טאטן.

## א ראפשיצער קבלה: גארנישט מקפיד צו זיין

דער דאזיגער ענין פון זיין לויז אין מנהגים - שטאמט פון צאנז; ווי עס ווערט

געברענגט אין ספר חמדה גנוזה (ח"א מנהגי שבת קודש), אז דער מיטעלער בעלזער רב זצ"ל איז אמאל געווען אויף א שבת אין צאנז. און דער טיש איז נישט געווען אויסגעשטעלט פון צפון צו דרום. האט דער בעלזער רב געפרעגט פונעם הייליגן דברי חיים: "וואס איז מיטן 'אסדר לדרומא'?". האט אים דער צאנזער רב געענטפערט: "**איין כלל וועל איך אייך זאגן, אונז האמיר א קבלה פונעם הייליגן רב (הרה"ק מראפשיץ) אז מען זאל גארנישט מקפיד זיין!**". און אזוי האט אויך דער רבי מעיד געווען אויפן צאנזער רב, אז ער פלעגט כסדר טוישן מנהגים; ווי דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט אויפן 'דרכי חיים' בזה"ל: "מען קען שרייבן דעם גאנצן 'דרכי חיים' אלעס פארקערט! יעדע זאך אנדערש! און עס וועט זיין ריכטיג, נאר פון אן אנדערן יאר...".

**דער רבי האט זיך נישט געפירט ווי זיך זעלבסט!**

## חסידים שוטים מאכן פון א רבי'נס 'מנהגים' א גרעסערן עסק ווי פון תרי"ג מצוות

**סיבת הדבר:** דער צאנזער רב האט חושש געווען, אז טאמער וועט מען וועקשטעלן 'מנהגים' וואס מען טוט ביי אונז - וועלן די חסידים מאכן פונעם 'טפל' אן 'עיקר', אלעס וועט זיך דרייען ארום מנהגים, און דאס וועט שפעטער גורם זיין אז דער 'עיקר' וועט ווערן א 'טפל'! מען וועט נעמען די 'מנהגים' און פון דעם מאכן דאס גאנצע אידישקייט! מען וועט פארלירן די נאטורליכע ברען צום עצם אידישקייט! און דאס האט דער רבי ווייטער ממשיך געווען, צו לאזן די מנהגים בגדר 'טפל' און אכטונג געבן אז עס זאל נישט ווערן קיין 'עיקר'[פא]. און דאס האט

**פא.** דאס זעלבע איז אויך לגבי דעם ענין פון ניגונים: ביי אנדערע חצירות איז פארהאן א גאנצן עסק איבער 'דער ניגון' און 'יענער ניגון', יעדע ניגון האט א גאנצע סיפור ארום די השתלשלות פונעם ניגון, און א קפידה צו זינגען דעם ניגון ריכטיג, און נישט משנה זיין ח"ו קיין תנועה. אבער ביים רבי'ן איז נישט געווען קיין קפידא און עסק ארום ניגונים. עס זענען פארהאן עטליכע ניגונים וואס דער רבי האט געהערט פון אנדערע מקומות, און פלעגט דאס איבערזינגען. און מטבע הדברים, האט דער עולם - וועלכער איז נישט געווען געוואוינט צום סגנון הנגינה פון אנדערע פלעצער - נישט געהעריג תופס געווען דעם ניגון ווי עס קומט אריגינאל, און עס האט באקומען א שינוי צורה... דאך האט דער רבי קיינמאל נישט מעורר געווען אויף דעם, און ניטאמאל פארבעסערט בשעת'ן זינגען, אז מען זאל זינגען דעם ניגון ריכטיג.

דער רבי ממשיך געווען ווייטער, און דערפאר האט דער רבי אליינס שטארק אוועקגעמאכט דאס מאכן אן עיקר און עסק פון מנהגים.

**דער צאנזער רב האט חושש געווען, מען וועט נעמען די 'מנהגים' און פון דעם מאכן דאס גאנצע אידישקייט!**

## פאר וועמען זענען געאייגנט 'מנהגים'?

אמאל ביי א שמועס בנוגע מנהגים - האט דער רבי געזאגט א 'ממה נפשך' חשבון: "איינער וואס איז א 'בעל השגה' - פירט ער זיך דאך לויט זיין 'שורש נשמה'. ווידער איינער וואס איז נישט קיין 'בעל השגה', נו, האט ער דאך דעם 'שלחן ערוך' וואס פון דארט זאל ער נעמען די הנהגה וויאזוי זיך צו פירן!".

## מען קען זיין דבוק אין א רבי'ן - אָן גארנישט נאכמאכן זיינע מנהגים

דער סקווערער רבי זצ"ל האט אמאל געפרעגט דעם רבי'ן: "אייער פאטער דער קדושת יו"ט האט געהאלטן אלע מנהגים פון צאנז?". האט אים דער רבי געענטפערט: "מנהגים האט נישט קיין שייכות מיט דביקות[פב] אין א רבי'ן! דער הייליגער דברי חיים איז געווען א תלמיד פונעם ראפשיצער רב, און דאך האט ער זיך געפירט אנדערש פונעם ראפשיצער רב מיט אסאך זאכן!". דאס הייסט, נישט דאס איז דער מהלך וויאזוי צו ווערן נאנט צו א רבי'ן - דורכדעם וואס מען האלט אָן אלע זיינע מנהגים.

## אין סיגוט האט מען נישט נאכגעמאכט א טאטן

א איד האט אמאל געפרעגט דעם רבי'ן דער ברך משה זצ"ל: "פארוואס האט דער רבי ז"ל נישט גענומען קיין י"ב חלות יעדן שבת - ווי זיין טאטע דער

---

**פב.** אמאל אין א שמועס ארום דעם ענין, **האט דער רבי געברענגט א שטארקע ראיה דערצו: דער ר"ר אלימלך האט געהאט פיר גרויסע תלמידים, דער ר"ר מענדעלע מרימנוב, דער רבי פון לובלין, דער קאזניצער מגיד, און דער אפטא רב זי"ע. און אלע פון זיי האבן געהאט אנדערע מנהגים איינער פון אנדערן.** מוז דאך על כרחך זיין, אז זיי האבן זיך געפירט אנדערש ווי זיי האבן געזען ביי זייער רבי'ן! ווייל ווען דער ר"ר אלימלך האט געזאגט תורה - האט יעדער איינער פון זיי פארשטאנען עפעס אנדערש לויט זיין

הייליגער קדושת יום טוב האט זיך געפירט?". האט אים דער ברך משה געענפערט: "דו דארפסט פארשטיין איין זאך, אין סיגוט איז בכלל נישט געווען אזא זאך ווי 'נאכמאכן' דעם טאטן!". און דער ברך משה האט אים געגעבן א דוגמא: "דער זיידע דער ייטב לב פלעגט צינדן חנוכה ליכט מיט א שטריימל, און דער זיידע דער קדושת יום טוב האט נישט אנגעטון דעם שטריימל! ווייל אין סיגוט איז נישט געווען קיין 'דוקא'!".

## אויב מנהגים בלייבן בלויז א 'טפל' - איז עס נישט קיין חסרון

**למעשה:** אודאי איז נארמאל, אז איינער וועלכער האט נישט קיין געוויסער מנהג מבית אבותיו, און ער האט נישט קיין סיבה זיך צו פירן אויף קיין שום וועג - וויל טון דער מנהג פון זיין רבי'ן. און עס איז נישט קיין 'חסרון', אדרבה, עס איז גאנץ א שיינע זאך(פג). אבער דאס איז אלעס גוט בלויז מיט איין 'תנאי': ווילאנג מען מאכט נישט דערפון קיין 'עיקרי היהדות'! ווילאנג עס גייט נישט צו מיט קיין 'חרדת הכבוד' אז מען טאר נישט משנה זיין, און אויב איינער איז יא משנה איז ער שוין אוועקגעקראכן פונעם דרך. ניין! אונזער דרך איז תורה און אידישקייט! אונזער דרך איז נישט קיין מנהגים! **אויב דו ווילסט טון דיין רבי'נס מנהג - מהיכי תיתי, אבער שטעל דאס נישט אוועק פאר 'אונזער דרך'! ווייל אויב איז דאס 'אונזער דרך' - וועט דער שולחן ערוך און די 'עקרי הדת' ווערן א זייטיגער ענין, וועלכע האט נישט אזויפיל מיט 'אונז'!** און אט דאס האט

**האט אים דער רבי געענטפערט: "מנהגים האט נישט קיין שייכות מיט דביקות אין א רבי'ן!**

'שורש נשמה', און לויט דעם האט ער זיך געפירט. און אזוי אויך ביי די תלמידים פונעם רבי'ן פון לובלין, איז דער הנהגה געווען גאר שטארק אנדערש איינער פונעם צווייטן.

**פג.** איבער דעם חשיבות פון 'מנהגי אבותינו' - האט דער רבי אליינס געזאגט אמאל אין די יארצייט פון זיין טאטן דער הייליגער קדושת יו"ט (שנת תשט"ו): "ווען מען זאגט נאך א דיבור פון אים: 'ער האט אזוי געטון', 'ער האט זיך אזוי געפירט' - איז 'שפתותיו דובבות'! איז ער אייביג עוסק בתורה". אויך ווערט דערציילט אין ספר דרכי הישר והטוב (דף כ"ח), אז ביי ר' הערשעלע ליסקער זצ"ל האט איינער געוואלט זינגען שמחת תורה פארשידענע ניגונים, האט ער נישט מסכים געווען, און ער האט געזאגט: "איך וויל נישט טון וואס איך האב נישט געזען ביי מיין רבי'ן דער הייליגער ישמח משה". אבער ווי געזאגט, דאס איז אלעס צוגעאנגען אויף אן אופן פון א 'טפל' - נישט ווי אן 'עיקר'.

דער רבי נישט געוואלט עס זאל געשען! פון דעם חשש האט ער געציטערט, און דערפאר אנטלאפן פון מאכן אן עסק פון מנהגים.

## אין סאטמאר איז נישטא א געוויסער חסיד'יש ספר פון אונזער דינאסטיע

אויב דו ווילסט טון דיין רבי'נס מנהג – מהיכי תיתי, אבער שטעל דאס נישט אוועק פאר 'אונזער דרך'!

**דער דריטער חילוק:** כמעט יעדע חסידות האט געוויסע חסיד'ישע ספרים וואס מען האט ביי זיי געלערנט - מער ווי אנדערע ספרים. וואס מיט דעם וואס מען לערנט דייקא אט די ספרים - ווערט מען פאררעכנט ווי א געטרייער חסיד און ממשיך פון אט דעם שלשלת.

## גערעדט בלויז פון דער 'כלליות' פון חסיד'ישע ספרים – אָן דערמאנען איינעםביים נאמען

אין סאטמאר איז נישטא קיין שום חסיד'ישע ספר וועלכע איז ספעציעל געווארן אויסגעוועלט פון צווישן אלע אנדערע ספרים. דער רבי האט קיינמאל נישט געזאגט פארן גאנצן כלל, צו לערנען עפעס א געוויסן חסיד'יש ספר. און כאטש דער רבי פאר זיך, האט געהאט געוויסע צדיקים אין וועמען ער איז געווען זייער פארקאכט, לדוגמא: אינעם הייליגן ישמח משה. אזוי אויך, אינעם ספר נועם אלימלך - האט ער געלערנט יעדן מוצאי שבת. אזוי אויך, אינעם ספה"ק דברי חיים - האט ער געלערנט יעדן ערב שבת. און אויך האט ער געהאט יעדע תקופה אן אנדערן חסיד'יש ספר - וואס ער האט עוסק געווען דערין אין יענע תקופה(פד). אבער פארן ציבור האט ער נישט געגעבן קיין שום הוראה וואס צו לערנען בפרטיות, נאר די הוראה איז געווען, אז יעדער זאל לערנען אין דעם ספר - פון וואו ער שעפט חיזוק און חיות אין זיין ענין. און דער רבי אליינס, ביים זאגן 'תורה' - פלעגט טאקע כמעט קיינמאל נישט דערמאנען א געוויסן ספר אדער צדיק, כאטש ער האט אסאך געבויעט אויף די יסודות פון די תלמידי בעש"ט - פלעגט ער עס נאכזאגן פון די פריערדיגע צדיקים בכלליות.

**פד.** ווען ער איז נישט געזונט געווארן ל"ע, האט ער געשיקט מתפלל זיין ביי עטליכע צדיקים, און איינער פון זיי איז געווען דער 'דברי חיים'. אבער דאס איז אלעס געווען בלויז זיין אייגענע שייכות וואס ער האט געהאט א קשר צו די דאזיגע צדיקים.

## נישט געלאזט מאכן קיין 'מצב' פון איין געוויסע ספר

אויב האט אמאל איינער געוואלט אנדרייען א מצב - אין ישיבה אדער אין בית המדרש - אז יעדער דארף לערנען א געוויסן ספר, האט דאס זייער פארדראסן פארן רבי'ן און ער האט בדוקא אוועקגעמאכט דאס לערנען ספעציעל יענעם געוויסן ספר, נאר געהייסן לערנען אלע ספרי תלמידי הבעש"ט. ווי הגה"ח ר' מרדכי דוד קאהן ז"ל **האט אמאל געזאגט א מליצה: "איך קען מאכן אז דער רבי זאל אסר'ן צו לערנען 'ישמח משה'...** וויאזוי?! איך וועל מאכן א מצב אין ישיבה, אז יעדער מוז לערנען ישמח משה! איך וועל קלעבן צעטלעך אויף די ווענט, אז מען קען נישט האבן קיין קשר און שייכות צום רבי'ן - נאר אויב מען לערנט בקביעות דעם ספר ישמח משה! און איך וועל אויסשטעלן א 'לוח יומי' צו לערנען יעדן טאג אן עמוד ישמח משה!". האט ער אויסגעפירט: "עס איז ביי מיר ברור, אז דער רבי וועט דאן ארויסקומען זאגן, אז מען טאר נישט (על כל פנים, אין יענע תקופה) לערנען ישמח משה..." (פה).

> **הגה"ח ר' מרדכי דוד קאהן ז"ל האט אמאל געזאגט א מליצה: "איך קען מאכן אז דער רבי זאל אסר'ן צו לערנען 'ישמח משה'...**

---

**פה. ברם זכור אותו האיש לטוב:** הגה"ח רבי מרדכי דוד קאהן ז"ל איז געווען א יחיד מומחה אין דער דאזיגער סוגיא וואס מען רעדט דא, און אסאך פון די דיבורים וואס מען רעדט דא, האט מען מקבל געווען פון אים. און ער פלעגט אלעמאל מגדיר זיין: "אונזער עולם איז נישט 'דאס' און נישט 'יענץ', מיר זענען אלע צעבראכענע נפשות - נאכן איבערלעבן אזא קריג, און מיר נעמען 'חיזוק' פון 'אלע' תלמידי בעל שם!". און ווען ער פלעגט באמערקן אויף אינגעלייט וועלכע גלייכן צו לערנען א געוויסע חסיד'יש ספר, אז צוליב דעם פאררופן זיי זיך, אז זיי געהערן שוין צו דעם צדיק... פלעגט ער זאגן: "**פונקט ווי ווען איינער לערנט אסאך 'תוספות' - ווערט ער נאכנישט פון די 'בעלי תוספות', אזוי אויך, ווען איינער לערנט 'זרע קודש' - ווערט ער נאכנישט קיין 'ראפשיצער חסיד', און ווען איינער לערנט 'תפארת שלמה' - ווערט ער נאכנישט קיין 'ראדאמסקער חסיד'! און אזוי אויך איז ביי אלע אנדערע חסיד'ישע ספרים** - וואס א מענטש לערנט און שעפט חיות דקדושה פון דארט - ווערט ער נאכנישט קיין חסיד פון יענע קרייז!".

**אין אנדערע ווערטער:** דאס וואס דער מענטש לייגט ארויף אויף זיך א 'לעיבל' פון א געוויסן צדיק - קומט פון א 'חסרון אמונה' אין די גרויסקייט פון צדיקים. אז וויבאלד דער אינגערמאן גלייבט גאנץ קנאפ אין 'קדושת הצדיק' און אינעם 'אור הצדיק' וואס די

## מען דינט נישט דעם 'ספר' – דער 'ספר' העלפט צו דינען דעם אויבערשטן

**הסבר הדברים:** דער עיקר דגוש ביים רבי'ן איז אלעמאל געווען אויף די 'עקרי היהדות'. דאס הייסט, דער גאנצער ברען און קאך האט מען אריינגעלייגט אין גאנץ אידישקייט און צו די גאנצע תורה. אן ערליכער חסיד'ישער איד מיינט, איינער וועלכער איז משועבד צום 'עצם התורה', און ער איז מקיים אלע מצוות מיט א ברען און רגש דקדושה. דאס איז דער יסוד היסודות פונעם איד. און ערשט נאכדעם וואס דאס איז שטארק אוועקגעשטעלט **אלס 'עיקר' - איז פאראן אזא מושג ווי 'חיות' און 'חיזוק', ווייל א איד דארף אסאך מאל 'חיזוק' אנצוגיין אין עבודת ה'** און זיך מחזק צו זיין קעגן די נסיונות היצר. אזוי אויך, דארף א איד האבן אין זיך א 'חיות דקדושה', ער דארף האבן א 'התעוררות הלב' זיך צו צוגרייטן צו א מצוה אדער יום טוב. און **די אלע ענינים מעג ער און דארף ער אנשעפן פון 'אלע' תלמידי בעש"ט. און יעדער מענטש מעג זיך אויסקלויבן א געוויסן ספר - וואס ער שפירט אז דאס רעדט מער צו זיין נשמה** און איז אים מקרב צום אויבערשטן. איינער וועט שעפן חיות פון בני יששכר און

> **איינער וועט שעפן חיות פון בני יששכר און באר מים חיים, א צווייטער פון פרי הארץ, א דריטער פון די שארפע פוילישע ספרים, א פערטער פון ספרי חב"ד, א פינפטער פון קאמארנער ספרים, און א זעקסטער פון ספרי מהר"ל אא"וו.**

תלמידי בעש"ט האבן געהאט, דערפאר שפירט ער א געברויך עס אנצוכאפן מיט אלע צען פינגער... ער שפירט אז ווילאנג ער וועט זיך נישט פאררופן אלס 'ראדאמסקער חסיד' - וועט ער נישט קענען מקבל זיין דעם אור פונעם ספר תפארת שלמה און פונעם צדיק דער בעל מחבר. ער מוז מאכן א געוויסע חיצונית'דיגע שינוי, כדי צו קענען מקבל זיין דעם אור הצדיק. אבער עס איז א מורא'דיגער 'קטנות הדעת', ווייל דער צדיק איז אסאך גרעסער ווי די חיצוניות'דיגע זאכן! דאס זעלבסט אז דו גלייבסט אין זיין גרויסקייט, און דו באקומסט חיות פון זיין ספר - איז שוין 'די והותר' צו באקומען דורכדעם זיין אור און קדושה.

רבי מרדכי דוד אליינס, איז געווען שטארק דבוק צו ספרי חב"ד. אזוי אויך איז ער געליגן שטארק אין פוילישע ספרים, פון איזשביצער חדר און נאך. און עם כל זה איז ער געווען א 'פארברענטער סאטמארער חסיד'. ווייל יעדער קען שעפן חיות פון וואו ער וויל, און עס איז נישט קיין סתירה מיטן דרך וואס ער האט מקבל געווען מבית אבותיו ורבותיו.

באר מים חיים, א צווייטער פון פרי הארץ, א דריטער פון די שארפע פוילישע ספרים, א פערטער פון ספרי חב"ד, א פינפטער פון קאמארנער ספרים, און א זעקסטער פון ספרי מהר"ל או"ו. געווענליך איז דאס אלעס געוואנדן לויט זיין תכונת הנפש און שורש נשמה, דער וועלכער האט א ברייטן קאפ - נויטיגט זיך מער אין 'ספרי מחשבה', וואו מען קען זיך מער מתבונן זיין, דער אנדערער וועלכער האט א ברייטן הארץ מיט טיפע געפילן - נויטיגט זיך מער אין באר מים חיים וכדומה, וואס ער ווארימט אָן די הרגשים דקדושה. דער וועלכער האט א שארפקייט - נויטיגט זיך מער אין קורצע טיפזיניגע ווערטער, און אזוי ווייטער, יעדער מיט זיין אייגנארטיגקייט. און ברוך השם אז כלל ישראל פארמאגט א רייכן אויסוואל פון אלערליי סארט ספרים, פון וואו מען קען שעפן און זיך דערקוויקן די נשמה[פו]. אבער ווי געזאגט, **עס מוז אלעמאל בלייבן קלאר, אז דאס איז אלעס א 'סיוע' צו עבודת ה' - נישט דאס איז דער עבודת ה'! מען דינט נישט דעם 'ספר' אדער דעם 'צדיק' - מען דינט דעם רבונו של עולם דורך 'קיום תורה ומצוות'**, און דער 'חיזוק' און 'חיות' דערצו, נעמט מען פון די חסיד'ישע ספרים[פז].

**דאס איז אלעס א 'סיוע' צו עבודת ה' – נישט דאס איז דער עבודת ה'! מען דינט נישט דעם 'ספר' אדער דעם 'צדיק' – מען דינט דעם רבונו של עולם דורך 'קיום תורה ומצוות', און דער 'חיזוק' און 'חיות' דערצו, נעמט מען פון די חסיד'ישע ספרים**

## נישט מורא געהאט צו טוישן זאכן אין הנהגה – פון פארן קריג

- **דער פערטער חילוק:** באלד פון אנהייב נאכן קריג - האט כמעט יעדע חסידות געארבעט צו אוועקשטעלן די

**פו.** אין יאר תשי"ט, ווען דער רבי האט באזוכט אין דער ישיבה אין ירושלים עיה"ק, האט ער געזאגט, אז מען זעט אז די דרגא פון די בחורים איז נתעלה געווארן פי כמה פון וויאזוי זיי זענען געווען ביים פריערדיגן באזוך אין יאר תשי"ב. און ער האט אליינס מסביר געווען, אז די סיבה דערצו איז: "ווייל מען לערנט מער חסיד'ישע ספרים". (זכרונות מתולדות הג"ר מענדל פריעדמאן זצ"ל).

**פז.** וזה לשון קדשו של רבינו בספה"ק דברי יואל (פרשת תולדות ע' תרי"ז): "שנטמן יעקב בבית מדרשו של עבר י"ד שנים ולמד שם תורה, ולכאורה מדוע לא הספיק לו לקבל כל התורה ממסורת האבות מיצחק אבינו שקיבלה מאאע"ה, ומ"ט הוצרך עוד להיות נודד ממקומו וללמוד בבית מדרשו של עבר, ויל"פ בהקדם מה שפירשו המפרשים בטעם שתיקנו אנשי כנה"ג לומר אלקי אברהם אלקי יצחק ואלקי יעקב להזכיר אלקותו על

קהילה מיט'ן אמאל'יגן אויסזען און געשטעל, און געקעמפט מיט עקשנות קעגן סיי וועלכע טויש פון אמאל. ווייל זיי האבן געזוכט אנצוהאלטן די חיצוניות'דיגע הנהגה פון די קהילה אויפן אלטן שטייגער. אבער אין סאטמאר האט מען צומאל געמאכט טוישונגען.

## זיך נישט גע'עקשנ'ט נישט צו עפענען א 'כולל'

**לדוגמא:** דאס עפענען א 'כולל לאברכים' - כאטש וואס אינדערהיים איז נישט געווען אזא סארט זאך, און עס איז געווען א ליטווישער דערהער. אבער **ווי נאר דער רבי ז"ל האט איינגעזען אז פארן קיום פון אידישקייט - פעלט זיך אויס א 'כולל' - האט ער דאס געעפנט.** און אזוי אויך, האט דער רבי במשך פון די יארן געטוישט אסאך זאכן אין 'הנהגת הקהלה', ווייל ער האט אלעמאל דן געווען און קובע געווען לויט די מציאות התקופה - כדי מחזק צו זיין אידישקייט.

---

כ"א מהאבות הק' למה לא יספיק לומר אלקי אברהם יצחק ויעקב ופירשו ז"ל, מפני **דכל א' מהאבות הקדושים הכיר את בוראו ועבדו בבחי' חדשה המיוחד אליו כפי בחי' שורש נשמתו**, נוסף על מה שקיבל מאבותיו וע"כ נקרא אלוקותו ית' על כאו"א עכ"ד ז"ל, ובזה יובן מה שהוצרך יעקב לילך ללמוד בבית מדרשו של עבר, כי בהיותו בבית אביו לא רצה לשנות בפניו, ובאמת כפי בחי' שורש נשמתו היה מוכרח לעבוד הבוי"ת בבחי' אחרת, ומה"ט הוכרח להיות נודד מבית אביו לבית מדרשו של עבר, אשר שם היה יכול ללמוד ולעבוד הבוי"ת כפי בחינתו ושורשו. אמנם יובן לדרכנו, דיעקב אבינו השתוקק לעבוד הבוי"ת כפי בחינתו ושורש נשמתו, ומה"ט היה רץ ומפרכס לצאת לבית מדרשו של שם ועבר, ורבקה אמנו השיגה זאת ומזה הטעם ותלך לדרוש את ד' בבית מדרשו של עבר ולא הלכה לבית מדרשו של יצחק אבינו, כי השיגה טעם הריצה של יעקב לפי שרוצה ללמוד ולעבוד את ד' בבחינתו, ולא יוכל לשנות מדרך עבודתו של אביו ומה"ט הלכה לבית מדרשו של עבר להשקיט רוחו ושיוכל לעבוד את ה' שם כרצונו ובחינתו. ובזה הטעם גופא אפשר ליישב הנ"ל, כי ידוע מספה"ק ש**כל אחד מישראל יש לו אחיזה בתוה"ק כפי בחי' שורש נשמתו, וזהו חלקו ומקור שורש נשמתו, ומשם יכול להשפיע שפע קודש ולא ממקום אחר, ודבר זה הוא בכל איש מישראל הגדול לפי גדלו והקטן וכו'**, ומפני זה בבוא איש ממקום אחר מכבדים אותו לומר דיבורי קודש בתוה"ק, כי אולי נמצא בין אנשי העיר אנשים כאלו השייכים לשורש נשמתו, ואינם יכולים להשפע בשפע קודש כ"א על ידו ומנסים את זה דכולי האי ואולי חפץ ה' בידו לעורר לבבות בני ישראל".

## איינגעזען אז מען דארף עפענען א מיידל שולע

**נאך א דוגמא:** אונזערע רבי'ס אינדערהיים זענען געווען שארף אנטקעגן דעם מושג פון 'מיידל שולע'. אבער ווי נאר דער רבי האט פארשטאנען, אז לויטן הייניגן מצב און מציאות - איז דאס זייער וויכטיג אויף אנצוהאלטן ערליכע אידישע דורות - **האט ער אפגעמאכט צו עפענען א מוסד פאר די מיידלעך**(פח).

און ער האט זיך טאקע ארייגעלייגט אין דעם מיטן גאנצן שטארקייט, און מדריך געווען די מנהלים אויף יעדן איינציגסטן פרט.

**ווייל ער האט אלעמאל געקוקט נאר אויף איין זאך: "וואס פעלט זיך אויס 'יעצט' - כדי אנצוהאלטן אידישקייט און מחזק צו זיין די יסודות הדת!". און 'בלויז' דער בליק, האט קובע געווען זיין מהלך אין יעדן ענין**

## געטוישט דעם אופן פון 'אמירת התורה' - לויטן צורך הדור נאכן קריג

**נאך א דוגמא:** דער סגנון וויאזוי דער רבי פלעגט זאגן 'תורה' בעפאר די מלחמה, איז געווען בעיקר שיינע דרושים אין אגדה, געפלאכטן מיט פארשידענע יסודות פון חסידות. אבער נאך די מלחמה האט דער רבי אינגאנצן געטוישט זיין 'תורה זאגן', אז אנשטאט שיינע בחינות - האט ער גערעדט יסודות אין אידישקייט! ווייל נאכן קריג האט ער דערזען אז

---

**פח.** וזלה"ק בספר ויואל משה (מאמר לשון קודש סי' מ"ג): "עכשיו בדורינו אנכי הרואה בענייננו ושפלות דורינו כי צריכים לאותו דבר שיהיה איזה חינוך להבנות".

עס האט דערציילט דער פאיער רב ז"ל, וואס ער האט משמש געווען דעם רבי'ן אין די ערשטע יארן: אין יאר תשי"א איז ער אמאל אריינגעקומען צום רבי'ן אין שטוב, און דער רבי איז געווען זייער פארטראכט, אז ער האט אים ניטאמאל באמערקט. שפעטער ווען דער רבי האט אים באמערקט, האט אים דער רבי געזאגט, אז ער איז זייער פארצווייפלט און מסופק צי און וויאזוי אויפצושטעלן א מיידל שולע. ווייל אין אלע אנדערע ענינים האט ער א 'קבלה' און א 'מסורה' פון די פריערדיגע דורות, ווי למשל 'חינוך הבנים' - האט ער מקבל געווען פון זיין טאטן, וואס ער האט דאס מקבל געווען פון זיינע עלטערן דור אחר דור, אבער לגבי 'חינוך הבנות' האט ער נישט קיין מסורה, ווייל אין דער אלטער היים זענען די מיידלעך געווארן מחונך אין שטוב און עס איז נישט געווען קיין שולע פאר זיי, דעריבער מוז ער זיך אליינס אריינלייגן און אויסארבעטן יעדן פרט, אז עס זאל זיין אויסגעהאלטן על פי תורה והשקפה.

דער ניי געשאפענער מצב - וואס מען האט דא א תפקיד אוועקצושטעלן אידישקייט פונדאסניי - פאדערט צו רעדן כסדר און מדריך זיין דעם נייעם דור מיט די פשוט'ע יסודות הדת! מען דארף זיי מחנך זיין, זיך אינגאנצן אפצוטיילן פון דער אמעריקאנער גאס, מען דארף זיי אויסלערנען דעם גרויסן בראך וואס דער 'מדינה הטמאה' ברענגט מיט זיך, וכדומה אלע יסודות הדת. און דערפאר האבן זיך טאקע אלע תורות געדרייט ארום: 'התבדלות מרשעים', 'נישט נתפעל ווערן פון הצלחת רשעים', 'זיך האלטן אין די צדיקים הקודמים', 'אונזער קשר צו די פריערדיגע דורות', וכדומה.

**אז א איד איז משועבד צו די 'גאנצע' תורה – אָן קיין חילוקים און פשרות!**

**אין אנדערע ווערטער:** וויבאלד **דעם רבינ'ס ציל מיטן זאגן תורה, איז אלעמאל געווען בלויז למען כבוד שמו, כדי צו מדריך זיין זיינע תלמידים אויפן דרך התורה והיראה,** דערפאר, האט ער נישט אנגעהאלטן זיין מהלך פון אמאל, אדער פון זיינע אבות הק'[פט], מיט דער טענה פון: "אזוי האט מען ביי אונז געזאגט תורה", **נאר באלד נאך דער מלחמה, ווי נאר ער האט געהאט פאר ווערמען צו זאגן תורה - האט ער תיכף געטוישט מהלך, און אנגעהויבן זאגן די הייליגע תורות - וועלכע האט זיך אויסגעפעלט אין דער היינטיגער תקופה - צו מחזק זיין די יסודות פון אידישקייט.** ווייל ער האט אלעמאל געקוקט נאר אויף איין זאך: "וואס פעלט זיך אויס 'יעצט' - כדי אנצוהאלטן אידישקייט און מחזק צו זיין די יסודות הדת!". און 'בלויז' דער בליק, האט קובע געווען זיין מהלך אין יעדן ענין[צ].

## נישט געזוכט אנצוהאלטן דעם חיצוניות'דיגן פארעם פון דער אלטער היים

**שורש הדברים:** דער רבי איז געווען דער 'ממשיך דרך' פונעם הייליגן חתם סופר ייטב לב, ראפשיצער רב און דברי חיים - וואס זיי האבן נישט געהאט קיין שום

**פט.** בכלל זעט מען אין די סיגוט'ע ספרים הק', אז זיי זענען נישט געבויעט דוקא אויף בלויז 'איין' מהלך. לדוגמא אין ספה"ק ישמח משה, זענען פארהאן תורות וועלכע גייען 'בדרך פלפול', אנדערע תורות גייען 'בדרך אגדה', און אנדערע 'בדרך דרוש' און 'בדרך קבלה'. און אזוי אויך פארהאן א געמיש פון דרכים אין די ספרים פונעם הייליגן ייטב לב, און אין די אנדערע ספרים הקדושים לבית סיגוט.

**צ. נאכמער:** אפילו דא אין אמעריקע האט דער רבי עטליכע מאל געטוישט דעם סגנון

ספעציעלן 'דגוש' אין אידישקייט, און אזוי אויך האבן זיי נישט געהאט קיין בילד ווי אזוי עס דארף אויסזען, נאר **זייער גאנצע מהלך איז באשטאנען פון בלויז איין זאך: אנהאלטן די אריגינאלע אידישקייט לדורות עולם!** דאס הייסט, אכטונג געבן אז דער צוגאנג צו 'קיום המצוות' זאל זיין ריכטיג ווי א איד דארף צוגיין דערצו! מאכן זיכער אז מען בלייבט ברענע'דיגע אידן פאר תורה און מצוות! מאכן זיכער אז די הייליגע 'תורה מסיני' זאל בלייבן גאנץ! מאכן זיכער, אז **א איד איז משועבד צו די 'גאנצע' תורה - אָן קיין חילוקים און פשרות! און בדרך ממילא - זיך צו שלאגן קעגן די וועלכע פארדרייען די ריכטיגע צורה פון א איד, פון אידישקייט אדער פון די תורה.** און דערפאר האבן זיי כסדר געטון פעולות, אנצוהאלטן אט דעם אריגינאלקייט און ריינקייט - געוואנדן לויטן דעמאלטדיגן צורך, אין יעדן דור און תקופה. און דערפאר, ווען דער רבי האט איבערגעפלאנצט אידישקייט אין אמעריקע, האט ער אויך נישט געהאט פאר זיינע אויגן קיין שום חיצוניות'דיגע בילד אדער שניט - וועלכע מען מוז ווייטער אנהאלטן אזויווי אין דער אלטער היים[צא] - ווייל דאס איז בכלל נישט געווען קיין חלק פון דער מטרה און מהלך! **ער האט נישט געזוכט ממשיך צו זיין קיין שום חיצוניות'דיגע הנהגה פון פארן קריג - פשוט, ווייל עס איז דעמאלט אויך נישט געווען אזא זאך...** פון אלעמאל איז געווען ביי אונז בלויז איין זאך: ממשיך צו זיין ווייטער

**ער האט נישט געזוכט ממשיך צו זיין קיין שום חיצוניות'דיגע הנהגה פון פארן קריג - פשוט, ווייל עס איז דעמאלט אויך נישט געווען אזא זאך...**

---

פון די תורות; ווי באקאנט, אז אין די ערשטע יארן נאכן קריג - האט ער געזאגט מער קורצע תורות פון בלויז עטליכע קשיות און איין הקדמה. ווידער אבער, אין די לעצטערע פאָר יאר (פון שנת תשכ"ד ביז תשכ"ח) וואס מען האט זוכה געווען צו הערן די הייליגע תורות -- האט דער רבי געטוישט, און געזאגט לענגערע תורות, מיט אסאך קשיות און דקדוקים, און דערנאך אויפגעבויעט עטליכע שטארקע הקדמות און עס צוזאמגעפלאכטן איינס מיטן אנדערן, און מיט דעם פארענטפערט אלע קושיות. און דער רבי אליינס האט געזאגט פאר ר' נתן יוסף ז"ל, אז די סיבה פארוואס ער האט געטוישט איז, וויבאלד עס איז לעצטנס אריינגעקומען אסאך בחורים אין דער ישיבה, און ער וויל אין זיי אריינשיינען 'יראת שמים'. (אנדערע האבן דאס תולה געווען אינעם פאקט, אז אין יענע יארן האט ער שוין גערעדט צו תלמידים וועלכע זענען שוין אינגאנצן אויפגעוואקסן אונטער זיין השפעה, ומי יבוא בסוד קדושים).

**צא.** ווענגן דעם איז **ביים רבי'ן נישט געווען אזא מושג ווי 'כבוד בית סאטמאר', אדער 'כבוד הקהילה'**, ווי עס איז דא אין אנדערע מקומות, ווייל ביים רבי'ן איז נאר געווען איין זאך **'כבוד שמים'**.

די אריגינאלע און פשרה'לאזע אידישקייט - אָן פארדרייען און פארקנייטשן, און טון פעולות לטובה אנצוהאלטן אט דעם שעבוד צו די גאנצע תורה און קיום המצות - אויפן ריכטיגן וועג.

## דער טעות: ער פאררופט זיך אלס 'איד' – מיט דעם וואס ער איז מקפיד אויף א גדר וואס דער רבי האט מתקן געווען

**בשייכות דערצו - מוז מען ארויסברענגען א וויכטיגע נקודה:** אמאל קען געשען א טעות, אז א סאטמארער איד קען נעמען איינע פון די 'גדרים וסייגים' וואס דער רבי האט אוועקגעשטעלט, און מאכן פון דעם זיין גאנצע אידישקייט... אבער מיט דעם איז ער אינגאנצן פארקראכן פונעם מכוון וואוהין דער רבי האט געצילט. ווייל **די אלע 'גדרים וסייגים', אלע 'תקנות' און 'מנהגים' - וואס דער רבי האט איינגעפירט - איז געווען בלויז כדי צו שטעלן א שטארקערע 'שמירה', אז דער פשטות התורה און עצם אידישקייט זאל בלייבן גאנץ און אריגינאל,** אבער דאס זעלבסט איז נישט 'עצם אידישקייט'! טאמער האט דער רבי באמערקט א געוויסע חולשה אין א 'דבר שבקדושה', אדער אז עס פעלט א ברען צו א געוויסע מצוה - האט ער דאס מחזק געווען מיט א געוויסע הנהגה אדער חיצוניות'דיגע פעולה. טאמער האט ער געזען אז מען מישט זיך אויס מיט דער דרויסנדיגער גאס, און מען הערט זיך אָן מיט קרומע השקפות - האט ער אוועקגעשטעלט אייגענע בתי מדרשים, כוללים, מוסדות און ישובים - אבער דאס איז נישט געווען חלילה צו בויען דעם 'מלכות סאטמאר', נאר בלויז מחזק צו זיין דעם יסוד היהדות! ווייל דאס איז געווען די ירושה פון זיינע רבי'ס, און נאר דאס האט ער געזוכט אנצוהאלטן און ממשיך זיין אויף ווייטער! ער האט געברענט מיט אַן אש קודש, אז די תורה און אידישקייט זאלן בלייבן גאנץ און אריגינאל(צב), און

> **אלע 'תקנות' און 'מנהגים' – איז געווען בלויז אז דער פשטות התורה און עצם אידישקייט זאל בלייבן גאנץ און אריגינאל**

**צב.** און באמת דאס גופא, וואס דער הייליגער ייטב לב האט צוזאמגעשטעלט, דעם דרך החסידות מיט'ן מהלך פונעם חתם סופר – און אויך דאס וואס דער רבי האט געזאגט, אז זיין דרך איז א צוזאמשטעל פונעם הייליגן דברי חיים מיטן הייליגן חתם סופר – דאס זעלבסט ווייזט אויף דעם יסוד, אז עס איז נישטא א געוויסע 'חיצוניות' וואס מען האלט אָן מיט עקשנות, נאר די צדיקים און מנהיגי הדור זענען קובע און שטעלן אוועק דעם דרך און מהלך לויטן צורך צו ראטעווען דעם דור און די קומענדיגע דורות.

כדי דאס צו קענען באווייזן, האט ער געטון אלע סארט מיטלען וואס האט זיך אויסגעפעלט דערצו - לויטן דעמאלטדיגן מצב און מציאות. אבער ער האט קיינמאל נישט געזוכט אריינצוברענגען נייע באגריפן אין אידישקייט! ער האט נישט געזוכט צו מאכן נייע מנהגים!

## דער חילוק צווישן א יחיד און א רבים בנוגע מנהגים

ביים רבי'ן נישט געווען אזא מושג ווי 'כבוד בית סאטמאר', אדער 'כבוד הקהילה', ווי עס איז דא אין אנדערע מקומות, ווייל ביים רבי'ן איז נאר געווען איין זאך 'כבוד שמים'

**למעשה:** אודאי **דארף יעדער יחיד פאר זיך אנהאלטן שטארק זיין 'מסורת האבות', און דאס איז געווען פון די גרעסטע יסודות וואס דער רבי האט דערויף געפייערט, אבער דאס איז אלץ בנוגע יעדן יחיד פאר זיך.** אבער ווען עס איז נוגע צום 'הנהגת הדור' - מוז מען אלעמאל קוקן אויפן 'מצב' און 'מציאות'. עס איז נישטא איין געוויסע הנהגה (טאמער איז דאס נישט נגד התורה) - וואס דאס איז 'חק ולא יעבור', פון דעם טאר מען זיך נישט רירן. נאר איין זאך איז דא - וואס פון דעם טאר מען זיך נישט רירן: אנצוהאלטן די 'יסודות הדת' און גאנץ אידישקייט - מיט א שטארקייט און פעסטקייט. און אלעמאל דארף מען דן זיין לויטן מצב הדור, וואס דארף מען יעצט טון, על דרך אבותינו ורבותינו, לצורך העמדת הדת על תילה.

# פרק ז

צדיק כתמר יפרח:

# היינט צוטאג זעט מען בחוש די הצלחה פונעם רבי'נס דרך

## עוד לא שקעה האש

מיר שטייען שוין היינט באלד פופציג יאר נאכן רבי'נס הסתלקות, עס זענען שוין פארהאן מיטליעריגע אידן וועלכע האבן נישט געקענט דעם רבי'ן, אבער דעם רבי'נס דרך וואס ער האט אוועקגעשטעלט - גייט אָן ווייטער אויפן זעלבן מהלך, און דער פייער צו יעדע דבר שבקדושה ברענט און פלאקערט נאכאלץ[צג]

### על שלשה דברים העולם עומד:

**צג.** באמת איז צום באוואונדערן כוחו של אותו זקן, די השראה וואס דער צדיק נשגב האט אריינגעלייגט אין זיינע תלמידים - האט נישט קיין הפסק, ווי מען זעט היינט בחוש ווי דעם רבי'נס קהלה וואקסט און בליהט אין אלע דריי 'עמודי העולם': **'עמוד התורה'** - כמעט יעדער איינער - אפילו די פארנומענסטע בעלי בתים - האבן יעדן טאג א שיעור קבוע צו לערנען גמרא תוספות אדער שולחן ערוך, און עס איז גאר שטארק געווארן אנגענומען ביי יעדן איינעם אלס א 'דבר פשוט', אז אָן תורה קען מען נישט זיין קיין איד. **'עמוד העבודה'** - עס איז היינט פארהאן אינעם רבי'נס קהלה א געוואלדיגער ריבוי פון חסיד'ישע און דערהויבענע אינגעלייט וועלכע דינען דעם אויבערשטן מיט אן אמת. **'עמוד החסד'** - דאס איז א דבר ידוע לכל, אז ביים רבי'נס מענטשן גיסט זיך חסד אויף אלע זייטן, און מען דארף נישט מאריך זיין דערין.

אויסער דעם איז די קהלה בכלל אוועקגעשטעלט אויף ערליכע יסודות: **'צניעות'** - וויפיל דער רבי ז"ל האט כסדר מעורר געווען אויף צניעות - זעט מען היינט ווי ווייט זיינע ווערטער האבן אויפגעטון לדורות, ווען כסדר ווערן אידישע טעכטער פון דער קהלה מער צניעות'דיג און מער באשיידן, און דאס איז א חידוש אז אין אזא שוואך דור וואס דער גאס זעט אויס נעבעך ווי עס זעט אויס - מאכט מען כסדר תיקונים און תקנות אין צניעות. **'השקפה טהורה'** - בשעתו ווען דער רבי ז"ל האט געפירט

## הייינט זעט מען דעם רבי'נס ווייטע בליק

כאטש וואס דער רבי דארף נישט באקומען אונזער הסכמה, איז אבער שיין זיך צו געבן א שטעל אפ און אביסל באטראכטן מיט א טיפערן בליק די שיינע פירות - וואס מיר זעען הייינט צוטאג - וועלכע זענען געוואקסן פון דעם בוים, פון דעם דרך וואס דער רבי האט אויסגעפלאסטערט פאר אונז און אונזערע דורות, עד ביאת הגואל. ווייל יעדער רעכטדענקענדער מענטש וועלכער טראכט אריין מיט א ניכטערן בליק - זעט קלאר, ווי ריכטיג דער הייליגער דרך האט זיך ארויסגעשטעלט! דעם רבי'נס דרך האט מצליח געווען אויף הונדערט פראצענט! מען זעט מיט א מורא'דיגע שטארקייט, ווי ווייט עס גייט דער 'אחריות' און דער 'רואה את הנולד' פונעם רבי'ן און אלע פריערדיגע צדיקים וועלכע האבן אוועקגעשטעלט דעם דרך.

מען וועט עס צוטיילן אויף דריי נקודות, געבויעט אויפן זוהר הק': "**אורייתא וישראל וקודשא בריך הוא חד**". מען וועט דורכגיין די דריי נקודות, וואו מען זעט די הצלחה פונעם רבי'נס דרך, סיי אין דער נושא פון '**שלימות אורייתא**' - נישט מאכן קיין חילוקים צווישן איין מצוה ביז די אנדערע. און סיי אין דער נושא פון '**שלימות ישראל**' - נישט מאכן קיין חילוקים צווישן איין איד ביזן אנדערן. און סיי אין דער נושא פון '**קודשא בריך הוא חד**', עבודת ה' בטהרה - נישט צו מאכן קיין קרומע סארט דרכים אין עבודת ה'.

---

די 'מלחמה לה' בעמלק' קעגן ציונות און אלע זייערע נאכשלעפער - איז ער געווען איינער קעגן א גאנצע וועלט! קיינער איז נישט מיטגעגאנגען מיט אים - אויסער זיינע אייגענע מענטשן מיט נאך עטליכע מנהיגים וועלכע האבן געהערט צום חדר פון חתם סופר ותלמידיו. אבער הייינט צוטאג, ווען די וועלט האט זיך געגעבן א רוק און דעם רבינ'ס שיטה איז מער נתפרסם געווארן איבער דער גאנצער וועלט - זענען מיר עדות צום 'שפת אמת תכון לעד', ווי הייינט צוטאג זענען פאראן אזויפיל חסיד'ישע און ליטווישע קהלות - וועלכע זענען ביז הייינט געווען זייער ווייט פונעם דרך פון 'התבדלות', און הייינט האבן זיי איינגעזען דעם אמת, זיי גייען שוין נישט צו די בחירות הטמאות און נעמען שוין נישט קיין געלט פון זיי. און נאכמער זענען פאראן אזעלכע, וואס כאטש זיי האבן נאכנישט דעם כח אויף למעשה - צו אויפהערן פון נעמען געלט און זיך אפהאקן פון דער רעגירונג - זענען זיי אבער שטילערהייט מודה אז 'דער סאטמארער רב איז געווען גערעכט', און אז דאס איז די ריכטיגע זאך וואס זיי וואלטן געדארפט טון.

## יעדער האט זיך געקליבן איין מצוה פון דער תורה און עפעס אנדערש רעדט נישט צו אים

**די ערשטע זאך - תורה בשלימות:** מען האט פריער מאריך געווען, אז דער רבי האט דירעקט נישט געוואלט לייגן קיין דגוש אויף קיין שום נקודה אין אידישקייט - כדי דאס זאל נישט אוועקנעמען דעם ווארימקייט און ברען פון דער כלליות'דיגער אידישקייט. און דאס זעט מען היינט אפן און קלאר, אז יעדע קהלה האט זיך 'זיין זאך', און עפעס אנדערש רעדט נישט צו זיי. אויב זייער זאך איז 'שבת קודש' - קען מען נישט רעדן מיט זיי וועגן טון פאר רוסישע אדער בוכארישע אידן! עס איז נישט 'זייער זאך'! אויב זייער זאך איז 'תורה' - האבן זיי נישט קיין געפיל צו טון השתדלות אז מען זאל אויפהערן גראבן קברי ישראל אין אייראפע! עס איז נישט 'זייער זאך'! אויב זייער זאך איז 'תפלה' - קען מען זיי נישט בעטן צו גיין נאך געלט מיט א חתן פון ארץ ישראל! עס איז נישט 'זייער זאך'! אויב זייער זאך איז 'הפצת יהדות' - קען מען נישט רעדן צו זיי וועגן 'צניעות'! עס איז נישט 'זייער זאך'! אויב זייער זאך איז 'חסד' - קען מען נישט רעדן צו זיי וועגן הזנחות וועלכע קומען פאר אין 'כשרות הבשר', ווייל אונז זענען נישט קיין 'פרומע'! עס איז נישט 'אונזער זאך'! איי, אפשר נעמסטו אריין טריפות אין דיר? אבער דאס איז נישט מיין זאך! דאס הייסט, דער דגוש אויף איין זאך - האט אפגעקילט אלע אנדערע זאכן! יעדער האט זיך געמאכט זייער אייגענע תורה.

> **ווערן באלד דעם רבי'נס מענטשן נתעורר און צוקאכט, און מען דרייט איבער א וועלט! און דאס איז נישט בלויז ביי די רבנים און בני תורה – נאר אפילו די פשוט'ע בעלי בתים ברענען פאר אידישקייט! אידישקייט מיינט אים פערזענליך!**

## מיר האבן תרי"ג מצוות און מיר מאכן נישט קיין חילוקים

**והיינו דאהני ליה למר:** עס איז נישטא נאך א קהלה אין דער וועלט, וועלכע איז 'לבם ער לכל דבר שבקדושה' - ווי דעם רבי'נס קהלה! וואו אימער איבער דער וועלט עס איז פארהאן א מוסד וועלכער נויטיגט זיך אין הילף, סיי אויב עס האנדלט זיך פונעם רבי'נס מוסדות, און סיי אויב עס האנדלט זיך פון אנדערע מוסדות - זענען אלעמאל דעם רבינ'ס מענטשן ווארעם צו העלפן דערפאר! וואו אימער איבער דער וועלט עס מאכט זיך עפעס א גשמיות'דיגע צרה פאר אידן, צי פאר א כלל צי פאר א פרט - זענען דעם רבינ'ס מענטשן אנגעדרייט צו העלפן מיט וואס נאר מעגליך! וואו אימער איבער דער וועלט עס מאכט זיך א

הזנחה אדער פירצה אין אידישקייט - סיי אויב עס האט שייכות מיט ענינים וועלכע דער רבי האט גערעדט דערפון (ווי ציונות וכדומה), און סיי אויב דאס איז א פראבלעם וועלכע איז נאכנישט געווען בימיו פונעם רבי'ן - **ווערן באלד דעם רבי'נס מענטשן נתעורר און צוקאכט, און מען דרייט איבער א וועלט! איינער מיט געלט, א צווייטער מיט עסקנות, און א דריטער מיט געפיל וואס עס טוט אים וויי און ער רודערט דערוועגן. און דאס איז נישט בלויז ביי די רבנים און בני תורה - נאר אפילו די פשוט'ע בעלי בתים ברענען פאר אידישקייט! אידישקייט מיינט אים פערזענליך!** פארוואס? ווייל אויב איז עס 'תורה', אויב איז עס 'אידישקייט' - מיינט עס מיר! איך לייג נישט אריין מיין גאנצן נאטורליכן ברען פון אידישקייט אין בלויז איין זאך, נאר איך בין א איד וועלכער ברענט פאר אלע תרי"ג מצוות וואס דער אויבערשטער האט אונז געגעבן מסיני! **דאס איז דער צאנזער ברען - וואס דער רבי האט אין אונז אריינגעגעבן, צו זיין א געטרייער איד און ברענען פארן שלימות פון 'כל התורה כולה'** - אָן קיין שום חילוקים און פשרות.

## ווי איז נאך געווען אזא 'אוהב ישראל' ווי דער רבי?

**די מדה פון 'אהבת ישראל' וואס מען האט געזען בהתגלות ביים רבי'ן – האט מען נישט געזען ביי קיין שום אנדערן צדיק פונעם לעצטן דור!**

**די צווייטע זאך - אהבת ישראל בשלימות:** ווער עס קען אביסל די היסטאריע פונעם לעצטן דור און אירע צדיקים - ווייסט די מציאות, אז די מדה פון 'אהבת ישראל' וואס מען האט געזען בהתגלות ביים רבי'ן - האט מען נישט געזען ביי קיין שום אנדערן צדיק פונעם לעצטן דור! מען רעדט קודם פון דער עצם מדה פון 'אהבת ישראל', ליב האבן 'יעדן' איד - נאך איידער מען רעדט פונעם בפועל'דיגן 'גמילת חסד' וואס ער האט ארויסגעהאלפן מיט הילף אדער געלט -וואס ער האט געקאכט און געברענט פאר יעדן איד! ער איז פשוט אויסגעאנגען פונעם צער אויסצוהערן יענעמ'ס יסורים! ער האט נישט פארגעסן פון קיין שום נצרך! ער האט געטראגן אויפן הארץ יעדנ'ס פעקל!

## דער חידוש: ער האט נישט געמאכט קיין חילוקים צווישן אידן

דער עיקר חידוש דערין איז: עס איז ביים רבי'ן נישט געווען קיין חילוק - ווער דער איד איז! זיין מיטגעפיל און אהבת ישראל איז געווען צו יעדן איד! **ער האט**

**נישט געמאכט קיין שום חילוק צי יענער איז פון 'אנשי שלומינו' אדער נישט, צי יענער שטאמט פון אונזערע מקומות אדער נישט,** צי יענער גייט אנגעטון מיט אונזער לבוש אדער נישט, צי יענער איז אויסגעהאלטן מיט די ריינע השקפה אדער נישט. נאר כל זמן אז יענער איז א איד - האט אים דער רבי ליב געהאט אהבת נפש ממש! און דעם סארט 'אהבת ישראל' צו יעדן איד בלי שום חילוק - האט מען כמעט נישט געזען ביי נאך איינעם אינעם לעצטן דור.

**ער האט נישט געמאכט קיין שום חילוק צי יענער איז פון 'אנשי שלומינו' אדער נישט, צי יענער שטאמט פון אונזערע מקומות אדער נישט**

## די חסדים פונעם רבי'ן בפועל ממש - שלא כדרך הטבע

פון אט דער ברען פון 'אהבת ישראל' - איז ארויסגעקומען א 'מדת החסד', וואס דער רבי האט ארויסגעהאלפן אידן בפועל(צד). דער רבי האט אוועקגעגעבן אזויפיל שעות אין טאג אויסצוהערן אידן, זיי אנוואונטשן און העלפן מיט וואס נאר מעגליך! יעדער נצרך וועלכער איז אריינגעקומען צום רבי'ן - יהיה מי שיהיה, נישט קיין חילוק פון

**צד. אגב:** אט די צוויי קעגנזייטיגע עקן, פון איין זייט די ברייטע הנהגה פון צדקה וחסד, און פון צווייטן זייט פירן 'מלחמות' און קנאות פארן כבוד שמים - האט דער רבי גענומען פון צאנז; ווי עס איז באקאנט אז דער הייליגער דברי חיים איז פון איין זייט געווען דער ראש הלוחמים בימיו, און פון דער צווייטער זייט איז ער געווען דער גרעסטער 'מקור החסד והצדקה', וואס ער האט פארטיילט זיין גאנצע פארמעגן מיט מסירת נפש ממש. און אזוי איז אויך געווען ביים רבי'ן, פון איין זייט איז דער רבי געווען דער גרויסער גודר גדר ולוחם מלחמות ה', און פון דער אנדערער זייט איז דער רבי געווען דער גרעסטער משפיע און בעל צדקה בדורו.

**בעומק הענין:** נישט בלויז זענען די ביידע זייטן נישט קיין סתירה, נאר אדרבא, קומען פונעם זעלבן שורש. וויל דער זעלבער הארץ וועלכער ברענט מיט 'אהבת ישראל' און זארגט פאר יעדן איד, אז ער זאל האבן אלע זיינע גשמיות'דיגע באדערפענישן מיט א הרחבה גדולה - האט אויך רחמנות אויף זייער הייליגע נשמה, און זארגט אז אידן זאלן האבן די ריכטיגע אמונה און השקפה, און נישט האבן ח"ו פארקרומטע שיטות קעגן די תורה הק', און מרוב רחמנות אויף זיי וויטאגט ער און שרייט אויס דעם ריינעם אמת מנהמת לבו הטהור. און ווי מען האט אמאל ממליץ געווען אויפן רבי'ן - די ווערטער פון רש"י אין פרשת בלק: **"מלאך של רחמים וחרבו שלופה בידו"** - דער רבי איז א שטיק רחמים, און ער האלט א שווערד אין דער האנט קעגן אלע וועלכע ווילן טשעפן כלל ישראל.

וואו ער שטאמט אדער וואס ער האלט, אפילו אויב איז ער געווען גאר ווייט פונעם רבי'נס דרך און שיטה[צה] - איז ארויסגעקומען מיט א שיינעם סכום! דער רבי האט זיך אויסגעליידיגט די טאשן און אלעס אוועקגעגעבן פאר א צווייטן איד פון יענע עק וועלט! און טאמער האט ער נישט געהאט - האט ער געשאפט אדער געבארגט געלט, צו קענען העלפן דעם איד! און ווער רעדט נאך, טאמער אידן האבן געדארפט הילף ברוחניות - און דער רבי האט נישט געקענט טון געגוג דערפאר, איז אים עס ממש צוגעטראטן צום געזונט! ווי מען ווייסט, וויפיל טרערן דער רבי האט פארגאסן אויף די תימנ'ער און מאראקאנער קינדער - ווען די ציונים האבן אפגע'שמד'ט! און נאכדעם וואס דער רבי האט געשפירט אז ער קען נישט געגוג טון פאר זיי -

**צה.** עס קומט אמאל אויס צו הערן ווי מענטשן דערציילן מעשיות פונעם רבי'ן זכרונו לברכה, און זיי באוואונדערן די גוטע מדות פונעם רבי'ן, אז כאטש יענער נצרך איז נישט געווען איינשטימיג מיטן רבי'נס שיטה - דאך האט דער רבי יענעם געגעבן א גרויסן סכום געלט. פון זייערע ווערטער זעט זיך אויס, כאילו דער רבי האט דא פארקוקט אויף זיינע אייגענע חשבונות, כדי יענעם צו העלפן.

אבער דאס אלעס קומט פון גרויס 'קטנות הדעת' וואס מען לערנט אפ דעם צדיק מיט א נארישע בליק - כאילו ער איז געליגן אין די נארישע חשבונות וואו מיר ליגן, און כאילו דער רבי האט געפירט א פערזענליכן חשבון מיט די וועלכע זענען נישט מיטגעגאנגען מיט 'זיין שיטה', ער איז געווען ברוגז און זיי פיינט געהאט. נאר דאך, צוליב גרויס רחמנות אויף זיי - איז ער ארויס פון 'זיך' און זיי געגעבן א שיינעם סכום...

אבער אינ'אמת'ן, די גאנצע הנחה הייבט זיך גארנישט אָן. ווייל א צדיק האט בכלל נישט קיין פערזענליכע חשבונות! **א צדיק קוקט נישט אָן אידישקייט און אידן מיט א חיצוניות'דיגן בליק. דער צדיק האט איין זאך אויף דער וועלט: רצון ה'. דער צדיק זאגט זיין שיטה און השקפה - ווייל דאס איז רצון ה', נישט ווייל 'ער' האלט אזוי.** און טאמער איינער גייט נישט מיט דערמיט - רעגט ער נישט פערזענליך אויף דעם צדיק! אודאי, דער צדיק האט ווייטאג און רחמנות פארוואס יענער איד פארקריכט נעבעך פון דעם אמת'ן אידישקייט, אבער ער האט אים נישט פיינט! ווייל א צדיק קוקט אויף א איד מיט א פנימיות'דיגן בליק, ער זעט זיין הייליגע נשמה, און צוליב דעם האט ער אים ליב אהבת נפש, און עס ברענט אים צו העלפן ברוחניות ובגשמיות. און אט דאס האט מען געזען ביים רבי'ן, אז ער האט זיך שטענדיג ארומגעדרייט מיט הארץ ווייטאג, אויף אידישע צרות - יהיה מי שיהיה, נאכדערצו, ווען עס איז געקומען צו רוחניות - האט ער ממש נישט געהאט קיין מנוחה און נישט געקענט אויסהאלטן דעם צער, אז עס זענען פאראן אידן וועלכע היטן נישט קיין תורה ומצוות ווי עס דארף צו זיין.

דער צדיק האט איין זאך אויף דער וועלט: רצון ה'. דער צדיק זאגט זיין שיטה און השקפה - ווייל דאס איז רצון ה', נישט ווייל 'ער' האלט אזוי

האט ער געכאפט דעם סטראוק לא עלינו, פון גרויס צער און עגמת נפש! ער האט נישט געקענט דערהייבן דעם צער פון אידישע קינדער! כאטש וואס זיי זענען ספרד'דישע אידן וועלכע רעדן נישט קיין אידיש און גייען נישט אנגעטון מיט קיין הוט און רעקל, זייער גאנצער מהות איז זייער ווייט פון אונזער אפשטאם און קרייז - האט עס בכלל נישט געכאפט קיין נפקא מינה ביים רבי'ן!

אויב איז יענער א איד וועלכער האט א נשמה - האט עס געמיינט דעם רבי'ן פערזענליך! דאס איז דער שפיץ שלימות פון 'אהבת ישראל' - אז מען איז נישט מחלק צווישן איין איד און דעם אנדערן איד(צו).

**און טאמער איז מען יא מחלק צווישן אידן – איז דאס נישט קיין 'אהבת ישראל', נאר 'אהבת השבט'.**

## א סאטמארער אינגערמאן גייט נאך געלט פאר א ספרד'ישער איד – מיט וועמען ער האט זיך אין זיין לעבן נישט פארשטאנען

אט דער סארט אהבת ישראל - אָן קיין שום חילוקים - האט דער רבי איינגעפלאנצט אין זיינע מענטשן; ווי מען זעט דאס עד היום הזה, אז די אידן וועלכע גייען לאורו פונעם רבי'ן זענען 'אוהבי ישראל'(צז) כפשוטו! פשוט, זיי ווילן די גוטס און די הצלחה פון יעדן איד! און מען טוט בפועל ממש צדקה וחסד אויפן גרעסטן פארנעם - פאר יעדן איד בלי שום חילוק! די אלע גרויסע אפאראטן פון חסד וואס גייט אָן אין סאטמאר - איז נישט מיוחד בלויז פאר אנשי שלומינו, נאר איז מיוחד פאר יעדן איד(צח)! די בחורים און אינגעלייט ווערן מחונך

---

**צו.** און טאמער איז מען יא מחלק צווישן אידן - איז דאס נישט קיין 'אהבת ישראל', נאר 'אהבת השבט'.

**צז.** עס האט פארציילט א סאטמארער אינגערמאן: איך האב אמאל געהאלפן אן עלטערער איד, א קארלינער חסיד - ארויפצוגיין די טרעפ, בשעת מעשה זאגט מיר דער איד: "קוק אָן, א סאטמארער אינגערמאן העלפט א קארלינער! א מורא'דיגע זאך!". האב איך אים געזאגט: "נו, אין קארלין איז דאך דאס נישט קיין חידוש! ביי אייך איז דאך 'אהבת ישראל' די אלף-בית און יסוד היסודות! די גאנצע שפראך ביי ענק איז דאך ארום אהבת ישראל, אז מען דארף ליב האבן אלע אידן, און דאס חזר'ט מען כסדר!". זאגט מיר דער קארלינער איד: "דו פארשטייסט נישט, ביי אונז רעדט מען פון דעם, אבער ביי ענק 'טוט' מען עס...".

**צח.** הײנט זעט מען, אז געוויסע קהלות קומען ארויס מוחה זיין אין די גאסן קעגן 'גזירת הגיוס', וויבאלד מען האט ארעסטירט בחורים פון דעם חסידות און קהילה. אודאי איז דאס אויך גוט און עס איז אביסל נענטער צום אמת, אבער דעם רבינ'ס מענטשן האבן זיך אלעמאל צוזאמגענומען און ארויסגעגאנגען פראטעסטירן און זיך אננעמען פאר

צו גיין נאך געלט כסדר און העלפן אנדערע אידן - וועלכע האבן נישט קיין שום פערזענליכן שייכות מיט זיי! עס איז **'מעשים בכל יום', אז א איד פון סיי וועלכע קרייז קומט אָן קיין וויליאמסבורג** אדער קרית יואל, **און ביז א קורצע צייט דערזעט ער זיך ארומגענומען מיט א גאנצע גרופע עסקנים וועלכע זענען דא אים צו העלפן מיטן גאנצן ברען...** אויב א איד אין איראן זיצט אין תפיסה און איז אין א 'סכנת מות', זענען עס דעם רבינ'ס מענטשן וועלכע וועלן איבערדרייען א וועלט מיט עסקנות און שתדלנות אים צו באפרייען פון דארט! אויב א רוסישער איד איז אין א צרה - וועלן באלד אריינשפרינגען עטליכע סאטמארער אינגעלייט, און אים ארויסהעלפען אין זיין מצב! אויב א פוילישער אדער א גאליציאנער אפשטאמיגער דארף הילף מיט געלט אדער עסקנות קומט ער צום רבינ'ס מענטשן, און ער ווייסט אז מען גייט אים נישט פרעגן 'פארוואס קומסטו צו אונז'? וואו זעט מען אזוינס? אין וועלכן קרייז גיבט מען אזויפיל מאראלישע, פיזישע און פינאנציעלע הילף פאר אידן וועלכע זענען נישט מאנשי שלומינו - נאכדערצו, אויב דער איד גייט אנגעטון אנדערש, רעדט אנדערש און פירט זיך אנדערש ווי א חסיד'ישער איד? וויפיל מיליאנען דאלער האבן שוין דעם רבי'נס מענטשן באשטייערט פאר ספרד'ישע און ליטווישע מוסדות - אין יעדן שטעטל און דערפל אין ארץ ישראל! וויפיל באלעבאטישע אידן געבן זיך אוועק זייער טאג און נאכט, און זענען פארנומען א גאנץ לעבן ארויסצוהעלפן עפעס א ספרד'ישע אדער ליטווישע מוסד עטה"ק - וואס זיי האבן נישט דערמיט קיין שום פערזענליכן שייכות! זיי וואלטן געקענט אריינלייגן די אלע כוחות צו העלפן מוסדות 'יטב לב' אדער אנדערע 'היימישע' מוסדות - וואס דאס האט מער שייכות און היימישקייט מיט זיי, אבער זיי קוקן גארנישט אויף היימישקייט, ווייל זיי טוען אלעס בלויז צוליב דעם 'אמת' פון דער צוועק - אָן ארויסנעמען דערפון קיין שום טובת הנאה! מען זעט קלאר ווי דער פייער פון נאטורליכע אהבת ישראל ברענט נאך ביי יעדן פון רבי'נס מענטשן! דאס איז דער כח פון לאזן אידישקייט אריגינאל - און עס נישט מצמצם זיין אין געוויסע פרטים און דרכים.

**ביים רבי'נס מענטשן, ווערט דער מושג א 'אונזעריגער' אפגעטייטשט אויף יעדן איד!**

---

די 'אסירי ציון' - אפילו אויב דער ארעסטירטער איז נישט געווען פון אונזער חדר בכלל. ווייל **ביים רבי'נס מענטשן, ווערט דער מושג א 'אונזעריגער' אפגעטייטשט אויף יעדן איד!** אויב איז יענער א איד און מען וויל אים אפ'שמד'ן - וועט מען גיין לוחם זיין און זיך מוסר נפש זיין אים צו ראטעווען! דאס איז דער כח וואס דער רבי האט אריינגעלייגט אין אונז.

## די גרויסע בלבולי הדעת און עקמימות וואס זענען געווארן אין געוויסע פלעצער

**די דריטע זאך - עבודת ה׳ בטהרה:** ווער עס ווייסט אביסל וואס עס טוט זיך הײנט אויף דער וועלט, דער ׳טשטוש המוחין׳ און ׳טעותים׳ - וועלכע זענען געווארן ביי געוויסע קרייזן - קען קלאר אנצייגן אויפן ׳חכם עדיף מנביא׳. אט פון די פאַרדרייטקייטן און משוגעת׳ן - האבן אונזערע רבי׳ס געציטערט, אז דאס וועט ארויסקומען דורכן לייגן א דגוש אויף איין פרט! און אט דאס איז טאקע געשען לעינינו, מען האט גענומען איין זאך און געמאכט דערפון א געוואלדיגן עסק, און פון דעם איז ׳יצא העגל הזה׳ - אידישקייט איז געווארן אינגאנצן פארדרייט און פארקרומט - פון ׳קיצוניות׳ איז געווארן ׳משוגעת׳, און פון ׳משוגעת׳ איז געווארן ׳אמונות טפילות׳, ביז עס רירט אָן צו חששות פון גאר הארבע און יסודות׳דיגע זאכן אין אידישקייט. מען וואלט געקענט מרחיב זיין מיט דוגמאות, אבער מפני כבודן של ישראל איז נישט כדאי אריינצוגיין, אבער דער מציאות רעדט פון זיך אליין.

**אט פון די פאַרדרייטקייטן און משוגעת׳ן – האבן אונזערע רבי׳ס געציטערט, אז דאס וועט ארויסקומען דורכן לייגן א דגוש אויף איין פרט!**

**פון ׳קיצוניות׳ איז געווארן ׳משוגעת׳, און פון ׳משוגעת׳ איז געווארן ׳אמונות טפילות׳**

## א ריינע פלאץ – אָן קיין משוגעת׳ן אין אידישקייט

דעם רבי׳נס קהלה איז עד היום הזה א מקום וואו עבודת ה׳ איז אריגינאל! **טאמער א בחור אדער אינגערמאן וויל זיך דערהייבן אין עבודת ה׳ - טוט ער די זעלבע זאך וואס די אמאליגע עובדי ה׳ האבן געטון! ער לערנט פלייסיג! ער דאווענט ערליך! ער שטייט אוועק פון מותרות! ער ליגט נישט אין קיין תאוות! ער לערנט אלע חסיד׳ישע ספרים! ער לערנט מוסר ספרים! ער איז נזהר אין יעדן סעיף אין שולחן ערוך! ער היט זיך די אברים בקדושה וטהרה! ער גייט נאך געלט פאר אידנ׳ס וועגן! וכדומה.** וואס די אלע זאכן זענען גוט אוועקגעשטעלט אויף די ריכטיגע און שטארקע יסודות פון אריגינאלע אידישקייט - אָן גארנישט פארדרייען אדער איבערטרייבן, וואס דאס אלעס האט דער רבי זכרונו לברכה - בכח נשמתו הקדושה וואס משמיא קא זכו ליה - אונז געשוינט, ער האט אונז אפגעהיטן און אפגעראטעוועט פון אלערליי קיצוניות׳ן און קרומקייטן, און אונז מקרב געווען צום אמת׳ן וועג על דרך הצדיקים הקודמים.

## פון אט דעם גרויסן נשמה האט דער צאנזער רב גערעדט

עס איז אינטערעסאנט אנצוצייכענען צו א שמועס וואס דער הייליגער צאנזער רב זי"ע האט געזאגט (הובא בלשונו הקדוש בספר חמדה גנוזה שיחה ב'), וואו ער רעדט ארום איבער 'דרך החסידות', און ער זאגט דארט נאך פון זיין רבי'ן דער ראפשיצער רב זי"ע, אז ער האט געוואלט אינגאנצן מבטל זיין דאס ענין פון חסידות, ווייל ער האט זיך געזארגט אויף אונזער דור. זאגט ער דארט בתוך הדברים: "שטייט נעבעך די וועלט זייער געמיין, דארף השם יתברך רחמנות האבן, אראפצושיקן משיח'ן, **אדער על כל פנים א גרויסע נשמה וואס זאל אויפהייבן דאס דור ווי פארצייטנס"**(צט). ברוך השם אז מיר האבן זוכה געווען צו אט די 'גרויסע נשמה' - וועלכער האט אויפגעהויבן דעם גאנצן דור צום אידישקייט פון פארצייטנס.

**טאמער א בחור אדער אינגערמאן וויל זיך דערהייבן אין עבודת ה' - טוט ער די זעלבע זאך וואס די אמאליגע עובדי ה' האבן געטון!**

## אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלינו ומה יפה ירושתינו

וויפיל דארפן מיר דאנקען דעם אויבערשטן, אז ער האט אונז געשיקט אזא 'רועה נאמן' - וועלכער האט געהאט אזא גרויסן כח אוועקצושטעלן די יסודות הדת ריכטיג, און וועלכער האט גענומען אזא אחריות פאר די צאן קדשים - וואס נאר א

---

**צט.** דער רבי ז"ל האט אמאל געזאגט (ס"ג האזינו תשכ"ו) מיט אט דעם לשון: "די גמרא זאגט (יומא לח:) ראה הקב"ה שצדיקים מועטין עמד ושתלן בכל דור ודור, מען האט אראפגעשיקט אין יעדן דור, אזוי זעט מען כסדר, כאטש די דורות זענען 'מתמעטין', פונדעסטוועגן איז אלץ אראפגעקומען, **אלץ ווען עס איז געווען א שפלות הדור - האט מען אראפגעשיקט איינעם א נשמה גבוה. דער בוכ"ע האט זיי געהאלטן די נשמות גבוהות, אראפגעשיקט יעדן אין זיין צייט מען זאל אויפהאלטן דעם דור.** אזוי איז געווען שוין פון בריאת העולם אָן, איז געווען כסדר וכו' וכו'. דאס דור איז 'מתמעט', אבער עס איז דא אזעלכע נשמות וואס זענען נאך פון די פריערדיגע דורות, וואס זענען געווען גרויס גאר. דערנאך איז אראפגעקומען דער אר"י הקדוש, און גאר צום סוף דער לעצטער דער בעש"ט הק' וואס איז געווען מקמאי פון די פריערדיגע דורות, און ער האט אויפגעהאלטן דעם דור". (וממש כעין זה אמר רבינו בסעודה שלישית נצבים תשכ"ה).

דאנק אים זענען מיר הײנט נאטורליכע אידן! נאר א דאנק זײן שטארקע און קלארע שטעלונג - נישט אונז לאזן פארפירט ווערן פון 'פרטים', נאר בלײבן אלעמאל בײם 'כלל' - זענען מיר געבליבן מיט א ברען צו גאנץ אידישקײט! נאר א דאנק זײן כח הקדושה, ברענען מיר פארן 'אויבערשטן' - נישט פאר 'אונזער זאך'! נאר א דאנק זײן מדת האמת, דינען מיר דעם אויבערשטן אויפן וועג וואס די תורה האט אונז געהײסן - נישט ווי עס שמעקט 'אונז'! נאר א דאנק זײן הײליג פײער, ווערן מיר אנגעצינדן מיט א פײער און ברען צו יעדע נושא פון אידישקײט! נאר א דאנק זײן הארציגע אהבת ישראל - האבן מיר ליב יעדן איד, נישט קײן חילוק צי ער איז פון 'אונזערע' אדער נישט! נאר א דאנק זײן שטארקײט און אמת'דיגקײט - זענען מיר נישט פארקרומט און פארדרײט מיט טפילות'ן און משוגעת'ן! דאס א מתנה וואס אונזער דור האט באקומען ברוב רחמיו וחסדיו, צו האבן דעם צדיק אמת דא מיט אונז, **לאורו נסע ונלך עד ביאת הגואל.**

✦

**תכלית הדברים:** אײדער מיר גײען אריבער צום צווײטן חלק פונעם שמועס, איז וויכטיג אויסצושמועסן גאר א וויכטיגע און יסודות'דיגע נקודה - וועלכע איז אויך א שטיקל הקדמה אויף וויײטער.

## פארוואס רעדט מען פון דעם רבי'נס דרך – דאס איז דאך נישט געווען אײנגעפירט בײ אונז?

ווען מען קוקט אויפן עצם זאך וואס מען איז זיך צוזאם געקומען דא, צו אפלערענען באריכות דעם רבי'נס 'דרך' - קומט ארויף א גרויסע תמיה: **"צי דען איז דאס געווען דעם רבי'נס דרך, דער צאנזער דרך און דער ראפשיצער דרך - צו רעדן אזא שפראך און מסביר זײן אונזער דרך?! דאס גופא איז דאך גאר גאר ווײט פונעם גאנצן דרך פון די אלע צדיקים?!** מען האט דאך דאס קײנמאל נישט געהערט בײ אונז?! דאס איז נישט געווען קײן 'מדובר' בכלל!". און די טענה איז באמת א שטארקע טענה, ווײל עס איז זיכער, אז דאס גופא וואס מען האט נישט גערעדט אזא סארט שמועס און הסבר - איז אויך געווען במכוון און עס האט געהאט טעמים כמוסים.

## דריי טעמים פארוואס מען האט נישט געוואלט רעדן איבערן 'דרך'

און עס איז דא אויף דעם עטליכע פשוט'ע טעמים:

### רעדן איבער איידעלע מושגים קען פארפאטשקען די נאטורליכקייט און ריינקייט

- דער עצם 'אפלערנען' אזעלכע איידעלע באגריפן און מושגים, און מאכן דערפון א 'סוגיא' - נעמט אוועק פונעם איידלקייט און ריינקייט. ווייל דאס בעסטע איז, ווען דאס בלייבט ריין און נאטורליך - אָן קיין שום חשבונות און התחכמות.

### מען האט נישט געזוכט צו רעדן ברבים איבער 'חילוקי דרכים' צווישן צדיקים

- לצורך הענין צו פארשטיין די יסודות, מוז מען נוצן א שפראך, וועלכע זעט אויס כאילו מען פארשטייט עפעס א משהו אין די ענינים פון צדיקים. און כאטש מען האט זיך כסדר אויסגעשמועסט און מתנצל געווען דערויף, אז מען מיינט נישט די צדיקים זעלבסט, נאר בלויז זייער 'השפעה' און 'הדרכה' - וואס דאס האט מען יא געקענט הערן ביי די לעצטיגע צדיקים 'מעתיקי השמועה' - איז דאס אבער אלעמאל געווען באופן צנוע, אין געגנווארט פון א מנין אידן בעלי דעת וכדומה, אבער צו רעדן ברבים איבער דעם, איז נישט געווען דער דרך אין אונזערע מקומות, וויבאלד איינע פון די גרעסטע יסודות וואס דער רבי האט געלערנט מיט אונז איז, אז מיר האבן נישט די מינדעסטע השגה אין די פריערדיגע דורות, און כל שכן אין די פריערדיגע צדיקים תלמידי בעש"ט.

### מען האט געציטערט פון די הרגשה וואס די שומעים קענען שפירן 'מיר האבן דעם אמת'

- נאך אזא שמועס איז פארהאן א גרויסער חשש, אז עס וועלן חלילה זיין געוויסע פון די צוהערער, וועלכע וועלן ארויסנעמען פון דעם גאנצן שמועס אזא 'סך הכל': "אונז זענען גוט! מיר זענען די איינציגסטע וועלכע גייען אויפן ריכטיגן דרך! יעדער איז זיך טועה, און נאר אונז ווייסן דעם אמת!". און אזא סארט מסקנא ברענגט אומגעוואונטשענע תוצאות פון 'גאוה' און פון 'שלום עלי נפשי', וואס דער מענטש שפירט זיך גוט מיט זיך, ער באגענוגט זיך מיט דעם אליינס וואס ער האט דעם ריכטיגן וועג... ער שפירט זיך 'אנגעקומען' צום ציל -

װיבאלד ער איז ביים אמת! און עס איז איבריג צו זאגן, אז דאס גופא איז דער גרעסטער 'היפוך' פון 'אמת' און פון דעם לויטערן רבי'נס דרך! װי מען װעט יעצט ארומרעדן באריכות (פרק ח-ט), אז דער רבי האט אלעמאל געװאלט פונקט פארקערט, אז מען זאל אלעמאל שפירן אז מען האט נאכנישט אנגעהויבן אין עבודת ה'! דער גאנצער עבודת ה' זאל צוגיין מיט אן אמת און הכנעה! מען זאל קיינמאל נישט זיין צופרידן, נאר פאדערן פון זיך נאכמער און נאכמער! און דערפאר האט מען נישט געװאלט רעדן בכלל דעם שפראך פון 'אונזער דרך' - װיבאלד דאס קען גורם זיין א פארקערטע תוצאה.

> **נאך אזא שמועס איז פארהאן א גרויסער חשש, אז עס װעלן חלילה זיין געװיסע װעלכע װעלן ארויסנעמען אזא 'סך הכל': "אונז זענען גוט! מיר זענען די איינציגסטע װעלכע גייען אויפן ריכטיגן דרך! יעדער איז זיך טועה, און נאר אונז װייסן דעם אמת!".**

## פארװאס טאקע רעדט מען פארט דערפון?

**והתמיה במקומה עומדת:** איז דאך זייער שװער, פארװאס טאקע רעדט מען אזא שמועס?! װיאזוי רעדט מען איבער א 'דרך' - אין דער צייט װאס אין דעם 'דרך' איז נישט געװען דער 'דרך' צו רעדן איבער דעם 'דרך'?!

## אויב װייסט מען נישט קלאר אונזער דרך – איז מען אפן פאר אלערליי דרכים מפוקפקים

**דער תירוץ איז:** דער גאנצער שמועס איז געזאגט געװארן 'בלית ברירה', בלויז 'לצורך השעה'. װייל מען לעבט הײנט אין א קליינע װעלט, װאס אלע סארטן השקפות און 'דרכים' פון איבעראל - קומען אריין צו אונז אינעװייניג. און דערצו קומט מיט דערמיט אויך אלערליי מהלכי המחשבה - װאס די שיטות זענען נישט געבויעט אויף קיין ריכטיגע יסודות, נאר זענען פול מיט קרומקייטן און לויזקייטן, און זענען פירות הנושרים פון די הײנטיגע קרומע און פארדרייטע װעלט. און טאמער װייסט מען נישט די פשוט'ע יסודות פון אידישקייט - װאס מען האט דא ארומגערעדט - װערט מען גאר שטארק נתפעל פון די אלערליי שיטות, און מען האט נישט מיט װאס זיך צו פארמעסטן דערמיט. דערפאר האט מען נישט קיין ברירה, און מען מוז אנפילן דעם לאך פון 'חסרון ידיעה' - מיט די ריכטיגע ידיעות און הבנה, כדי מען זאל נישט פאלן פאר יעדע ניי אויפגעקומענע המצאה.

## דורכן לערנען דעם רבי'נס 'תורות' ווערט מען אפגעהיטן פון די אלע דערמאנטע חששות

**קומט אויס:** כאטש עס איז טאקע זייער וויכטיג זיך אויסצוקלארן אין די 'יסודות', וויסן פון וואו מיר שטאמען, פארשטיין וואס דער רבי האט געוואלט פון אונז, וואס האט ער געפאדערט פון אונז, וכדומה - איז אבער אויך זייער וויכטיג דאס אנצונעמען ריכטיג, און עס נוצן בלויז זיך צו האלטן פעלזן פעסט מיט די הייליגע מסורה וואס דער רבי האט ממשיך געווען פון די צדיקים הקודמים. אבער זיך נישט שפירן 'מער' פון אנדערע אידן, נישט ווערן גרויס ביי זיך און נישט שפירן 'אנגעקומען'. און דער וועג דערצו איז, דורכן לערנען דעם רבי'נס הייליגע תורות - וועלכע געבן אריין אט דעם 'שפלות'. עס ברענגט אריין אינעם מענטש אן איידלקייט און ריינקייט, און א ביטול צו אלע פריערדיגע צדיקים. און אט אויף דעם נקודה וועט מען יעצט ממשיך זיין מיטן שמועס (פרק ח-ט).

# פרק ח

## תורת אמת היתה בפיהו:
## דעם רבי'נס טיפע און יסודות'דיגע הדרכה - ארייגעפלאכטן אין זיינע הייליגע 'תורות'

### אנא נפשי כתבית יהבית

ביז אהער האט מען בעיקר גערעדט פון די חלקים פונעם רבי'נס דרך וועלכע איז איבערגעגאנגען צו זיינע תלמידים דורכדעם וואס מען האט געהאט די זכיה צו זיין במחיצתו, מען האט צוגעזען זיין עבודת הקודש, זיין ברען אין א מצוה און צו יעדן 'דבר שבקדושה', זיין עבודה יעדן שבת און יום טוב, וכדומה. און צו הערן זיין בליק אויף יעדן מצב און מציאות אויף דער וועלט, מען האט זיך צוגעקוקט זיין מלחמת קודש קעגן 'קליפת הציונית' און וויאזוי ער פייערט אויף יעדע פירצה און הזנחה אין אידישקייט, וואס דאס אלעס האט אויסגעבויעט ביי אונז דעם ריכטיגן צוגאנג צו אידישקייט.

עס איז אבער פארהאן נאך א גרויסן חלק אינעם רבי'נס דרך, וואס דאס איז מער די דירעקטע הדרכה וואס דער רבי ז"ל האט אונז מדריך געווען דורך זיינע הייליגע 'תורות' וואס ער האט געזאגט. און מען דארף זיך אביסל מתבונן זיין דערין.

### געוויסע צדיקים פלעגן נישט מדריך זיין דעם ציבור מיט 'דברי תורה' צו זייער מדרגה

עס זענען געווען פארשידענע צדיקים, וועלכע האבן זייער ווייניג גערעדט צום עולם. זיי פלעגן נישט זאגן קיין מוסר און הדרכות פאר פריוואטע מענטשן, און אפילו ביים 'תורה זאגן' - פלעגן זיי זיך נישט אראפלאזן צום עולם און ארייגברענגען אין זיי די יסודות פון א איד לויט זייער פשוט'ע מדרגה, נאר דער צדיק פלעגט רעדן הויכע 'תורות', וועלכע איז געווען לויט זיין הויכע מדרגה. און דער עיקר השפעה

וואס זיי האבן געהאט אויפן ציבור חסידים איז געווען דורך 'והיו עיניך רואות את מוריך' - צי דורכן פירן טיש ברבים, צי דורכן געזעגענען מיט קוויטלעך, וכדומה - וואס זייענדיג דבוק און מקושר אין א 'צדיק אמת', איז דער חסיד דערהויבן געווארן.

## דער רבי ז"ל האט געזאגט תורה ווי א 'רבי' צו 'תלמידים'

איינע פון די גרויסע מתנות און חסדי שמים וואס דער רבונו של עולם האט אונז מזכה געווען מיט דעם צדיק הדורות - דער רבי ז"ל - איז: ער האט זיך אפגעגעבן מיטן גאנצן ציבור ההולכים לאורו - זיי צו 'מדריך' זיין מיט די יסודות פון אידישקייט! **און מיט דעם האט דער רבי ממשיך געווען דעם דרך פונעם 'חתם סופר', 'ייטב לב' און 'דברי חיים' - וועלכע האבן זיך אראפגעלאזט פון זייערע הויכע מדרגות, און זיך אומגעקוקט אויפן דור. דער רבי זכרונו לברכה איז נישט געווען בלויז א 'צדיק', אין וועמען די 'חסידים' זענען מקושר - נאר ער איז געווען א 'רבי' פון 'תלמידים'!** ער איז געווען פארנומען אוועקצושטעלן און מחנך זיין זיינע מענטשן מיט דעם ריכטיגן השקפה און הדרכה, אז זיי זאלן וויסן וואס א איד מיינט און וויאזוי א איד פירט זיך אויף! און בעיקר האט ער דאס איבערגעגעבן ביי די 'תורות' וואס ער האט געזאגט פארן ציבור יעדן שבת קודש - במשך די אלע יארן - וואס דארט האט ער זיך אראפגעלאזט 'מן ההר אל העם', דארט האט ער געלערנט און איבערגעגעבן פאר זיינע תלמידים אלע 'יסודות' אין אידישקייט[ק].

> **דער רבי זכרונו לברכה איז נישט געווען בלויז א 'צדיק', אין וועמען די 'חסידים' זענען מקושר – נאר ער איז געווען א 'רבי' פון 'תלמידים'!**

✦

---

### ברכה באסמיך – די אוצרות פון 'תורות' וועלכע טראגן זיין השראה ביז משיח'ס טאג

**ק.** מיר דארפן דאנקען דעם אויבערשטן, אז רוב פונעם רבי'נס תורות זענען געווארן אפגעכאפט און אפגעשריבן, אזוי אז מיר האבן היינט צוטאג דעם גרויסן אוצר פון די הייליגע תורות, וועלכע זענען פול מיט הדרכות און יסודות, און דאס שטעלט אוועק א ריכטיגן מהות פון א חסיד'ישער איד - אויפן 'רבי'נס דרך' וועלכע איז 'יסודתו בהררי קודש'; ווי מען האט שוין פריער מאריך געווען. און דערפאר זעט מען טאקע בחוש, אז דער רבי האט אויסטערליש מצליח געווען אריינצובאקן די יסודות פון אידישקייט אין זיינע תלמידים עד היום הזה, און די אלע וועלכע זענען אויפגעוואקסן אונטער זיין

## דער 'קביעות' אינעם רבי'נס תורות – דער מענטש ווערט אויפגעבויעט מיט א יסודות'דיגע אידישקייט

לאמיר זיך אביסל פארטיפן און פארשטיין דעם מהלך פונעם רבי'נס תורות: און איינמאל מען וועט ארויסהאבן דעם ברייטן בילד דעריין - וועט מען זען, וועלכע ערליכע און שלימות'דיגע בנין דער רבי האט אויפגעבויעט דורך זיינע 'תורות', וואס ער האט ממש נישט איבערגעלאזט קיין שום יסוד - וואס ער האט געהאלטן פאר וויכטיג אז א איד זאל דאס וויסן - אָן זאגן תורה דערויף און עס מדגיש זיין כסדר, און דורכדעם וואס מען לערנט בקביעות דעם רבי'נס תורות - ווערט דער גאנצער מענטש איבערגעמאכט און אויסגעשטעלט צו זיין אן ערליכער איד ווי דער רבי האט געוואלט מיר זאלן זיין.

## דעם רבי'נס דרך אין זאגן תורה – על דרך הבעש"ט ותלמידיו הק'

כדי צו פארשטיין דעם עמקות אינעם רבי'נס תורות און ארויסהאבן דעם תכלית הדברים און דעם פלאץ אוואו ער טראגט אונז - דארף מען קודם מקדים זיין א

השפעה - סיי בחיים חיותו, און סיי לאחר הסתלקותו דורך זיין השפעה - זענען אלע שטארק אויסגעקאכט אין די אלע יסודות היהדות וואס דער רבי האט געהאלטן פאר וויכטיג, און עס איז ממש א חלק פון זייער גאנצער מהות. און א גרויס חלק דערפון איז צו פארדאנקען דאס וואס מען לערנט זיינע ספרים און תורות, וואס דורכדעם וועלן מיר זיך קענען האלטן אינעם אמת'ן וועג ביז משיח'ס טאג.

### זייַנע הייליגע תורות זענען 'מדריך' און אויך 'מעורר את הלב'

בכלליות, איז פארהאן צוויי שטארקע אויפטוען - פון דעם וואס מען לערנט בקביעות די הייליגע תורות פונעם רבי'ן. **א)** דורכדעם ווערט מען אויסגעקאכט אין די וויכטיגסטע יסודות וועלכע זענען נוגע צו אונזער דור פון 'עיקבתא דמשיחא', וואס דער רבי איז געווען דער צדיק וואס איז ספעציעל געשיקט געווארן פון הימל צו באלייכטן דעם וועג פאר דעם דור האחרון. **ב)** דורכדעם באקומט מען א ברען און פייער צו יעדן דבר שבקדושה - און בפרטיות, יעדער איינער צו א געוויסע נקודה אין אידישקייט, געוואנדן לויט זיין תכונת הנפש און זיין דרגא אין עבודת ה' - וואס דאס ליגט צווישן די שורות פון זיינע הייליגע ספרים; ווי מען זעט בחוש, אז יעדער וואס לערנט דאס - ווערט נתעורר צו אידישקייט מיט א ברען און א התלהבות.

כלליות'דיגע התבוננות אינעם אופן 'וויאזוי' דער רבי האט געזאגט 'תורה'! דאס הייסט, נישט בלויז ארויסצוהאבן 'וואס' ער האט געזאגט, נאר אויך צו פארשטיין דעם מהלך 'וויאזוי' ער האט עס געזאגט! ער וואלט געקענט זאגן דעם זעלבן 'תוכן' אויף א צווייטן אופן, און ער האט בוחר געווען עס צו זאגן דוקא אויף דעם וועג. און אט אין דעם 'וועג' פון זאגן - ליגט א געוואלדיגע טיפקייט; ווי מען וועט שפעטער מסביר זיין, און מען וועט אויך זען אז דאס איז געווען דער וועג פון אלע אונזערע רבי'ס למעלה בקודש - ביזן בעל שם טוב הק'. נאר איידער מען גייט צו צום ענין, איז זייער וויכטיג פארן 'הבנת הענין' צו ארייננגיין אין א **יסודות'דיגער שמועס איבער דעם חסיד'ישן צוגאנג צו אידישקייט** בכלל.

## הקדמה: מיט וואס איז דער חסיד'ישער צוגאנג צו אידישקייט – אנדערש ווי די מתנגד'ישע צוגאנג?

**אין אנדערע ווערטער:** וויאזוי זענען חסיד'ישע אידן[קא] אין אלע דורות צוגעגאנגען צו תורה ומצוות?! מיט וועלכע סארט 'מחשבה' האבן זיי געפראוועט א שבת און א יום טוב?! עס זענען דאך געווען גאר אסאך ערליכע אידן 'מדקדקים בקלה כבחמורה' און 'בעלי מסירת נפש' - אויך ביי די 'נישט חסידים', נו, אין **וועלכע שורש'דיגע נקודה איז זייער 'צוגאנג' צו 'קיום תורה ומצות' געווען אזויפיל אנדערש ווי ביי 'חסידים'?! וועלכע סארט צוגאנג האבן די חסיד'ישע צדיקים געוואלט 'שולל' זיין פון זייערע חסידים, אז דאס איז נישט קיין ריכטיגער 'צוגאנג' צו א מצוה** - וואס צו אט דעם 'צוגאנג' האבן אלע זייערע הייליגע תורות געצילט און טאקע בפועל געברענגט?! **אין אנדערע ווערטער:** וואס זענען די 'יסודות' וואס דער בעל שם טוב ותלמידיו לערנען אונז - וואס אין אנדערע מקומות איז עס נישט

עס זענען דאך געווען גאר אסאך ערליכע אידן 'מדקדקים בקלה כבחמורה' און 'בעלי מסירת נפש' – אויך ביי די 'נישט חסידים'

**קא.** זעלבסט פארשטענדליך, אז מען רעדט נישט דא פונעם 'דרך הבעל שם', וואס דאס איז געווען א העכערע זאך אין וואס מיר האבן נישט די מינדעסטע השגה. און דער רבי זכרונו לברכה האט אונז שוין קלאר געמאכט אז "דרך הבעש"ט נשתכח לגמרי". מען רעדט יעצט בלויז פון דעם לימוד וואס מען קען ארויסנעמען פון די חסיד'ישע ספרים וואס מען איז עוסק דערין, וואס יעדער איד שפירט אז דאס גיבט אים אריין א ריינע יראת שמים און נאנטקייט צום אויבערשטן, און דאס דארף מען פארשטיין, מיט וואס דאס איז אנדערש ווי די מוסר ספרים וכדומה.

געוועזן אזוי שטארק פארשפרייט, און אפילו אויב מען האט געוואוסט דערפון - האט מען אבער נישט געלעבט דערמיט?!

## דער בעש"ט איז געקומען מדגיש זיין דעם ציל פון 'כל התורה כולה' – 'דביקות' אינעם 'נותן התורה'

**דער תירוץ איז:** דער תכלית פון גאנץ תורה און מצוות איז, אז דורכדעם זאל מען נתקרב ווערן צום אויבערשטן. דאס הייסט, 'לימוד התורה' איז נישט קיין נושא 'פאר זיך', נאר דאס דארף מדבק זיין דעם 'לומד תורה' מיטן 'נותן התורה'! אזוי אויך: 'קיום המצוה' איז נישט קיין נושא וועלכע האט זיך דא אנגעפאנגען און דא געענדיגט - נאר דא טוט זיך אפּ א 'דביקות': פון איין זייט איז דא א 'מְצַוֶּה' (דער אויבערשטער), פון צווייטן זייט איז דא א 'מְצוּוֶּה' (דער איד), און דורך די 'מִצְוָה' - ווערט א 'דביקות' פונעם 'מְצוּוֶּה' צום 'מְצַוֶּה'. און **וויבאלד דאס איז דער עיקר ציל - האבן די תלמידי בעש"ט געלייגט דעם גאנצן דגוש, אז מען זאל טאקע טון אלע מצוות מיט אט דעם ציל און צוגאנג, כדי מען זאל טאקע אנקומען צום ריכטיגן דביקות,** און מען זאל נישט בלייבן אריינגעטון בלויז אין די 'פעולות' וואס מען טוט, נאר אלעמאל געדענקען דעם תכלית המכוון.

## דער 'אור' פון א מצוה – איז מקרב דעם איד צום אויבערשטן

אט דער נקודה קען יעדער איינער אליינס זיך איבערצייגן לערנענדיג אין די הייליגע ספרים פון די תלמידי בעש"ט, וואו מען זעט אז יעדער צדיק לפי דרכו -איז מקרב דעם מענטש צום 'פנימיות' פון יעדע זאך! ביי יעדע מצוה און ביי יעדן יום טוב זענען די ספרי חסידות כסדר מדגיש און ברענגט ארויס דעם 'אור' פון דער מצוה און פון דעם יום טוב! ווייל דורכדעם וואס מען איז דבוק אינעם 'אור' און 'פנימיות' פון דער מצוה - ווערט דאס מקרב זיין דעם איד צום אויבערשטן!

## צו לערנען תורה ווייל 'מען דארף לערנען' – איז נישט קיין חסיד'ישער צוגאנג

**קומט אויס:** דער 'צוגאנג' וואס די תלמידי בעש"ט האבן געוואלט 'שולל' זיין איז, אז תורה און מצוות זאל נישט זיין קיין זאך 'פאר זיך' - אפגעריסן פונעם אויבערשטן! א איד זאל נישט לערנען סתם ווייל 'מען דארף לערנען' - נאר ווייל

דער רבונו של עולם האט מיר געהייסן לערנען! און דורכן פאלגן דעם 'מְצַוֶּה' בין איך דבוק אין אים! און אט דעם 'צוגאנג' האבן זיי געוואלט ארייננברענגען אין אידישע קינדער, אז דער גאנצער שטרעבן און מטרה פון א איד זאל זיין בלויז צו איין ציל: 'דביקות' און קרבת ה'. און ווען מען פארשטייט גוט אט דעם יסוד - ווערט ליכטיג גאר אסאך נקודות וואס די תלמידי בעש"ט האבן מדגיש געווען, וואס אלעס נעמט זיך פון אט דעם שורש. מען וועט אויסרעכענען עטליכע נקודות.

## דער בעש"ט האט מדגיש געווען די ריינקייט פון 'גאות' און 'פניות' – עס שטערט צום דביקות

א. **פניות** - די תלמידי בעש"ט האבן זייער אסאך מאריך געווען איבער דעם גנות פון טון מצוות מיט 'פניות' - דאס מיינט, זייטיגע חשבונות - צו זוכה זיין צו מדריגות דורכדעם, אדער גשמיות'דיגע חשבונות, וכדומה. און גאר אסאך תורות אין חסיד'ישע ספרים זענען געשטעלט אויף דעם, אז מען זאל לערנען, דאווענען און טון מצוות מיט א 'ריינע' כונה פארן אויבערשטן אליינס(קב)! אויבנאויף זעט אויס פאר א מענטש, אז צו מיינען ריין דעם אויבערשטן - איז א זייטיגע 'פרט' און 'הידור מצוה', וואס גיבט צו צום 'שלימות', און מען פארשטייט נישט: פארוואס האבן די תלמידי בעש"ט אזויפיל גערעדט וועגן דעם פראבלעם פון טון מצוות מיט 'פניות'? אבער **ווען מען פארשטייט דעם יסוד וואס דער בעש"ט האט געוואלט מחזק זיין - אז גאנץ תורה ומצוות איז א ציל צו אנקומען צום 'דביקות' - פארשטייט מען, אז 'לשמה' איז ממש דער 'עיקר' פון גאנץ אידישקייט!** ווייל אויב א מענטש לערנט און דאווענט כדי צו זיין א 'תלמיד חכם' אדער א 'שיינער איד' - וועט עס אים אודאי נישט ברענגען צו קיין 'דביקות' אינעם 'מְצַוֶּה', נו, קומט דאך אויס אז 'העיקר חסר מן הספר'. און דערפאר האט דער בעש"ט ותלמידיו אזויפיל גערעדט איבער מיינען ריין 'לשמה', כדי אוועקצושטעלן אידישקייט אויף די ריכטיגע שינעס, אז אידישקייט זאל זיין א לעבעדיגע זאך מיט א לעבעדיגן ציל - נתקרב צו ווערן צום אויבערשטן(קג).

**קב.** זעלבסט פארשטענדליך, די מדרגה פון 'לשמה' איז גאר א הויכע מדרגה, און מיר זענען זייער ווייט דערפון, די נקודה דא איז נאר, צו פארשטיין דעם צוגאנג פון חסידים צו עבודת ה' און אויף וואס מען דארף כאטש צילן.

**פארוואס ביי חסידים זאגט מען 'על דעת הצדיקים'**

**קג. מענין לענין:** ביי חסידים איז פארהאן א באגריף, אז איידער מען איז מקיים א מצוה,

## דער בעש"ט האט מדגיש געווען 'ברען' - עס העלפט צום דביקות

ב. **התלהבות** - די תלמידי בעש"ט האבן אסאך געארבעט אויף 'התלהבות', אז א איד זאל האבן א ברען אין א מצוה, דאווענען מיט א קאך, און אריינלעבן אין א שבת און יום טוב. דאס איז אויך א 'תוצאה' פונעם אויבנדערמאנטן יסוד, אז וויבאלד תורה ומצוות איז א וועג וויאזוי צו ווערן 'דבוק' אינעם 'מְצַוֶּה', דערפאר פעלט זיך אויס א פייערדיגער ברען - כדי צו זיין דבוק אינעם 'אש אוכלה', דער הייליגער באשעפער; ווי דער בעל שם טוב אליינס זאגט (צוואת הריב"ש): "**ולדבקה בו, ואמרו חז"ל וכי אפשר לדבק בו והלא אש אוכלה הוא, אלא הדבק במידותיו, מה הוא רחום אף אתה רחום, עד כאן. פירוש, כי לעבוד את השם 'בהתלהבות', זה דביקות גמור בו יתברך**". אין אידיש: דער אייבערשטער איז 'אש אוכלה',

**דערפאר האבן חסידים אוועקגעגעבן אסאך צייט צו קאכן און אריינלעבן אין 'איין' געוויסע מצוה ווייל דאס איז מקשר דעם מענטש צו דער חיות און פנימיות פון אט דער מצוה/יום טוב, און דורכדעם ווערט מען מקושר צום אויבערשטן**

איז מען זיך מקשר מיט צדיקים, זעה לדוגמא אין ספה"ק אגרא דכלה (פר' לך) וזל"ק: "מי שאינו יודע לכוין בסודות עליונים יאמר בפה מלא בעת עשיית המצות על דעת הצדיקים". און אזוי שטייט אין נאך אסאך חסיד'ישע ספרים. אויך איז פאראן אן ענין זיך מקשר צו זיין מיט גאנץ כלל ישראל; ווי עס שטייט אין אסאך ספרים, לדוגמא זעה אין ספה"ק נועם אלימלך (פר' דברים) וזלה"ק: "עצה לעם ה' איך יתנהגו לבא אל אמיתת עבודת השם ברוך הוא, כי הטעם למה שאנו אומרים קודם כל עבודתינו ותפילתינו לשם יחוד כו' בשם כל ישראל' וכו', שהתיקון לזה הוא במה שכולל עצמו עם כללות ישראל וכו', מקשר עצמו שם בהתכללות ההיא וכו', ואז יכול לעשות המצוה או העובדא ההוא".

דער רבי ז"ל פרעגט (עי' דברי יואל פר' פרה עמ' קע"ה): מען טוט דאך די מצוה 'על דעת המצַוֶה' - וואס דאס איז אסאך גרעסער ווי אלע כונות פון אלע צדיקים, נו, וואס איז דער ענין פון טון די מצוה 'על דעת הצדיקים'? ענטפערט דער רבי: צו קענען זיך 'אינגאנצן' מבטל זיין צום רצון המצַוֶה - איז א הויכע דרגא, און מיר זענען נישט אויף דער מדריגה בשלימות! דערפאר איז די עצה, צו טון 'על דעת הצדיקים' - וואס כאטש די צדיקים האבן אודאי משיג געווען גאר גאר הויכע השגות און כוונות - האבן זיי אבער מקיים געווען די מצוה בלויז 'על דעת המצַוֶה'! זיי האבן געהאט א מורא'דיגע מדרגה פון 'ביטול גמור' צום 'רצון המצַוֶה'! און דורך אונזער התקשרות צו די דאזיגע צדיקים - באקומען מיר אויך די כוחות זיך צו קענען אינגאנצן מבטל זיין צום רצון המצַוֶה און מקיים זיין די מצוות מיט א ריינע כונה.

און דער דביקות אין אים איז, דורכן גיין אין זיינע וועגן, דערפאר, ווען א מענטש דינט דעם אויבערשטן מיט 'התלהבות' - איז ער אינגאנצן 'דבוק' אינעם אויבערשטן, ווייל דער 'התלהבות' און ברען איז אים מקשר צום אויבערשטן.

### ענדערש ברענען אין איין מצוה - ווי בלייבן קאלט און טרוקן און אריינכאפן נאך און נאך מצוות

און דערפאר **האבן חסידים אוועקגעגעבן אסאך צייט צו קאכן און אריינלעבן אין 'איין' געוויסע מצוה** - בפרט אין מצוות פון ימים טובים וואס קומען איינמאל אין יאר - כאטש מען וואלט אין דער צייט געקענט אריינכאפן צו טון אזויפיל אנדערע מצוות, דאך האט מען ענדערש געצויגן אסאך צייט צו קאכן אין איין 'קיום המצוה', **ווייל דאס איז מקשר דעם מענטש צו דער חיות און פנימיות פון אט דער מצוה/יום טוב, און דורכדעם ווערט מען מקושר צום אויבערשטן**, דער 'מִצְוֶה' - וועלכער ווערט נתגלה דורך דער אור המצוה/יום טוב, און דאס איז דער ריכטיגער 'דביקות' - וואס דאס איז דער ציל און תכלית פון א מצוה. און דערפאר איז דאס וויכטיגער ווי אריינצוכאפן נאך און נאך מצוות - אָן קיין ברען.

**ביי די ליטווישע מקומות, איז דער 'הידור מצוה' באשטאנען פון יוצא זיין ווי מער 'שיטות' און 'חומרות' ארום די מצוה. אבער ביי חסידים האט מען דוקא 'נישט' געלייגט קיין דגוש אויף קיין איבריגע 'חומרות'**

### דער בעש"ט האט נישט געהאלטן פון מרבה זיין בחומרות - עס שאדט צום דביקות

ג. **חומרות יתירות** - ביי די **ליטווישע מקומות**, איז דער 'הידור מצוה' באשטאנען פון יוצא זיין ווי מער 'שיטות' און 'חומרות' ארום די מצוה. אבער ביי חסידים האט מען דוקא 'נישט' געלייגט קיין דגוש[קד] אויף קיין איבריגע 'חומרות' (עי' בספר בעל שם טוב עה"ת פר' עקב אות נ', ועוד), און בלויז אויב עס שטערט נישט צום ברען און דביקות אין דער מצוה - האט מען זיך אמאל ערלויבט מחמיר צו זיין[קה]. אבער

**קד.** חוץ פון הלכות שבת, הלכות פסח, און עניני קדושה. וואס ביי די פרטיות'דיגע זאכן, האט מען יא גאר שטארק מחמיר געווען ביי חסידים, ואכמלה"ב.

**קה.** אודאי האט מען ביי חסידים מדקדק געווען יוצא צו זיין ריכטיג יעדע מצוה כהלכה - אן קיין 'קוּלוֹת' און 'היתירים דחוקים'. אבער דאס איז אלץ געווען אינעם 'עצם מצוה'

אויב עס גייט שוין אריין אין גדר פון 'חומרות יתירות' - האט מען דאס נישט גורס געווען; ווי דער אריה דבי עלאי האט געזאגט פארן שינאווער רב - ווען ער האט מקפיד געווען אז דער כוס של ברכה זאל זיין נאכמער אנגעפילט, האט ער אים געזאגט: "**פרומקייט שאַדט צו דביקות**". און דאס איז אויך געבויעט אויפן אויבנדערמאנטן יסוד, אז כאטש וואס 'חומרות' **איז אודאי א הייליגע זאך, אבער פארט איז דאס בלויז דער 'חיצוניות' פון דער מצוה, און עס שאַדט צום קשר צו דער 'פנימיות' פון דער מצוה!** און וויבאלד די תלמידי בעש"ט האבן געצילט צום עיקר און תכלית התורה, וואס דאס איז דביקות צום 'מצַוֶה' - דערפאר איז דער עיקר 'הידור מצוה' באשטאנען, פון אריינלייגן ווי מער הייליגע הרגשים פונעם 'פנימיות הלב' - וואס דאס איז מקשר דעם מענטש צום 'פנימיות' פון דער מצוה און זמן - וואס דאס איז דער אור ה' וואס ווערט נתגלה דורך דער מצוה און זמן.

**בײ די ספרד'ישע מקומות, איז דער הידור אין א מצוה באשטאנען פון אינזין האבן ווי מער 'כוונות האר"י', און פון טון ווי מער ענינים און סגולות 'ארום' די מצוה**

## דער בעש"ט האט נישט געהאלטן פון אינזין האבן 'כונות' ביים דאווענען – עס שאדט צום דביקות

ד. **כונות האר"י בתפלה** - ביי די **ספרד'ישע מקומות**, איז דער הידור אין א מצוה באשטאנען פון אינזין האבן ווי מער 'כוונות האר"י', און פון טון ווי מער ענינים און סגולות 'ארום' די מצוה. אבער רוב תלמידי בעש"ט - כאטש וואס זיי האבן אלע עוסק געווען אין כתבי אר"י - שרייבן קלאר (עי' בספה"ק מאור ושמש פרשת נצבים, ובספה"ק יושר דברי אמת סי' מ"ג, ועוד), אז **בשעת'ן טון א מצוה אדער בשעת'ן דאווענען, זאל מען נישט מכוין זיין קיין כוונות האר"י. ווייל דעמאלט דארף זיין דער עיקר דגוש בלויז הארץ! בלויז 'דביקות' אינעם אויבערשטן!** ביים דאווענען אדער מקיים זיין א מצוה, איז נישט קיין זמן פון קיין 'כוונות פרטיות' און זיין פארטיפט אין לערנען, נאר דעמאלט דארף מען ברענען און קאכן צום אויבערשטן! דעמאלט איז א זמן פון 'ביטול' צום ציווי ה'![קו]

---

עס צו טון ריכטיג, און צומאל האט מען אפילו מדקדק געווען נאכמער ווי עס פעלט אויס על פי הלכה - צוליב דעם גרויסן 'אהבת המצוה' וואס מען האט געהאט דערצו, אבער מען האט נישט מוסיף געווען קיין איבריגע פעולות 'ארום' א מצוה; ווי יוצא צו זיין מער 'שיטות', אדער איבערגעטריבענע 'חומרות', וכדומה.

**קו.** און דער רבי ז"ל ברענגט (עי' דברי יואל פר' פרה עמ' קע"ה) פונעם הייליגן ישמח משה (פר'

## דער בעש"ט האט געהאלטן פון זאגן 'לשם יחוד' - עס העלפט צום דביקות

ה. **לשם יחוד** - איינע פון די זאכן וואס תלמידי בעש"ט האבן געטון - און די מתנגדים האבן געהאט טענות דערויף - איז דאס זאגן 'לשם יחוד' בעפאר יעדע מצוה. און כאטש וואס אודאי איז דאס הויכע ווערטער וואס מיר האבן גארנישט קיין השגה דערין - קען מען עס אבער אפשטייטשן אויף א פשוט'ן פארנעם, געאייגנט לויט אונזער מדרגה(קז). "**לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה**" - מיין נשמה -

---

ויצא), וואס עס איז אים נתגלה געווארן אין חלום, אז די גרעסטע דרגא אין קיום המצוה איז 'על דעת המצַוֶה'! ווייל אפילו נאך אלע כונות וואס דער אריה"ק האט מגלה געווען - איז נאכאלץ פארהאן גאר אסאך כונות אין יעדע מצוה, וואס עס איז בכלל נישט נתגלה געווארן פאר קיינעם, און נאר דער רבונו של עולם אליינס ווייסט די אמת'ע כונות. אבער ווען מען טוט די מצוה 'על דעת המצַוֶה' - איז דאס כולל אין זיך אלע כוונות. און דערפאר, האט מען נאך אלע הכנות און כונות זיך אנצוגרייטן צו דער מצוה - געלייגט אין דער זייט אלע השגות, און מען איז אריינגעגאנגען אין א 'ביטול' צום 'רצון המצַוֶה'; ווי מען זאגט: "**אשר קדשנו במצותיו וציונו**", און דורכדעם האט מען געטון די מצוה מיט א קשר צום רבונו של עולם - וואס דאס איז דער 'תכלית כונה העליונה', אז דורך קיום התורה ומצוות זאל מען נתקרב ווערן צום אויבערשטן.

**קז.** בסגנון אחר: דער מושג 'שכינה' מיינט, דער מציאות פונעם רבוש"ע וועלכע איז 'שוכן' אין דער בריאה. ווידער דער מושג 'קודשא בריך הוא' מיינט, דער אור פונעם רבוש"ע וועלכער איז העכער פון אונזער וועלט. און דאס איז דער חילוק צווישן קוב"ה און שכינתיה, אז 'קוב"ה' - וואס ער איז אין די 'עולמות העליונים', העכער פון אונזער וועלט, דארט איז ער נישט פארהוילן און פארבארגן, נאר ער איז אין דער בחינה פון 'התגלות'. ווידעראום, די שכינה - דארט וואו זי געפונט זיך, אין אונזער וועלט - איז זי פארהוילן אין א 'הסתרה'. און דאס איז גורם צו א 'פירוד', אז עס איז נישטא קיין 'יחוד' צווישן קוב"ה און די שכינה, ווייל די שכינה איז 'בהסתר' און קוב"ה איז 'בגלוי'.

> **האט מען ביי חסידים געמאכט א גרויסן 'עסק' און 'מצב' פון יעדע מצוה, ווייל ווי מער 'הכרזה' מען מאכט ארום די מצוה - אלץ מער 'גילוי שכינה' איז דא דערין**

דער גאנצער תכלית הבריאה איז, אז עס זאל יא זיין א 'יחוד קוב"ה ושכינתיה'. און דער אופן וויאזוי דאס געשעט איז, דורכדעם וואס מען איז 'מגלה' די מציאות פון דער שכינה אויף 'דער וועלט'! וואס דעמאלט זענען ביידע - קוב"ה און שכינתיה' - אויפן זעלבן אופן פון 'גילוי'. און דאס קען נאר געשען דורך אונז! דורכדעם וואס מיר טוען א 'מצוה' דא אויף דער וועלט, וואס מיט דעם פירן מיר אויס דעם רצון ה' אין דער עפנטליכקייט! מיר רופן אויס דעם

וועלכע איז אן 'אבר השכינה' - זאל ווערן 'נתאחד' און 'איינס' מיטן אור ה' וועלכע ליגט אין דער מצוה. דאס הייסט, די גאנצע 'תכלית הבריאה' איז, דער קשר פון א איד צום אויבערשטן דא אונטן אויף 'דער וועלט' - וועלכע געשעט דורכן מקיים זיין מצוות ה' דא אויף דער וועלט! און ווי מער ברען און הארץ מען האט בשעת'ן טון א מצוה - אלץ מער 'יחוד' געשעט! אלץ מער ווערט דער נפש פאראייניציגט מיטן אור ה' - וועלכע ליגט אין דער מצוה! און דערפאר האט מען נישט בלויז געטון מצוות מיט א טרוקענקייט, נאר מען האט אריינגעקאכט אין יעדע מצוה, און אינזין געהאט דעם ציל פון 'לשם יחוד', כדי אויסצובררייטערן און פארמערן דעם ענין פון אייניציגקייט מיטן אויבערשטן - וואס דאס איז דער 'תכלית הבריאה[קח]'.

**מען האט נישט געוואלט פארלירן דעם עיקר נקודה און תכלית, אז אונזער ציל איז, דער עצם 'קיום תורה ומצוות' – וואס דאס ברענגט אונז נענטער צום רבונו של עולם**

## דער בעש"ט האט נישט געהאלטן פון מאכן אן עסק פון מנהגים – עס נעמט אוועק פון דביקות

ו. **מנהגים** - ביי אונזערע רבי'ס האט מען נישט געמאכט קיין עסק פון 'מנהגים' ארום א מצוה. אודאי האט מען אנגעהאלטן דעם 'מנהג בית אבותיו', אבער מען האט

---

אויבערשטן אויף דער וועלט! מיר ווייזן ארויס, אז דער רצון פונעם רבוש"ע איז דער 'קובע' וויאזוי די וועלט זאל זיך פירן! און דורכדעם ווערט די שכינה 'נתגלה' און זי ווערט נתאחד מיטן אור פון קוב"ה וועלכע איז אויך 'בגלוי'. און **דערפאר האט מען ביי חסידים געמאכט א גרויסן 'עסק' און 'מצב' פון יעדע מצוה, ווייל ווי מער 'הכרזה' מען מאכט ארום די מצוה – אלץ מער 'גילוי שכינה' איז דא דערין.** ווייל מיט דעם 'מצב' און ברען - ווייזט מען ארויס שטארקער, אז דער רבוש"ע איז דער קובע אויף דער וועלט! בלויז זיין רצון איז אינטערעסאנט צו קאכן און ברענען דערין! און מיט דעם ווערט נתגלה די שכינה אויף א געוואלדיגן פארנעם, און דאס ברענגט א געוואלדיגן 'יחוד קוב"ה ושכינתיה' - וואס דאס איז די תכלית הבריאה.

### ביי חסידים גייט מען אנגעטון אנדערש פונעם גוי – עס העלפט אנצוקומען צום תכלית הבריאה

**קח.** פון דא נעמט זיך אויך דער ענין, פארוואס ביי אונזערע רבי'ס - בעיקר נעמט זיך דאס פון צאנז (און בשורש קומט עס פון רימנוב) - האט מען זייער מקפיד געווען אויף די חיצוניות'דיגע מלבושים פון א איד, אז עס זאל זיין 'בולט' די אידישקייט און חסיד'ישקייט - דורך די

נישט אריינגעלייגט דעם קאפ און הארץ דערין, נאר דאס איז געווען ממש ווי א ׳טפל׳, לגבי דעם ׳עצם׳ מצוה. און דאס איז אויך געווען פאר דעם זעלבן טעם ווי אויבנדערמאנט, אז **מען האט נישט געוואלט פארלירן דעם עיקר נקודה און תכלית, אז אונזער ציל איז, דער עצם ׳קיום תורה ומצוות׳ - וואס דאס ברענגט אונז נענטער צום רבונו של עולם.** דעריבער, אנשטאט צו מאכן א גאנצן עסק פון ׳מנהגים׳ - האט מען ענדערש געמאכט אן עסק פון דער ׳רצון המצֻוָה׳ וואס ליגט אין די מצוה! מען האט געקאכט אינעם ׳אור׳ פון דער מצוה אדער יום טוב, און דורכן ׳עסק׳, איז מען אנגעקומען צו א ׳דביקות׳ אינעם ׳אור המצֻוָה׳ - וואס דאס איז בעצם דער אור ה׳ וועלכע ווערט נתלבש אין דער מצוה.

**דער לבוש זאל זיין חסיד׳יש, דער קאפל זאל זיך אנזען, געקנעפלט פון רעכטס אויף לינקס, גרויסע און ברייטע מלבושים, וכדומה**

## דער בעש״ט האט מדגיש געווען ׳הכנה למצוה׳ – עס העלפט צום דביקות

ז. **הכנה למצוה** - ביי חסידים פלעגט מען מאכן א גרויסן עסק פון ׳הכנה למצוה׳ אדער ׳הכנה ליום טוב׳. און לויט די אויבנדערמאנטע הקדמה איז די סיבה דערצו פשוט, ווייל טאמער וואלט געווען דער עיקר, מרבה צו זיין מיט אסאך ׳כוונות אר״י׳ אדער מיט מער ׳חומרות׳ - וואלט מען נישט געדארפט קיין גרויסע ׳הכנה׳.

---

מלבושים. (כאטש מען איז טאקע נישט אריינגעגאנגען אין די פרטים, וועלכע הוט און רעקל וכדומה. אבער מען האט מקפיד געווען בכלליות, אז דער לבוש זאל זיין חסיד׳יש, דער קאפל זאל זיך אנזען, געקנעפלט פון רעכטס אויף לינקס, גרויסע און ברייטע מלבושים, וכדומה. און אזוי אויך ביי יעדן טריט און שריט פון זיין התנהגות זאל זיך דערקענען, אז ער איז א איד וועלכער איז מובדל פונעם גוי). און דער רבי ז״ל האט אויך ממשיך געווען אט דעם דרך, און אריינגעברענגט א ׳גאוה דקדושה׳ ביים עולם צו גיין מיטן חסיד׳ישן לבוש, און אויסרופן אונזער אידישקייט ביי יעדן געלעגנהייט מיטן גאנצן שטארקייט.

דער שורש הדבר איז: מיט דעם וואס א איד דרייט זיך ארום אויף דער וועלט, און זיין גאנצע מציאות ׳כמו שהוא׳ שרייט ארויס, אז ער איז א ׳איד׳ וועלכער גלייבט אין בורא עולם, און ער איז ׳מובדל׳ פונעם גוי - וועלכער גלייבט נישט אינעם בורא עולם - איז ער יעדע רגע מגלה די שכינה אויף דער וועלט! אפילו אָן טון גארנישט - ווערט דורך אים א ׳גילוי מלכות שמים׳ אויף דער וועלט! יעדע רגע מאכט ער א ׳יחוד קוב״ה ושכינתיה׳ - וואס דאס איז דער תכלית פונעם גאנצן פלאן און כוונה העליונה אין דער בריאה; ווי דער מדרש זאגט: ״נתאווה הקב״ה להיות לו דירה בתחתונים״.

אבער וויבאלד ביי חסידים איז דער עיקר געווען, דער 'קשר' צום אייבערשטן וואס מען באקומט דורכן יו"ט - **דערפאר האט מען געמאכט א 'הכנה'**[קט] **צו צוגרייטן דעם נפש זיך 'מקשר' צו זיין צום 'פנימיות' און 'אור' פון דער יו"ט.**[קי]

**דערפאר האט מען געמאכט א 'הכנה' צו צוגרייטן דעם נפש זיך 'מקשר' צו זיין צום 'פנימיות' און 'אור' פון דער יו"ט**

## חסיד'ישע ספרים זענען מדגיש די 'תשוקה' צו א מצוה - עס ברענגט צו דביקות

ח. **השתוקקות** - ביי חסידים האט מען אסאך גערעדט און אויפגעוועקט א תשוקה און בענקשאפט צו א מצוה, צו א שבת און יום טוב. און דער הסבר איז די זעלבע ווי פריער, אז 'השתוקקות' איז איינע פון די גרעסטע 'הכנות' צו א מצוה! ווייל חז"ל זאגן: "כלי מלא אינו מחזיק, כלי ריקן מחזיק" - ווי מער א מענטש דערהערט, אז ער איז א 'כלי ריקן'[קיא], און ער 'ווארט' אויף שפע און קדושה, אלץ מער איז

---

**קט.** בדרך רמז: 'הכנה' איז בגימטריא 'יסוד' - מדת ההתקשרות, ווייל דורך די 'הכנה' קען מען זיך 'מקשר' זיין צום יום טוב.

**קי.** און דאס איז אויך געווען דער צוגאנג ביי אונזערע מקומות, וויאזוי מען האט געלערנט חסיד'ישע ספרים אלס הכנה צום יום טוב, מען האט דאס נישט געלערנט כדי צו קענען איבערזאגן ביים טיש שיינע ווערטער, און אויך נישט ווייל מען האט זיך איינגערעדט אז מען האלט שוין ביי דער מדרגה און השגות וואס ווערט דארט דערמאנט, נאר מען האט געזוכט איין זאך: דורכדעם וואס מען וועט לערנען איבער די פנימיות'דיגע קדושה און גדלות פונעם יום טוב - וועט דער נפש ווערן מקושר צום 'אור' פונעם יום טוב, און דורכדעם ווערן מקושר צום 'מְצַוֶּה' וועלכער ווערט נתגלה דורכן יום טוב! און דאס ארבעט סיי 'באופן סגולי' - אז דורך די קדושה פון די תורה און פון די צדיקים - וועלכע רעדן וועגן דעם אור פון דעם יום טוב - וועט דער אור אריינגיין אין הארצן אריין. און סיי באופן פשוט - אז דורכן לערנען און פארשטיין די פנימיות'דיגע ענינים פונעם יום טוב - באקומט מען א קשר צום אור און צום פנימיות - וואס דאס איז דער 'אור המצַוֶּה'.

**דורכדעם וואס מען וועט לערנען איבער די פנימיות'דיגע קדושה און גדלות פונעם יום טוב - וועט דער נפש ווערן מקושר צום 'אור' פונעם יום טוב**

**קיא.** דאס רופט זיך 'מדת המלכות' וועלכע איז א 'כלי', וואס בנפש האדם מיינט דאס א הכרה פון ביטול.

ער א ׳כלי מחזיק ברכה׳. און אט דאס איז דער ענין פון השתוקקות צו א יום טוב, וואס דאס ברענגט ארויס אן אנערקענונג און א געפיל פון ׳ביטול׳, אז איך אליינס האב נישט קיין חיות, און איך מוז מקבל זיין חיות פונעם ׳אור׳ און ׳קדושה׳ פון דעם קומענדיגן יום טוב און מצוה, און דאס גרייט אָן זיין נפש, צו זיין א ׳כלי ריקן׳ מקבל צו זיין דעם פנימיות׳דיגן אור וואס שיינט אינעם שבת און יום טוב.

## שמאל דוחה וימין מקרבת

יעדע זאך וואס האט צוגעהאלפן אנצוקומען צו דעם התקרבות – האט מען געלייגט א דגוש און געטון פעולות עס מחזק צו זיין

**אין קורצן:** די תלמידי בעש״ט האבן גאר שטארק געארבעט, אז גאנץ עבודת ה׳ זאל ברענגען צום ריכטיגן תכלית - נתקרב צו ווערן דורכדעם צום אויבערשטן. און דערפאר, **יעדע זאך וואס האט צוגעהאלפן אנצוקומען צו דעם התקרבות - האט מען געלייגט א דגוש און געטון פעולות עס מחזק צו זיין.** מען האט גערעדט דערפון ביי די תורות און געטון אלערליי תחבולות, אז דער ענין זאל נתגלה ווערן ביים מענטש. און אזוי אויך פארקערט, יעדע זאך וואס האט געשטערט פון אנקומען צו אט דעם תכלית - האט מען מרחק געווען און באזייטיגט אינגאנצן, כדי עס זאל נישט שאדטן פארן עיקר תכלית פון גאנץ אידישקייט.

✦

## רעדן איבער ׳בחינות׳ און ׳שרשים׳ גיבט אכטונג אויפן ריינקייט פון די הדרכה

נאך דער גאנצער הקדמה איבער דעם צוגאנג פון די תלמידי בעש״ט צו קיום התורה והמצוות, וואס זיי האבן אוועקגעשטעלט זייער עיקר דגוש אויף די ריינקייט אין ׳קיום תורה ומצוות׳ - וועט מען מיט דעם אביסל פארשטיין, די סיבות **פארוואס דער ׳וועג׳ און מהלך ׳וויאזוי׳ אונזערע רבי׳ס האבן געזאגט תורה - איז נישט געווען אויפן זעלבן סארט מהלך פון די ׳בעלי מוסר׳**, אז ׳מען דארף׳ אדער ׳מען טאר נישט׳, וכדומה, נאר זיי האבן בעיקר גערעדט פונעם ׳שורש הדבר׳, און געגעבן אנצוהערן ׳ווי גרויס און הייליג דער ענין איז למעלה׳, וכדומה. וואס דאס האבן זיי געטון צוליב ׳זהירות׳ וואס זיי האבן אכטונג געגעבן, אז זייערע הדרכות און תורות זאל ברענגען

צו ריינקייט[קיב] און פנימיות און נישט צו דאס פארקערטע; ווי מען וועט יעצט מסביר זיין דעם חילוק צווישן די צוויי מהלכים.

## דרך המוסר: 'מען מוז טון' אדער 'מען טאר נישט טון'

אויב מען וועט אריינטראכטן און פרעגן מיטן 'שכל אנושי': וואס איז דער מהלך וויאזוי צו האלטן א דרשה אויף א נושא אין אידישקייט? למשל, טאמער איז געווארן זייער נפרץ דער ענין פון רעדן ביים דאווענען, און מען וויל מעורר זיין דעם עולם צו מתקן זיין דעם ענין: וואס דארף מען רעדן ביי אזא דרשה? דער פשוט'ער שכל זאגט: מען דארף זיך אויפשטעלן און זאגן, אז מען 'טאר נישט רעדן ביים דאווענען'! מען דארף זיי אלע מסביר זיין דעם הארבקייט דערפון און די געפערליכע עונשים רח"ל וואס קען קומען אויף דעם חטא! און טאקע אט דער מהלך פלעגט גענוצט ווערן יארן לאנג - ביזן בעל שם טוב ביי אסאך פון די 'בעלי מוסר', און אויך נאכן בעל שם טוב - אין די מתנגד'ישע פלעצער - וואו מען פלעגט רעדן בלויז א שפראך פון 'מען מוז' און 'מען טאר נישט'.

## דרך המוסר: ארויסהאבן יעדע פרט פון יעדע מדה און ארבעטן מיט א 'סדר'

**נאך א נקודה:** אין דער וועלט פון 'בעלי מוסר'- האט מען געארבעט אויף 'מדות' פונקט ווי מען בויעט א געביידע. לדוגמא, טאמער האט מען געוואלט ארבעטן אויף 'כעס' - האט מען צענומען די מדה פון 'כעס' אויף פיצלעך און אריינגעגאנגען אין 'דקה מן הדקה', מען האט אפגעלערנט דעם 'גנות' דערפון, די 'גורמים' דערצו און וויאזוי מען קען דאס פארריכטן און אפהאלטן, וכדומה. און אזוי האבן זיי געהאט גאנצע 'מערכות' און 'סוגיות בעיון' אויף יעדע זאך

**טאמער האט מען געוואלט ארבעטן אויף 'כעס' – האט מען צענומען די מדה פון 'כעס' אויף פיצלעך**

**קיב. דאס הייסט:** פונקט ווי מען האט פריער גערעדט, לגבי די ריינקייט פון 'קיום המצוות', וואס מען האט גאר שטארק אכטונג געגעבן אז די מצוות זאלן ברענגען צום ריכטיגן תכלית פון 'דביקות', און נישט צו 'גאות' און 'פניות' - די זעלבע זאך האבן זיי אכטונג געגעבן ביים 'רעדן' דברי תורה און 'מדריך' זיין די תלמידים, אז עס זאל האבן דעם גאנצן ריינקייט, און עס זאל צוברענגען צום ריכטיגן תכלית, און נישט צום פארקערטן.

אין אידישקייט, און אזוי האט מען 'זיך' אויסגעבויעט מיט א סדר און סיסטעם, וואס יעדער האט געקענט זאגן: "איך האלט יעצט ביי דעם נקודה פון דער און דער מדה".

## חסיד'ישע ספרים רעדן בלויז פונעם 'שורש הדבר'

אויב וועט מען ארויסנעמען סיי וועלכע חסיד'יש ספר, בפרט פון די ערשטע דורות פון די תלמידי בעש"ט - און אזוי אויך אלע ספרי קודש לבית סיגוט, צאנז, בעלז, און אזוי ווייטער - און אריינקוקן דערין מיט א התבוננות - וועט מען זען, אז **עס איז כמעט נישט בנמצא דער סארט שפראך פון 'מען דארף' אדער 'מען טאר נישט'.** דארט טרעפט מען אינגאנצן אן אנדערע שפראך. **זיי רעדן אלעמאל פון 'שרשים', 'מושגים', 'בחינות' און 'דרגות'**[קיג]**. אנשטאט צו זאגן 'מען מוז' - זאגן זיי: "דער ענין איז גאר הייליג און חשוב".** לדוגמא, טאמער זיי ווילן מעורר זיין איבער 'שמירת הדיבור' - וועלן זיי רעדן איבער דער קדושה פון א 'דיבור' פון א איד, ווי ווייט דאס מאכט א 'רושם', אדער איבער די גרויסקייט און דער שורש פון 'פה', ווי הייליג דאס מויל פון א איד איז, און וויפיל כוחות דקדושה א מויל פארמאגט. און טאמער זיי ווילן רעדן איבער 'שמירת עינים' - וועלן זיי דערציילן ווי גרויס און הויך די 'עינים' זענען בשורש, און אז דער אידישער אויג איז א מרכבה צו די העכסטע עולמות, וכדומה. און די סארט 'תורות' האבן גורם געווען, אז דער איד וועלכער האט געהערט די תורות און 'בחינות' האט אליינס באקומען א געפיל צום ענין! מען האט אים שוין נישט געדארפט זאגן אז 'מען מוז' אדער 'מען טאר נישט', נאר ער אליינס האט שוין

**סיי וועלכע חסיד'יש ספר, בפרט פון די ערשטע דורות פון די תלמידי בעש"ט – און אזוי אויך אלע ספרי קודש לבית סיגוט, צאנז, בעלז.**

**זיי רעדן אלעמאל פון 'שרשים', 'מושגים', 'בחינות' און 'דרגות'. אנשטאט צו זאגן 'מען מוז' – זאגן זיי: "דער ענין איז גאר הייליג און חשוב".**

---

**קיג.** דער ענין פון 'אמירת תורה' ביי צדיקים, איז א הויכער ענין און א ברייטע סוגיא מיט פילע פרטים, עס זענען געווען פארשידענע מהלכים דערין צווישן צדיקים, עס זענען געווען אזעלכע וועלכע האבן געזאגט אויף אן אופן פון 'דרוש ואגדה', אנדערע האבן געזאגט אויף אן אופן פון 'רמזים', אזוי אויך איז געווען אין דעם אליינס פארשידענע חילוקים אין דעם 'תוכן' און 'סגנון' און אופני הרמז. אבער דאס איז נישט דער נושא פון דעם איצטיגן שמועס, דא וויל מען נאר פארשטיין דעם רבינ'ס 'חינוך' וואס ער האט אונז מחנך געווען מיט זיינע הייליגע 'תורות', כדי מיר זאלן האבן דעם ריכטיגן צוגאנג ווען מען לערנט זיינע ספרים.

געוואלט אכטונג געבן אויף זיינע איברים - וועלכע האבן אזא גרויסע קדושה! מען האט אים נישט געדארפט זאגן בפרטיות 'וויאזוי' זיך אויפצופירן שבת, נאר דורכדעם וואס מען האט גערעדט פונעם 'שורש' און 'קדושת שבת' - ווי גרויס שבת איז, וואס עס טוט זיך אפ אין די עולמות העליונים אום שבת, וכדומה - האט ער שוין אליינס פארשטאנען אז אזא הייליגער טאג לוינט נישט צו פארפאטשקען מיט שטותים והבלים, וכדומה. און די סיבה דערפאר באשטייט בעיקר פון דריי נקודות:

## ווען דער רבי האט געהייסן – קען עס ווערן אפגעהאקט פונעם ציל פון 'קרבת אלקים'

**ערשטנס - בלייבן מקושר צום ציל:** די טבע פון א מענטש איז, אז ווען ער הערט פון זיין רבי'ן א למעשה'דיגע הנהגה 'טוה כך וכך' - טוט ער דאס ווייל זיין רבי האט אים געהייסן! אפילו אויב זיין רבי האט אים געזאגט דעם טעם פארוואס ער זאל דאס טון, אבער אויב למעשה האט ער אים 'געהייסן' דאס טון - ווערט די הנהגה אפגעריסן פונעם מטרה! ער וועט לערנען תורה - ווייל 'מען דארף' לערנען תורה! ער וועט ווערן אריינגעטון אין דער הנהגה, און פארגעסן אז דאס איז נישט קיין תכלית פאר זיך זעלבסט, נאר דאס איז בלויז א 'מיטל' וויאזוי צו ווערן נאנט צום אויבערשטן. און דערפאר האבן די תלמידי בעש"ט דייקא נישט גערעדט דירעקט אויף 'למעשה'! **אנשטאט צו זאגן 'מען דארף היטן די אויגן'** - וואס דעמאלט וועלן די תלמידים היטן די אויגן, ווייל דער רבי האט געהייסן היטן די אויגן - **האבן זיי געזאגט: "די 'עינים' פון א איד איז גאר הויך און הייליג!** יעדע ראיה האט א מורא'דיגן כח פון 'התקשרות עין בעין'! דורך די אויגן קען מען גיין גאר הויך, אדער חלילה פארקערט!", און דורכדעם וואס מען רעדט אזא שפראך, וועט מען נישט קענען מאכן קיין חיצוניות'דיגע זאך דערפון, נאר מען וועט היטן די אויגן צוליב דעם 'קרבת אלקים' וואס דאס ברענגט! מען וועט לערנען תורה און מקיים זיין תורה און מצוות - אלס 'מיטל' אנצוקומען צום 'ציל' פון דביקות און התקרבות צום אויבערשטן!

> **אנשטאט צו זאגן 'מען דארף היטן די אויגן' האבן זיי געזאגט: "די 'עינים' פון א איד איז גאר הויך און הייליג!**

## ווען דער רבי האט געהייסן – איז עס שוין נישט אזויפיל די אייגענע בחירה

**צווייטנס - בלייבן א 'בעל בחירה':** די טבע פון א מענטש איז, אז טאמער ער

הערט פון זיין רבי'ן א שפראך, אז 'מען מוז' טון 'כך וכך' - טוט ער עס שוין נישט אזוי ווייט מכח זיין אייגענע בחירה, נאר ער גייט נאך וואס מען האט אים געהייסן, אדער וואס מען האט אים געזאגט, אז עס איז ריכטיג צו טון - אָן דעם וואס ער איז מקושר מיט די פעולה וואס ער טוט פון 'טיפעניש' פון הארץ. אבער **דער עיקר חשיבות פון עבודת ה' - וועלכע ברענגט טאקע צום ריכטיגן ציל פון 'דביקות' - איז נאר, אויב עס קומט פונעם אייגענעם 'בחירה' פונעם מענטש!** ווען ער דערהערט די ריכטיגקייט פונעם זאך, און ער איז בוחר אזוי צו טון! ווייל ווי מער דער מענטש האט אליינס אויסגעוועלט צו טון די מצוה, ווייל 'ער וויל' עס טון - אלץ מער 'עומק הלב והנפש' ליגט דערין, אלץ מער 'התחברות' האט ער צו דער פעולה וואס ער טוט, און אלץ מער 'קרבת אלקים' וועט דאס ברענגען! און דעריבער האבן די תלמידי בעש"ט נישט 'געהייסן', נאר זיי האבן פאַרגעלייגט פארן מענטש ביידע זייטן פון דער מטבע - סיי וויפיל 'שפע קודש' די מצוה וועט משפיע זיין, וויפיל תיקונים עס וועט מאכן אין די עולמות העליונים, און סיי פארקערט, וויפיל עס וועט פעלן אָן דעם - און דערנאך האט דער איד געדארפט 'אליינס' בוחר זיין דערין. און דאס איז שוין געקומען דורך זיין אייגענע התבוננות וואס ער האט זיך מתבונן געווען אין די ווערטער פונעם רבי'ן, ביז ער האט מחליט געווען זיין אייגענע החלטה אז ער וויל בוחר זיין בטוב זיך אויפצופירן מיט מער 'קדושה', אדער אויסצונוצן דעם שבת און יום טוב אויף א העכערן אופן, וכדומה. און דעמאלט איז דאס נישט געווען סתם א חיצוניות'דיגע הנהגה, וואס ער האט געהערט פון זיין רבי'ן - נאר די עבודה איז געקומען פון א טיפע הכרה און דביקות צום 'שורש' וואס ער האט אליינס מכיר געווען.

**דער עיקר חשיבות פון עבודת ה' אויב עס קומט פונעם אייגענעם 'בחירה' פונעם מענטש!**

## ווען דער רבי הייסט – ווערן געוויסע מענטשן איבערגעשטרענגט און איבערגעריסן

**דריטנס - צופאסן צו זיין מצב:** דער מציאות הבריאה איז, אז 'לאו כל אפין שוין' - נישט יעדער איז אויפן זעלבן דרגא און מיטן זעלבן תכונת הנפש. יעדער איד איז א וועלט פאר זיך - סיי מצד זיין 'תכונת הנפש', און סיי מצד זיין מצב און דרגא אין עבודת ה' וואו ער האלט 'יעצט'. און נישט יעדע הנהגה וואס מען זאגט פאר ראובן - איז אויך געאייגנט פאר שמעון, ווייל אין דער צייט וואס ראובן וועט האבן דערפון א געוואלדיגן תועלת און התעלות - וועט שמעון האבן דערפון א 'היזק', צי ווייל עס איז 'ריבוי אור' פאר זיין מדרגה, צי ווייל עס איז נישט צוגעפאסט לויט זיין תכונת הנפש, וכדומה. און דערפאר, טאמער רעדט מען ברבים א שפראך פון 'למעשה' - איז

כמעט נישט מעגליך אז עס זאל נישט ארויסקומען דערפון א חורבן, ווייל **עס זענען זיכער פאראן צווישן די שומעים געוויסע מענטשן, וועלכע זענען נישט געאייגנט צו טון די הנהגה, און זיי וועלן ארויסגיין פון אזא דרשה זייער צעמישט און אנגעשטרענגט, נישט וויסנדיג וואס צו טון מיט די דיבורים** - וועלכע פאדערן פון זיי עפעס וואס זיי קענען נישט געהעריג צו שטעלן - אָן זיך איבעררייסן. און דערפאר האבן אונזערע רבי'ס געהאט א געוואלדיגן זהירות, נישט צו רעדן קיין למעשה'דיגע הנהגות, נאר זיי האבן אלעמאל גערעדט כלליות'דיגע זאכן, זיי האבן גערעדט די 'מושגים' און 'יסודות' פון אידישקייט, און זיך פארלאזט אז יעדער וואס הערט דאס אדער לערנט דאס - וועט שוין אליינס פארשטיין וויאזוי עס אנצונעמען לויט זיין מצב און תכונת הנפש, כדי נתעלה צו ווערן דורכדעם, און נישט חלילה ניזוק ווערן דורכדעם.

## ביים רבי'ן שטארט ארויס גאר שטארק דאס זיך דערגרינטעווען צו די יסודות היהדות

**לענינינו:** דער רבי ז"ל האט אונז איבערגעלאזט תורות, וואס מען זעט דארט זייער 'בולט' דעם זהירות וואס אלע תלמידי בעש"ט האבן געהאט, צו רעדן בלויז 'בחינות' און 'יסודות' אין עבודת ה' באופן כללי. און **דערפאר זעט מען ווי זיינע תורות דרייען זיך ארום די סאמע 'יסודות' פונעם כלל ישראל!**

**און אפילו ווען ער איז מעורר אידישע קינדער - איז דאס בלויז א כלליות'דיגע התעוררות צו תורה ומצוות,** און ער גייט נישט אריין אין קיין פרטיות'דיגע 'הנהגות' אדער 'דרכי עבודה'. ער רעדט אלעמאל נאר איבער די 'יסודות' וואס מען דארף וויסן אין דעם דור שפל! איבער די 'נסיונות הזמן' - וואס די איצטיגע תקופה האט געברענגט מיט זיך! א כלליות'דיגע התעוררות אויף 'תיקון המעשים'! געוואלדיגע התחזקות'ן אינעם תוקף הגלות! ימ'ען פון האפענונג צום גרויסן ליכטיגן עתיד - בהתגלות כבוד שמים עלינו!

> **דערפאר זעט מען ווי זיינע תורות דרייען זיך ארום די סאמע 'יסודות' פונעם כלל ישראל!**

## דער רבי האט אויפגעבויעט דעם 'עצם איד' – די תוצאות זענען ארויסגעקומען פון זיך זעלבסט

דער מהלך פונעם רבי'ן איז געווען, אז מען דארף אויפבויען דעם 'עצם איד' אז ער זאל זיין שטארק און פעסט! ער זאל זיין קלאר אין די יסודות! די 'נקודה

הפנימית' פונעם איד זאל 'לעבן' אין אים! און דורכדעם וואס זיינע 'יסודות הדת' זענען שטארק - וועט ער שוין אליינס עומד זיין אויף אלע פרטים פון עבודת ה' - יעדער אויף זיין אופן. און דאס איז נישט נאר געווען ביים זאגן תורה, נאר **דער מהלך פונעם רבי'ן כלפי גאנץ אידישקייט איז אזוי געווען, אוועקצושטעלן די 'יסודות' פון אידישקייט גאר שטארק, און די 'ענפים' און 'פרטים' זאלן אליינס געשען**(קיד). און אפילו ווען א איד האט אים אנגעפרעגט 'ביחידות' עניני עבודת ה'(קטו) - האט ער לכתחילה נישט געוואלט הייסן טון קיין שום פרטיות'דיגע הנהגה וויאזוי מען דארף זיך צו פירן (בלויז צו די מלמדים - אלס זיינע שלוחים - האט ער זיי מדריך געווען בפרטיות וויאזוי צו מחנך זיין די קינדער). און ווי גערעדט, האט דאס א געוואלדיגע השפעה, אז ווען דער מענטש טוט עפעס - קומט דאס פון א אמת'ן פלאץ בנפש, וואס ער 'וויל' דאס, און נישט אז ער פאלגט וואס דער רבי האט אים געהייסן טון - וואס דעמאלט בלייבט דאס א חיצוניות'דיגע עשיה, און ער פארגעסט דעם עיקר תכלית און ציל פון א איד אויף דער וועלט, נתקרב צו ווערן צום אויבערשטן. און אט דאס

> **דער מהלך פונעם רבי'ן כלפי גאנץ אידישקייט איז אזוי געווען, אוועקצושטעלן די 'יסודות' פון אידישקייט גאר שטארק, און די 'ענפים' און 'פרטים' זאלן אליינס געשען**

---

**קיד. לדוגמא:** מיר האבן נישט קיין פרטיות'דיגע הדרכה פונעם רבי'ן, וויאזוי עס דארף אויסקוקן א שבת'דיגע סעודה, ווי לאנג עס דארף דויערן, וויפיל זמירות מען דארף זינגען, וויפיל דברי תורה מען דארף רעדן ביים טיש, און וואס מען טאר נישט רעדן, וכדומה. מיר האבן באקומען פונעם רבי'ן בלויז דעם 'חינוך' אויף 'קדושת שבת'. דער רבי האט אונז - דורך זיינע תורות, טישן און פערזענליכע דוגמא - אריינגעגעבן דעם 'ברען' און 'קאך' אין א שבת, און פון דעם פארשטייט יעדער לויט זיין דרגא, לויט זיין תכונת הנפש, לויט זיין שטוב און אלע ארומיגע אומשטענדן וויאזוי ער דארף זיך אויפפירן למעשה, וויאזוי א שבת'דיגע דאווענען און א שבת'דיגע סעודה דארף אויסזען, וכדומה.

**קטו.** זעה אין שו"ת דברי יואל סי' לא, וואו דער רבי שרייבט צו איינעם וועלכער בעט אן עצה אויסצורייניגן זיין נשמה פון פגמים, און נאכדעם וואס דער רבי שרייבט יענעם עטליכע כלליות'דיגע הנהגות פון 'עזיבת החטא', 'בכיה בלב נשבר', 'שמחה', 'הוספה בתורה, בתפלה ובצדקה' - פירט דער רבי אויס בזה"ל: "אבל מה ששייך להסרת כתמי הנפש, דבר זה מבואר בספרים הקדושים באריכות, **וכל אחד לפי דרכו בקודש, בזה לא אוכל לדבר מאומה כעת, כי זה תלוי במה שהוא אדם**, לכן עצתי שיבוא לביתי ואדבר עמו פה אל פה, אז אוכל בעזהשי"ת ליעץ לו על זה, ועד אז יעשה כנ"ל, וישמח בתורה ובתפלה". אזוי איז אויך ידוע, אז דער רבי האט כמעט קיינמאל נישט געוואלט ענטפערן - אפילו פאר א יחיד - וועלכע חסיד'יש ספר צו לערנען.

האט דער בעל שם טוב אריינגעברענגט, נישט אריינצופאלן אין פרטים(קטז) און

**קטז.** היינט צוטאג זעט מען ביי אסאך עובדי ה', אז כאטש זיי האבן ברייטע ידיעות אין 'חסידות', זיי דרייען זיך מיט הויכע השגות, און זיי האבן ארויס אלערליי 'דרכי עבודה' - דאך פעלט ביי זיי דער יסוד פון פשוט'ע אידישקייט, די 'אמונה פשוטה' און ווארימקייט צו אידישקייט - איז נישטא ביי זיי. ווי צדיקים האבן געזאגט: "נשיאים חסר יוד" - מען קען זיין א גרויסער מענטש, און אפילו א 'נשיא', אבער דאס פינטעלע 'איד' פעלט! דער גאנצער יסוד פון זיין עבודת ה', איז קרום אוועקגעשטעלט, ווייל מען ליגט בלויז אין 'פרטים' פון עבודת ה', און ער פארגעסט דעם עיקר און די פשטות, אז ער איז א איד! זיין גאנצע אידישקייט באשטייט בלויז פון זיין איצטיגע דרגא אין עבודה, און ער כאפט נישט ווי גליקליך ער איז, אז ער האט א אידישע נשמה וועלכע איז הייליג און טייער! און אט אויף דעם האבן אונזערע רבי'ס חושש געווען, און דערפאר האבן זיי בעיקר געערדעט שטענדיג פונעם 'עצם קדושת ישראל', און נישט אזויפיל אריינגעגאנגען אין די 'פרטי העבודה', וויבאלד דער מענטש ווערט צופיל אריינגעטון אין 'פרטים' און ער פארגעסט דעם 'עיקר' און 'פשטות'.

> **עס קומט אבער אויס, אז יעדן שבת קאכט מען זיך בלויז אין דער 'ספעציעלקייט' פון דעם היינטיגן שבת, אבער מען קאכט זיך קיינמאל נישט אין דעם עצם קדושה פון 'שבת קודש'**

**משל למה הדבר דומה:** עס איז פארהאן אן ענין ביי חסידים צו טרעפן אין יעדן שבת א געוויסע נקודה מיט וואס דער שבת איז 'ספעציעל' און העכער פון אלע שבתים פון א גאנץ יאר. אמאל איז דאס צוליב די 'קריאה', אמאל צוליב די 'הפטורה', און אמאל צוליב א יום טוב וואס פאלט יענע וואך, וכדומה. און עס קומט אבער אויס, אז דאס קען צומאל גורם זיין, אז יעדן שבת קאכט מען זיך בלויז אין דער 'ספעציעלקייט' פון דעם היינטיגן שבת, אבער מען קאכט זיך קיינמאל נישט אין דעם עצם קדושה פון 'שבת קודש' ווי מען זאגט ביים דאווענען "וקדשתו מכל הזמנים". וואס אלע ספעציעלע זאכן פון יעדן שבת - זענען בלויז א זייטיגע 'הוספה' אויפן עצם קדושת שבת, און עס איז בטל ומבוטל קעגן דעם עצם שבת.

די זעלבע זאך איז כלפי גאנץ אידישקייט. ביי חסידים האט מען אכטונג געגעבן נישט צו מאכן דעם עיקר עסק פון די 'ספעציעלקייט' פון די 'פרטי העבודה', ווייל דורכדעם וועט מען פארגעסן דעם עיקר העקרים, אז מיר זענען 'אידן', און מיר זוכן צו זיין איבערגעגעבענע אידן צו די גאנצע תורה, מקיים צו זיין יעדע מצוה מיט א ברען, זיך אפצוהיטן פון יעדן מכשול און פון יעדע זאך וואס איז קעגן די תורה הק' און רצון ה', און צו האבן אלעמאל די ריכטיגע 'הארץ' פון א חסיד'ישע איד - פון איין זייט, צובראכן און דורכגענומען מיט דער 'ביטול' און אנערקענונג אינעם 'אפסיות' פונעם מענטש, און פון צווייטן זייט, דורכגעדרינגען מיט שמחה מיטן 'עצם יהדות', פול מיט האפענונג אויף ישועת ה'.

זייטיגע זאכן, נאר זיך צו קאכן אין די 'שרשים' פון אידישקייט, ווייל אזוי בלייבט מען דבוק צום ציל פון אלע צילן - צו ווערן נאנט צום אויבערשטן.

## דער רבי רעדט פון 'יסודות' און בויעט אלעס אויף די אלטע יסודות פון תורה שבכתב ושבע"פ

**נאכמער:** נישט בלויז האט דער רבי גערעדט שטענדיג פון די 'יסודות' פון אידישקייט, נאר אויך דער גאנצער אופן וויאזוי ער האט אויפגעבויעט די 'יסודות' - איז געווען זייער שטארק יסודות'דיג און מקורות'דיג[קיז].

דער גאנצער אופן וויאזוי ער האט אויפגעבויעט די 'יסודות' – איז געווען זייער שטארק יסודות'דיג און מקורות'דיג

ער האט זיך אריינגעלאזט צו זאגן תורה אויף די שווערסטע סוגיות אין תנ"ך! אין זיינע תורות איז ער מקיף מיט א הרחבה די בחינה פון 'חטא דור המבול' 'חטא דור הפלגה', 'ברית בין הבתרים', 'מעשי אבות סימן לבנים', 'מכירת יוסף', 'יהודה ותמר', 'גלות מצרים', 'יציאת מצרים', 'מתן תורה', 'חטאי דור המדבר', 'מחלוקת קרח ועדתו', 'חטא מי מריבה', 'כניסת ישראל לארץ ישראל', 'תקופת השופטים', 'תקופת הנביאים', 'דוד ושאול', 'עבודה זרה בזמן בית ראשון', 'חורבן בית המקדש ותקופתו', 'דור עיקבתא דמשיחא', 'ימות המשיח', 'ביאת משיח', וכדומה.

## דורכן לערנען דעם רבי'נס תורות ווערט מען מקושר מיט אלע דורות און תקופות אין כלל ישראל

**אין אנדערע ווערטער:** דער רבי איז מיט זיינע תורות מקשר אלע דורות אינאיינעם! די גאנצע תורה און גאנץ אידישקייט - איז אלעס איין לאנגע קייט וועלכע ציהט

**קיז.** מיין טאטע [הרה"ח ר' יהודה שטיין] שליט"א זאגט אלעמאל נאך, וואס ער האט געהערט פון איינע פון די געהויבענע זקני ירושלים, וועלכער האט געהאט די זכיה צו זיין ביי די באוואוסטע פייערדיגע דרשה וואס דער רבי האט געזאגט אין ביהמ"ד 'כתב סופר' אין ירושלים - וואס די דרשה האט בשעתו אויפגעשאקלט די גאנצע אידישע וועלט. האט דער איד איבערגעגעבן א 'הרגשה' וואס ער האט געשפירט ביי זיך, בשעת'ן מיטלעבן אזא מורא'דיגע מחזה בשעת די דרשה - ווען דער רבי איז געשטאנען ביים ארון קודש און משמיע געווען דעם 'דעת תורה הברורה' מיט אזא מין 'אש קודש' - אז ער האט

**זיך פון אברהם אבינו ביז משיח צדקינו! און ווען מען לערנט דעם רבי'נס תורות, ווערט מען מקושר מיטן 'קומה שלימה' פון כלל ישראל דורכאויס אלע דורות! מען ווערט געוואויר, אז אלץ וואס כלל ישראל איז דורכגעגאנגען מימות עולם, און אלץ וואס כלל ישראל וועט נאך דורכגיין ביז משיח'ס טאג - איז אלעס ממש נוגע היינט צוטאג!** און דאס ברייטערט אויס אונזער גאנצע אידישקייט, מיר ווערן מקושר צו אלע תקופות פון כלל ישראל, צו אלע פרשיות התורה און צו אלע צדיקים פון אלע דורות. און ווי דער וואודיסלאווער רב ז"ל האט געזאגט א געוואלדיגע הגדרה איבער דעם רבי'נס תורות: "מען האט שוין געזען א צדיק וואס וויינט ווען ער רעדט פון זיינע זיידעס אדער פון אן ענין וואס איז געווען הייליג און טייער ביי זיין גזע, **אבער א צדיק וואס זאל ארויסגיין פון די כלים ווען ער רעדט פון 'ברית בין הבתרים', פון 'מעמד הר סיני', אדער פון 'דור דעה' - דאס האט מען געזען נאר ביים רבי'ן זכרונו לברכה"**(קיח).

**דער רבי איז מיט זיינע תורות מקשר אלע דורות אינאיינעם! די גאנצע תורה און גאנץ אידישקייט – איז אלעס איין לאנגע קייט וועלכע ציהט זיך פון אברהם אבינו ביז משיח צדקינו!**

## די ברייטקייט און קלארקייט פונעם רבי'נס תורות

דער רבי ז"ל איז אין דעם ענין געווען א גרויסער 'חידוש' - וואס אפילו ביי אסאך צדיקים הקודמים האט מען נישט געזען אזא סארט כח פון ברייטקייט - אז

---

דעמאלט געטראכט: "**ווען ישעיהו הנביא איז געקומען איבערגעבן א נבואה מפי הקב"ה פארן כלל ישראל, האט עס מן הסתם נישט אויסגעזען צופיל אנדערש ווי אט דער מחזה!**".

**קיח. על דרך הרמז:** דער רבי איז געווען דער ספעציעלער צדיק וועמען מען האט אראפגעשיקט פארן לעצטן דור פונעם 'קומה שלימה' פון 'כלליות ישראל', און דערפאר איז 'נעוץ סופן בתחלתן', אז דוקא ער איז דער וועלכער איז מקשר דעם כלל ישראל צוריק צום אנפאנג, און דערפאר רעדט ער אזויפיל פון אברהם אבינו - דער 'ראש האומה', פון 'יציאת מצרים' און 'מעמד הר סיני' - וואס דאס אלעס זענען די תקופות פון 'לידת כלל ישראל'.

**נאך א נקודה:** נאכן קריג איז דער מצב געווען א מצב פון 'תוהו ובהו', וואס דער גאנצער 'עבר' איז חרוב געווארן, און עס איז גארנישט געבליבן פון פריער אויף וואס צו בויען ווייטער. און דער רבי מיט זיינע געוואלדיגע כוחות הקדושה - האט זיך גענומען בויען אידישקייט פונדאסניי. און דערפאר איז אויך דער אופן וויאזוי ער האט געזאגט

די אלע יסודות וועלכע זענען ממש נוגע היינטיגע צייטן, אלע ניי אויפגעקומענע נסיונות און דער אופן וויאזוי זיך מתגבר צו זיין דערויף - האט ער אלעס אויפגעבויעט אויף די ווערטער פון גמרא און מדרש[קיט], מיט א געוואלדיגע קלארקייט און צוזאמגעפלאכטן מיט גאר פעסטע יסודות.

**אבער א צדיק וואס זאל ארויסגיין פון די כלים ווען ער רעדט פון 'ברית בין הבתרים', פון 'מעמד הר סיני', אדער פון 'דור דעה' – דאס האט מען געזען נאר ביים רבי'ן**

## דער מהלך אין פארשידענע קרייזן צו זאגן הויכע תורה און געטליכע השגות

נאך א נקודה אינעם כלליות'דיגן אופן השפעה און אמירת תורה. אין פארשידענע מקומות איז מען געגאנגען מיט א מהלך פון 'גדלות', מען האט גערעדט א העכערע שפראך, מיט הויכע השגות און מדרגות - כאטש מען האט געוואוסט אז דער ציבור האלט נאכנישט ביי אזעלכע הויכע השגות, אבער זיי האבן געהאלטן, אז דורכדעם וואס מען קאכט זיך אין העכערס - איז דאס גורם אז דער מענטש זאל לעבן אין העכערס! זיין 'מוח' הייבט אָן צו שוועבן אין העכערע געדאנקען, און דורכדעם איז ער נישט אזוי ארייגעטון אין קטנות'דיגע ענינים.

## ביי אונז האט מען נישט געהאלטן פון רעדן העכער די מדרגה פון די שומעים

דער מהלך פונעם רבי'ן - מיסודו פון צאנז, ראפשיץ, ולמעלה בקודש - איז געווען פארקערט: אלעמאל צו רעדן צום מענטש לויט זיין אמת'ע מדרגה, און נישט

---

'תורה' געווען אויף אזא סארט מהלך, אז ער האט אנגעפאנגען פונדאסניי, דאס הייסט, ער איז צוריקגעגאנגען צו די 'עיקרים' און 'שרשים' פון תורה, די פסוקים פון תנ"ך און די מדרשים פון חז"ל, און פון דארט האט ער פונדאסניי אויסגעבויעט אלע אלטע 'יסודות' - אויפן פארנעם וואו עס איז נוגע צו אונזער דור. און דאס איז נאכאמאל אן ענין פון 'נעוץ סופה בתחלתה', אז דייקא דער 'דור האחרון' דארף ווערן אויפגעשטעלט און אויפגעבויעט מיט א נייע 'התחלה'.

**קיט.** דער בעלזער רב רבי ישכר דוב זצ"ל האט געזאגט אויף הגה"ק רבי צדוק הכהן מלובלין, אז ער איז א 'גאון' אין חסידות, ווייל אויף יעדע חסיד'ישע יסוד - האט ער אלעמאל א ראיה און מקור פון די ווערטער פון חז"ל.

העכער פון וואס ער האלט באמת; כעין ווי דאס וואס דער רבי אליינס שרייבט אין ספה"ק ויואל משה (מאמר שלש שבועות סי' קפ- קפא), אז די תלמידי בעש"ט האבן געזאגט תורה נאר לויט די תלמידים וואס זענען דעמאלט דארט געווען, און האבן נישט מבאר געווען אז טאמער איינער איז נישט אויף דער מדרגה - דארף ער לעבן מיט אן אנדערע בחינה, ווייל זיי האבן נישט געמאכט קיין 'שולחן ערוך' אויף חסידות, נאר בלויז גערעדט לויט די דרגא פונעם 'ציבור השומעים' אין די דעמאלטדיגע צייט[קכ]. און אין דעם איז אויך נכלל דאס פארקערטע, אז די תלמידי בעש"ט האבן אויך נישט גערעדט אזעלכע בחינות און מושגים וואס זענען געווען העכער פון די מדרגה פון די תלמידים וואס זענען דעמאלט דארט געווען.

**דער רבי ז"ל איז אין דעם ענין געווען א גרויסער 'חידוש' אז די אלע יסודות וועלכע זענען ממש נוגע היינטיגע צייטן, האט ער אלעס אויפגעבויעט אויף די ווערטער פון גמרא און מדרש**

## מען האט זיך געהיטן אז עס זאל בלייבן אמת'דיג און שפלות'דיג

די סיבה פארוואס אונזערע רבי'ס האבן נישט געהאלטן פון רעדן העכערע זאכן און אויפהייבן דעם ציבור צו העכערע וועלטן - איז געווען צוליב צוויי נקודות: **א)** אונזערע רבי'ס האבן געהאלטן, אז מען קען נישט בויען קיין 'אמת' מיט 'שקר'! אידישקייט דארף ווערן אויפגעבויעט בלויז מיטן ריינעם אמת - וואס דער מענטש ווייסט וואו ער האלט און וואו ער דארף אנקומען[קכא]. **ב)** אונזערע רבי'ס האבן

**קכ.** איך האב אמאל געהערט פונעם פשעווארסקער רבי'ן שליט"א, לגבי א געוויסע סתירה אין ספר הק' זרע קודש – פון איין שטיקל צום צווייטן, האט ער געזאגט: "עס איז בכלל נישט קיין סתירה, ווייל אלעס ווענדט זיך ווער פון די תלמידים זענען געקומען יענע וואך אויף שבת!".

**קכא.** דער רבי האט אמאל געזאגט: "עס איז ערגער איינער וואס פאפט 'זיך', ווי איינער וואס פאפט א צווייטן, ווייל דער וואס פאפט 'יענעם' – איז דאס אן עבירה ווי אלע עבירות, און עס איז צום האפן אז ער וועט נאך אמאל תשובה טון, אבער דער וואס פאפט 'זיך' – וועט קיינמאל נישט ארויסקריכן דערפון". אזוי אויך האט דער רבי דערציילט, אז זיין טאטע דער הייליגער קדושת יום טוב פלעגט יעדן איינציגן טאג מתפלל זיין, אז ער זאל וויסן וואו ער האלט. און די דאזיגע תפלה פלעגט מען אויך אסאך הערן פונעם רבי'ן ביי די תורות – בפרט אין די ימי השובבי"ם: **"מען זאל מיר וויסן וואו מען האלט!"**.

חושש געווען, אז די חסידים וועלן זיך זעלבסט נאַרן און זיך איינרעדן אז מען האלט שוין טאקע ביי די הויכע מדרגות - וואס מען רעדט דערפון, און דאס וועט אריינברענגען א הרגש פון 'ישות' און 'שקר', וואס פון דעם האט מען זיך דערווייטערט ביי חסידים כמטחוי קשת. דערפאר האט מען ענדערש בוחר געווען צו רעדן פון די פשוט'ע מדרגות וואו דער מענטש האלט באמת, און דורכן לערנען און דאווענען מיט א ברען, וועט דער מענטש צוביסלעכווייז[קכב] ווערן מער און מער דערהויבן, און דעמאלט וועט עס זיין מיט א 'שפלות' און אן 'אמת'.

**מען קען נישט בויען קיין 'אמת' מיט 'שקר'! אידישקייט דארף ווערן אויפגעבויעט בלויז מיטן ריינעם אמת**

**דאס וועט אריינברענגען א הרגש פון 'ישות' און 'שקר', וואס פון דעם האט מען זיך דערווייטערט ביי חסידים כמטחוי קשת**

---

**אגב:** דאס איז אויך די סיבה פארוואס דער רבי - מיסודו פון ראפשיץ - האט אזוי ממאס געווען דעם ענין פון 'שיינע-איד'שאפט', ווייל דאס איז אן ענין פון 'שקר' און איז נישט לויט די אמת'ע מדרגה פונעם מענטש.

**קכב.** אין דער הקדמה צו שו"ת תורת יקותיאל שרייבן זיי: "זקננו (הרה"ג ר' פרץ ראזענבערגער זצ"ל מו"צ בק"ק דיערעש) היה תלמיד מובהק למרן הגה"ק בעל ייטב לב הגאבד"ק סיגעט, ועובדא ידענו שפ"א שבת זקננו בימי בחרותו אצל צדיק מפורסם שהיה דרכו בעבודת השי"ת בהתלהבות יתירה, ואאזקז"ל נתלהב ממנו מאד באש קודש בתורה ועבודה, ומרן היט"ל זצ"ל הרגיש בזה בחזרתו משם, ואמר לו אני מכיר ורואה שהיית אצל צדיק הנ"ל, הנה כשבא פתאום אש גדול בלבת אש, הוא מתכבה במהרה, אבל אנו דרכינו לשום קסמין קטנים לאט לאט זה אחר זה מתלהב האש ויש לו קיום ואינו מתכבה".

# פרק ט

מאד מאד הוי שפל רוח:
# די געוואלדיגע 'עשירות' און 'יסודות' אין חסידות וואס דער רבי האט איינגעפלאנצט אין זיינע תלמידים

### דער 'דגוש' אויף 'מדת הענוה' – מער ווי אלע אנדערע מדות טובות

ווען מען איז זיך מתבונן אינעם רבי'נס תורות - וואו דער רבי האט מדריך געווען זיינע תלמידים מיט די יסודות אין עבודת ה' - זעט מען, אז כאטש וואס דער רבי האט מדריך געווען און גערעדט איבער גאנץ אידישקייט, עס איז נישטא קיין 'מדה טובה' און קיין 'דבר שבקדושה' וואס דער רבי רעדט נישט דערפון, און באגיסט עס מיט א ליכטיגקייט און ווארימקייט - איז אבער פאראן געוויסע נקודות וואס דער רבי איז גאר שטארק מדגיש און חזר'ט עס איבער אָן א שיעור מאל - מער פון אלע אנדערע מדות טובות. און איינע פון זיי איז, די מדה פון 'ביטול' און 'שפלות רוח', וואס דער רבי האט אויף פארשידענע אופנים גאר שטארק געארבעט דאס ארייננצוברענגען ביים ציבור; ווי מען וועט באלד אויסשמועסן עטליכע דוגמאות און ביישפילן איבער דעם, און ער האט טאקע מורא'דיג 'מצליח' געווען דאס ארייננצופלאנצן אין יעדן פון זיינע תלמידים.

**און דער רבי מיט זיינע תורות האט פשוט געלערנט און גע'חזר'ט מיט אונז די 'יסודות' און 'דרכי החסידות' און ער האט טאקע 'מצליח' געווען אויף אן אויסטערלישן אופן דאס ארייננצוברענגען אין אלע זיינע תלמידים!**

### ירושה מאבותי – די מסורת פון אלע תלמידי בעש"ט

דער דגוש אויפן ענין פון 'שפלות רוח' איז נישט געווען דעם רבי'נס אייגענע חידוש, נאר דאס איז געווען א המשך ביזן בעל שם טוב הק' און אלע זיינע תלמידים. ווייל יעדער

וואס לערנט חסיד'ישע ספרים ווייסט צו זאגן, אז **דער ענין פון 'ענוה' און 'ביטול', איז דער 'יסוד היסודות' פונעם בעש"ט ותלמידיו, און דער רבי מיט זיינע תורות האט פשוט געלערנט און גע'חזר'ט מיט אונז די 'יסודות' און 'דרכי החסידות' פונעם בעש"ט ותלמידיו הק'! און ער האט טאקע 'מצליח' געווען אויף אן אויסטערלישן אופן דאס ארייינצוברענגען אין אלע זיינע תלמידים!** ער האט ממש איבערגעמאכט דעם מהות פון זיינע תלמידים, אז זיי זאלן לעבן מיט א שטארקן מאס 'שפלות רוח' - אינעם טאג טעגליכן לעבן.

✦

ווען מען קוקט אריין אין חסיד'ישע ספרים און מען איז זיך מתבונן וויאזוי די צדיקים האבן אוועקגעשטעלט דעם ענין פון 'ענוה' און 'שפלות' אלס דער יסוד פון עבודת ה' - זעט מען, אז אינ'אמת'ן ליגט דעריין צוויי חלקים.

**'ביטול': א איד דארף אלעמאל וויסן ביי זיך, אז 'אין עוד מלבדו'! עס איז גארנישט פארהאן אויסער דעם אויבערשטן! א מענטש האט נישט קיין שום אייגענעם כח צו טון און אויספירן עפעס!**

## ביטול - נישטא קיין שום מציאות אויסער דעם רבוש"ע

**ערשטער חלק** - די מדה פון **'ביטול'**: א איד דארף אלעמאל וויסן ביי זיך, אז 'אין עוד מלבדו'! עס איז גארנישט פארהאן אויסער דעם אויבערשטן! א מענטש האט נישט קיין שום אייגענעם כח צו טון און אויספירן עפעס![קכג] דער מענטש האט נישט קיין שום אייגענעם 'עקזיסטענץ' און 'ישות'! ער איז 'אין ואפס' - א נברא וואס באקומט יעדע רגע נייע 'חיות' פונעם אויבערשטן, צו 'זיין' אויף נאך א רגע! און ווען א מענטש ווייסט און לעבט דאס - שפירט ער אלעמאל א הרגשה פון 'ביטול' צום אויבערשטן[קכד].

**קכג.** ביי חסידים איז געווען אזא אויסשפריך - ווען מען האט איינעם געפרעגט: "וואס מאכסטו?", פלעגט יענער ענטפערן: "וואס קען שוין א 'געמאכטער' (-נברא) מאכן?!".

**קכד.** און אויף דעם קוטב האט דער בעל התניא אוועקגעשטעלט גאנץ תורת חב"ד, אז די גאנצע התעלות פון א מענטש אין עבודת ה' - ווענדט זיך בלויז אין ווי העכער ער גייט אין 'ביטול' - ווי דער בעל התניא צוטיילט עס אויף פארשידענע מדרגות: 'ביטול היש', 'ביטול במציאות', 'ביטול בעצם', וכדומה.

## ענוה – מען איז נאך זייער ווייט פון די ריכטיגע עבודת ה'

**צווייטער חלק** - די מדה פון **'ענוה'**: א איד טאר קיינמאל נישט שפירן ביי זיך, אז ער איז שוין עפעס 'אנגעקומען' אין עבודת ה', נאר ער דארף אלעמאל האלטן ביי זיך, אז ער נאכנישט 'אנגעפאנגען' עפעס צו טון פארן אויבערשטן![קכה], ער דארף זיך שטענדיג שפירן ווייט בתכלית הריחוק פון די אמת'ע עבודת ה'! ער דארף אלעמאל פיהלן ווי א 'עני ורש' וועלכער האט נישט קיין שום אייגענע 'זכותים' און 'מעשים טובים'! און אט דער יסוד ווערט כסדר איבערגע'חזר'ט אין אלע ספרים פון די תלמידי בעש"ט, און בפרט פונעם ערשטן דור, אלס דער הויפט שורש אין עבודת ה'![קכו]

**'ענוה': א איד טאר קיינמאל נישט שפירן ביי זיך, אז ער איז שוין עפעס 'אנגעקומען' אין עבודת ה', נאר ער דארף אלעמאל האלטן ביי זיך, אז ער נאכנישט 'אנגעפאנגען' עפעס צו טון פארן אויבערשטן!**

## אזוי האבן פאקטיש חסיד'ישע אידן געלעבט

דער ענין פון 'ביטול' און 'ענוה' - איז נישט בלויז א זאך וואס שטייט אין חסיד'ישע ספרים, אז אזוי דארף מען צו לעבן - נאר דאס איז טאקע פאקטיש געווען דער גאנצער 'הלוך ילך' פון חסיד'ישע אידן אין אלע דורות, עס האט זיך געשפירט ביי יעדן חסיד'ישן איד א הרגשה, אז ער האלט נאך ביי גארנישט... דער שפראך ביי חסיד'ישע אידן איז נישט געווען אויפן סגנון פון 'איך האלט שוין ביי דער מדרגה', 'איך האב שוין אויסגעארבעט די דאזיגע מדה', 'איך האב זוכה געווען צו 'זיין' אן עובד השם'. און מען האט קיינמאל נישט געהאט די דאגה, אז מען דארף זען 'אנצוקומען' און

---

**קכה.** אין ספה"ק דגל מחנה אפרים (פר' ויקרא) שטייט בזה"ל: "שמעתי אומרים בשם ר' יוסף מגיד מישרים דק"ק פולנאה זללה"ה, שאמר על מה שאומרים העולם, שהלומדים לערנען יא והחסידים לערנען ניט, שהאמת שהלומדים כל מה שלומדים יותר, הם גדולים בעיניהם שכבר למדו הרבה כל הצורך. והחסידים כל מה שלומדים יותר הם יותר קטנים בעצמם, וזהו כל מגמתם שלומדים את עצמם להיות קטנים ושפלים בעצמם".

**קכו.** יעדער ספר רופט דאס מיט זיין שפראך - אין 'תולדות' הייסט עס 'ענוה', אין 'דגל' הייסט עס 'בחינת אין' אין 'פרי הארץ' הייסט עס 'שפלות', און אין 'נועם אלימלך' הייסט עס 'שפלות עצמו'. הצד השוה פון אלע תלמידי בעל שם הק' איז, אז דאס איז דער עיקר יסוד אין דער עבודה פון א איד.

'האלטן' ערגעצוואו. נאר דער שפראך איז בלויז געווען: "וואס איז די ריכטיגע זאך צו 'טון' יעצט? וויאזוי קען איך טון בעסער? וויאזוי קען איך מאכן א נחת רוח פארן אויבערשטן(קכז)?".

דער שפראך ביי חסיד'ישע אידן איז נישט געווען אויפן סגנון פון 'איך האלט שוין ביי דער מדרגה', 'איך האב זוכה געווען צו 'זיין' אן עובד השם'. און מען האט קיינמאל נישט געהאט די דאגה, אז מען דארף זען 'אנצוקומען' און 'האלטן' ערגעצוואו. נאר דער שפראך איז בלויז געווען: "וואס איז די ריכטיגע זאך צו 'טון' יעצט? וויאזוי קען איך מאכן א נחת רוח פארן אויבערשטן?".

## חסיד'ישע אידן זענען קיינמאל נישט געווען פארנומען צו 'זיין' עפעס

**אין אנדערע ווערטער:** מען איז קיינמאל נישט געווען פארנומען צי מען 'איז יא', צי מען 'איז נישט', ווייל דאס איז בכלל נישט נוגע! עס איז נישטא קיין מטרה צו 'זיין' אן עובד ה'! די גאנצע תכלית האדם איז בלויז, צו 'דינען' דעם אויבערשטן און טון זיין רצון יעדע מינוט פון לעבן!

✦

## דער רבי האט ארויסגעגעבן דעם 'שפלות' דורך אלערליי אופנים

מען וועט אויסשמועסן עטליכע אופנים און דוגמאות, ווי ווייט און ווי שטארק דער רבי האט געארבעט מיט זיינע תלמידים, און גע'חזר'ט כסדר ביי יעדע געלעגנהייט, אט די אויבנדערמאנטע יסודות. אויך וועט מען אויסשמועסן ווי שיין ער האט טאקע מצליח געווען אריינצוברענגען ביי זיינע מענטשן, די ביידע חלקים, סיי דער 'ביטול' צום אויבערשטן - אז דער מענטש זאל נישט שפירן אז ער האט עפעס אן אייגענעם כח און מציאות, און סיי די 'ענוה'

**קכז.** ביי געוויסע קרייזן, איז מען יא כסדר פארנומען 'זיך' צו מעסטן: וואו מען האלט אין עבודת השם, צי מען 'שטייגט', וועלכע מדריגה מען האט שוין 'קונה' געווען, וכדומה, און מען האט פאר זיך א גאנצע ליסטע מיט 'דערגרייכונגען' אין תורה און אין עבודת ה' - וואס מען איז שוין אדער מען דארף נאך 'אנגעקומען'. אבער ביי חסידים האט מען גאר שטארק שולל געווען אט דער סארט שפראך און געדאנקענגאנג, נאר מען האט געלעבט בלויז מיטן ציל צו מאכן א נחת רוח פארן בורא כל עולמים און זוכה זיין נתקרב צו ווערן צו אים באמת. מיר לעבן היינט אין א צומישטע וועלט, דערפאר כאפט זיך אריין איבעראל דעם סארט שפראך פון די פרעמדע קרייזן. דעריבער דארף מען היינט מער אכטונג געבן צו בלייבן קלאר מיט די הדרכה פון אונזערע רבי'ס און עלטערן פון וואו מיר שטאמען.

- אז דער מענטש זאל זיך נישט איינרעדן אז ער האלט שוין ביי א געוויסע מדריגה אין עבודת ה'[קכח].

## געַחזר'ט מיטן עולם אז מען קען גארנישט – אָן סייעתא דשמיא אויף יעדן ריר

א. **"כי הוא הנותן לך כח לעשות חיל"**. דער רבי האט נאכאנאנד גע'חזרט מיט'ן ציבור ביי יעדע געלעגנהייט, און בפרט ביי זיינע הייליגע תורות, אז דער מענטש האט נישט קיין אייגענעם כח צו טון און אויפטון עפעס! און ער האט שטענדיג געלערנט און גע'חזר'ט מיט אונז דעם מאמר חז"ל (סוטה מט.) **"אין לנו על מי לנו להשען אלא על אבינו שבשמים"**. און ער פלעגט ממחיש זיין[קכט], אז ממש יעדעס ריר וואס מען גיבט זיך - איז בלויז 'סייעתא דשמיא', ווייל ווען נישט דאס ביסל 'סייעתא דשמיא' וואס מען פארמאגט - וואלט מען גארנישט געקענט דורכפירן[קל]. **וואס אט די הכרה און געפיל וואס דער מענטש שפירט אז ער קען 'גארנישט' אליינס, איז די א-ב פון דער מדה פון 'ביטול', וואס ביי חסידים אין אלע דורות איז דאס געווען דער שפיץ פון עבודת ה'.**

**וואס אט די הכרה און געפיל וואס דער מענטש שפירט אז ער קען 'גארנישט' אליינס, איז די א-ב פון דער מדה פון 'ביטול', וואס ביי חסידים אין אלע דורות איז דאס געווען דער שפיץ פון עבודת ה'.**

---

**קכח.** הגה"ח ר' מרדכי דוד קאהן ז"ל האט זיך אמאל אויסגעשמועסט זיינע געפילן וואס ער האט געשפירט ביים רבי'נס א טיש. און ער האט עס אראפגעלייגט אזוי: דארט און דארט (ער האט אויסגערעכנט געוויסע הויפן פון רבי'ס) האט מען געזינגען און געטאנצן א גאנץ פרייטאג צונאכט, און דער עולם האט אודאי געשפירט א 'חיות' און דערהויבנקייט. און יעדער איז אהיימגעקומען פון טיש מיט א צופרידנקייט און זאטקייט. אבער דעם רבי'נס טיש איז געווען אינגאנצן אנדערש, מען האט נישט געטאנצן און געזינגען, נאר מיר האבן זיך געפילט 'גארנישט'... מען האט דארט געשפירט א הייליגע הרגשה פון 'ביטול' צום אויבערשטן". (מתוך קונטרס הנפלא 'עדן מקדם' רשימות מהגה"ח הנ"ל).

**קכט.** זעה דעם לשון וויאזוי ער דרוקט זיך אויס כלפי דעם ענין (ס"ג נצבים וילך תש"כ): "מען קען זיך גארנישט אליין טון און פאסן, איז 'אין לנו להשען אלא על אבינו שבשמים', **מוז מען האבן 'בכל תנועה ותנועה' נאר 'סייעתא דשמיא', מען קען זיך נישט רירן אָן דעם, נאר מיט סייעתא דשמיא"**.

**קל.** דער רבי האט אמאל געזאגט: פארוואס ער האט אנגעפאנגען זיין הייליג ספר 'ויואל משה' מיטן ווארט 'היות', ווייל דאס איז מרמז אויף 'הוי"ה ית', ווייל נאר מיט 'סייעתא דשמיא' האט ער געשריבן דעם גאנצן ספר. (הרה"ח ר' משה גפן משב"ק).

## ארייגעלייגט אלע פוילישע תורות אין פשוט'ע תחנונים אויף רחמי שמים

ב. "**אלמלא הקב"ה עוזרו לא היה יכול לו**". איינע פון די טיפסטע יסודות ביי די תלמידי בעל שם טוב איז געווען, אז כאטש וואס דער מענטש האט א 'בחירה' צו טון גוטס אדער חלילה פארקערט - אבער אפילו ביי דעם ענין, מוז ער אויך אנקומען צום אויבערשטן אויף שריט און טריט! דאס איז נוגע סיי 'קודם המעשה', אז ווען א מענטש וויל בוחר זיין בטוב - איז גאר א גרויסער חלק פון דער 'בחירה' גופא, צו מתפלל זיין און זיך בעטן ברחמים, אז דער אויבערשטער זאל אים העלפן און געבן די כוחות קעגן דעם יצר הרע. און ווי מער דער מענטש פארלאזט זיך און קוקט ארויס אויף די 'סייעתא דשמיא' פון אויבן - אזויפיל איז ער טאקע זוכה צו 'סייעתא דשמיא'! און אזוי אויך 'לאחר המעשה' - **נאכדעם וואס ער האט בוחר געווען בטוב - דארף ער וויסן און געדענקען, אז דאס איז נישט געקומען דורך זיין אייגענעם כח, נאר דאס איז געווען 'כל כולו' פונעם רבונו של עולם!** און דער רבי ז"ל פלעגט דאס כסדר איבער'חזר'ן מיט א געוואלדיגע שטארקייט און קלארקייט, אז אפילו צו מקיים זיין תורה ומצות און טון עפעס פארן אויבערשטן און **אפילו צו** '**תשובה טון' פארן אויבערשטן - אדער צו טון 'סיי וואס' אין אידישקייט - קען מען אויך נישט אליינס! נאר מיטן כח פון 'סייעתא דשמיא'** קען מען טון עפעס פארן אויבערשטן(קלא). און כאטש וואס אינ'אמת'ן איז דאס גאר א גרויסע מדריגה, צו קענען לעבן מיט אט דער השגה און ביטול צום אויבערשטן - דאך האט דער רבי דאס ארייגעברעגנט אין זיינע מענטשן ההולכים לאורו - אפילו אין פשוט'ע אידן, ווייל דער רבי האט דאס אזויפיל איבערגע'חזר'ט ביי די 'תורות', און האט דאס אלעס אויסגעבויעט פון מדרשים און מאמרי חז"ל - ביז דאס האט טאקע ארייגעדרינגען אין יעדעס אידיש הארץ - ממש ווי א פשוט'ער יסוד וואס איז זעלבסט פארשטענדליך(קלב).

> **נאכדעם וואס ער האט בוחר געווען בטוב - דארף ער וויסן און געדענקען, אז דאס איז נישט געקומען דורך זיין אייגענעם כח, נאר דאס איז געווען 'כל כולו' פונעם רבונו של עולם!**

**קלא.** לשון רבינו בספה"ק דברי יואל (פ' נח ע' קטז): "באמת לזכות לשלימות הענוה להיות שפל רוח בפני כל אדם צריך 'סייעתא דשמיא', ואי אפשר בדרך הטבע". וכן מוזכר יסוד זה בספרי רבינו הרבה פעמים אין מספר.

**קלב.** בשורש הדברים האט דאס א שייכות מיט דער גרויסער מלחמה וואס דער רבי האט געפירט קעגן דעם 'קליפת הציונות'. ווייל טאמער דער מענטש שפירט ביי זיך, אז ער

## זיך אנגעלאנט בלויז אויף 'זכות אבותינו ורבותינו הקדושים'

ג. "**וזוכר חסדי אבות**". דער רבי פלעגט ביי אלע זיינע תורות א גאנץ יאר, און נאכמער ביי די 'הושענא רבה דרשות'[קלג] כסדר איבער'חזר'ן, אז אונזער גאנצע אידישקייט און אלץ וואס מיר קענען זיך דערהאלטן, איז נאר מיטן זכות און כח פון די צדיקים הקודמים און די פריערדיגע דורות. און מיט דעם האט ער אריינגעברעגנט אין זיינע מענטשן א געפיל פון 'שפלות', אז מיר זענען באמת 'גארנישט' און מיר קענען 'גארנישט'! מיר האבן נישט קיין שום אייגענעם כח און זכות, נאר אונזער גאנצע עקזיסטענץ און חיות איז בלויז 'זכות אבות'.

כאטש וואס אינ'אמת'ן איז דאס גאר א גרויסע מדריגה, צו קענען לעבן מיט אט דער השגה און ביטול צום אויבערשטן - דאך האט דער רבי דאס אריינגעברעגנט אין זיינע מענטשן ההולכים לאורו - אפילו אין פשוט'ע אידן

## יעדן 'חטא' פון די פריערדיגע - אין אונזער קאפ איז דאס נישט קיין חטא

ד. "**אבותינו חטאו ואינם**". ווער עס קוקט אריין אינעם רבי'נס תורות - באגעגנט זיך מיט 'מערכות' אויף 'מערכות', וואו

---

'קען אליינס' און אז ער פארמאגט עפעס אן אייגענעם כח און מציאות ח"ו - איז ער פארכאפט אין דער קליפה פון 'כוחי ועוצם ידי', וואס דאס איז מעכב די 'גאולה'. ווייל דער באדייט פון 'גאולה' איז, א 'הכרה' אז עס איז גארנישט פארהאן אויסער דעם אויבערשטן; ווי מען זאגט אינעם 'ועל כן נקוה'. און דערפאר, ווען א מענטש האט חלילה א שיטה אז עס דא עפעס א 'כח' און 'מציאות' אויף דער וועלט - אויסער דעם אויבערשטן - איז דאס ממש דער היפוך פון דער 'תכלית הבריאה', און היפך פון דער גאנצער גילוי פון דער 'גאולה השלימה'. און דערפאר האט דער רבי אזוי שטארק מדגיש געווען דעם 'אפסיות' פונעם מענטש אין אלע ענינים.

**קלג.** ווען ער האט אנגעהויבן די 'הושענא רבה דרשה' - וואו ער פלעגט נאכזאגן דעם באקאנטן משל פון זיין טאטן דער קדושת יו"ט - פלעגט ער צולייגן: "דער טאטע זכרונו לברכה פלעגט עס נאכצוזאגן יעדן הושענא רבא, וכל ההולך בדרכי אבות מזכירין לו זכות אבות". אינטערעסאנט צו אנצייכענען, אז אויף דער עלטער פלעגט ער אסאך לערנען אין זיין אייגענעם ספר 'דברי יואל' (און אזוי פלעגט אויך דער הייליגער דברי חיים טון, און ער פלעגט זאגן דערויף א מליצה: 'ובתורתו' - אין זיין אייגענע תורה - 'יהגה יומם ולילה'), און יעדעס מאל וואס ער האט געבעטן אים צו ברענגען דעם ספר, פלעגט ער זאגן "גיב מיר דעם טאטנ'ס ספר", און ער האט זיך מסביר געווען: "וואס איך האב, איז אלעס פונעם טאטן". (מושיען של ישראל פרק כא).

ער גיבט זיך אפ צו פארענטפערן און מסביר זיין די חטאים פונעם כלל ישראל - וואס ווערט דערמאנט אין תנ"ך, וואס דער רבי איז אלעמאל מדגיש אז עס איז נישט 'כפשוטו'(קלד), אין די אלע חטאים זענען געליגן געהויבענע חשבונות און כונות, און דער רבי האט פארשידענע מהלכים דערין, צו מבאר זיין מיט א ברייטקייט די גאנצע סוגיא פון אלע קוק ווינקלען. נאכמער, דער רבי וועט אלעמאל טרעפן פון מדרשים און זוהר הק', אז בפנימיות זענען די חטאים נסתבב געווארן 'מן השמים', כדי עס זאל ארויסקומען געוויסע ענינים און תועלת - אין דער בחינה פון 'נורא עלילה'.

**דער רבי ממש א 'יחיד מומחה' אין דעם ענין – וואס מען האט כמעט נישט געזען ביי אנדערע צדיקים – מבאר צו זיין אזעלכע הייקעלע און יסודות'דיגע ענינים מיט אזא ברייטקייט.**

אין א געוויסן זין, איז **דער רבי ממש א 'יחיד מומחה' אין דעם ענין - וואס מען האט כמעט נישט געזען ביי אנדערע צדיקים - מבאר צו זיין אזעלכע הייקעלע און יסודות'דיגע ענינים מיט אזא ברייטקייט.** און אודאי פארשטייען מיר נישט די סודות און ענינים וואס דער רבי האט געהאט דערין, זיך אפצוגעבן אזויפיל מיט דעם ענין, ומי יבוא בסוד קדושים. אבער בפשטות האט ער אויך געהאט א כונה אונז מחנך צו זיין דערמיט, צו האבן א 'ביטול' און 'הכנעה' צו די פריערדיגע דורות, און נישט האבן קיין הוה אמינא צו טראכטן, אז מיר פארשטייען צו זיי אדער אז מיר קענען זיך פארגלייכן צו זיי. אזוי אויך פלעגט ער כסדר ארויסברענגען דעם ריזיגן 'מרחק' צווישן אונזער דור ביז צו די פריערדיגע דורות, אז זיי זענען געווען 'ראשונים כמלאכים', און מיר זענען גארנישט קעגן זיי.

## די בענקשאפט צו זיין א איד און זוכה זיין צו קרבת ה'

ה. "**מתי אבוא ואראה פני אלקים**". דער גאנצער נוסח פון אלע תורות און דרשות פלעגט גיין מיט א געוואלדיגע בענקשאפט און 'השתוקקות', ער פלעגט זאגן אזעלכע אויסדרוקן ווי "**ווען וועט מען שוין זוכה זיין צו טון 'עפעס' פארן אויבערשטן**", "**ווען וועט מען שוין זוכה זיין צו מאכן עפעס אן אמת'ע תנועה**", "**ווען וועט מען שוין זוכה זיין צו זאגן אמת'ע דיבורים פארן אויבערשטן**"(קלה). און דורך די

**קלד.** לשון קדשו בספה"ק ויואל משה (מאמר שלש שבועות סי' קמ"ז): "כן הוא בכל החטאים הנזכרים בתורה הקדושה ובדברי חז"ל על הקדמונים הקדושים בתכלית הקדושה".

**קלה.** עס האט דערציילט א איד: אין די ערשטע יארן דא אין אמעריקע איז אמאל

אלע סארט כסדר'דיגע קרעכצן און בענקען, האט ער אריינגעברענגט א געפיל ביים ציבור, אז 'מען האט נאכנישט אנגעפאנגען[קלו] עפעס צו טון'! 'מען האלט נאך פאר די התחלה'! וואס דער געפיל וואס א איד שפירט, אז ער האט נאכנישט אנגעפאנגען עפעס צו טון - אט דאס איז 'שפיץ חסידות'! אט אויף דעם האבן חסידים געהארעוועט א גאנץ לעבן - אנצוקומען צו דעם הייליגן הרגשה.

**"ווען וועט מען שוין זוכה זיין צו טון 'עפעס' פארן אויבערשטן", "ווען וועט מען שוין זוכה זיין צו מאכן עפעס אן אמת'ע תנועה", "ווען וועט מען שוין זוכה זיין צו זאגן אמת'ע דיבורים פארן אויבערשטן"**

## זיך נישט געלאזט נארן אז מען האלט ביי העכערס

ו. **"דובר שקרים לא יכון"**. דער רבי האט אָן א שיעור מאל גע'חזר'ט מיט אונז, דעם געוואלדיגן 'שפלות הדור', ווי ווייט מיר זענען פון יעדע מדרגה אין עבודת ה', ווי ווייט מיר האלטן פון 'תורה לשמה' - אז ניטאמאל ווייסן מיר וואס דאס מיינט, ווי ווייט מיר זענען פונעם דרך הבעל שם טוב - אז ניטאמאל ווייסט מען וואס דאס איז געווען, ווי ווייט מיר האלטן פון די ריכטיגע 'אהבה ויראה' וואס די ספרים רעדן דערוועגן, וכדומה. און **זיין ציל דערמיט איז נישט געווען חלילה אוועקצומאכן און אראפקלאפן**

---

אויסגעפאלן שמחת תורה ערב שבת, איז ער געווען פרייטאג צונאכט ביים טיש פונעם רבי'ן זכרונו לברכה. עס איז געווען דעמאלט זייער א קליינער עולם ביים טיש, און דער רבי האט געזאגט תורה. אינמיטן האט דער רבי זיך געגעבן א צוקרעכץ: **"ווען וועט מען שוין זוכה זיין צו זאגן איין אמת'דיג ווארט פארן אויבערשטן? ווען וועט מען שוין זוכה זיין צו א 'נקודה של אמת'?"**. דאס איז געווען נאך די געוואלדיגע עבודה פון די דריי טעג ברציפות הושענא רבה, שמיני עצרת און שמחת תורה - וואס מיר האבן גארנישט קיין השגה וואס דער רבי האט אלץ פאראַרבעט אין די דריי טעג, און מיט דעם אלעמען, איז באלד נאך יום טוב שוין געווען א קרעכץ! אט דאס איז דער 'שפיץ חסידות' וואס דער רבי האט אונז כסדר געלערנט, וואס עס איז ממש נישט משיג צו זיין, וויאזוי א מענטש קען האלטן ביי אזא שפלות און ענוה.

**קלו.** דער רבי האט אמאל געטייטשט (שבועות תשס"ו בירושלים): **"עולת תמיד"** - וויאזוי קען א איד שטענדיג ברענגען א קרבן עולה?! **"העשויה בהר סיני"** - ער זאל זיך האלטן נידריג ביי זיך ווי דער בארג סיני. זעה דעם לשון פון רבי'ן אין דברי יואל (פ' בא עמוד רפ"א): **"אין זה מדרך החסידים להיות בטוחים בנפשם שכבר הגיעו לשלימות המידות, וכו', ולבם נשבר בקרבם על שלא יצאו עדיין ידי חובתם לפי ערך השגתם"**.

**דאס ביסל עבודת ה' וואס מיר קענען יא צושטעלן, נאר ער האט דערמיט געוואלט אריינברענגען אין אונז דעם ריינעם אמת,** צו וויסן וואו מען האלט, אז מען זאל זיך נישט נאַרן און איינרעדן אז מען האלט שוין ביי הויכע מדרגות, נאר מען זאל לעבן מיט די אמת'ע מדרגה וואו מען האלט.

## נישט געוואלט בויען די ישיבה אויף 'קנאה ותחרות' – צו הייבן די גוטע בעלי כשרון

ז. **"לא הלכתי בגדולות".** דער רבי האט זייער שטארק שולל געווען דעם מהלך - וועלכע אסאך ישיבות האבן געהאט איינגעפירט - ארויסצוהייבן און אויסצורימען די 'מוצלחים' אין עבודת ה', אדער די 'מצויינים' אין תורה, ארויסגעבן 'קובצים' און 'ירחונים' מיט חידושים פון די 'גוטע קעפ', באשרייבן די דערגרייכונגען פון דער ישיבה, וכדומה. דעם רבי'נס דרך איז געווען בשיטה פונקט פארקערט[קלז], דער רבי האט דירעקט נישט געלאזט מאכן קיין שום 'מצב' און 'עסק' פון אונזערע 'דערגרייכונגען' אין עבודת ה'! ער האט נישט געלאזט אויסרימען ברבים די 'בעלי כשרון' אין 'לימוד התורה' - פון זיין ישיבה! ווייל **ער האט נישט געוואלט אריינברענגען א גייסט פון 'ישות' צווישן די תלמידים. ער האט געוואלט אז תורה און אידישקייט זאל בלייבן א ריינע זאך - אזיווי עס איז אלעמאל געווען ביי חסיד'ישע אידן - אז אונזער שטאלץ און שמחה זאל זיין געבויעט אויפן 'מתנת חנם' פון אונזער 'עצם קדושת ישראל' און 'עצם קדושת המצוות'.** אבער מיר אליינס זענען 'גארנישט' און האבן נישט מיט וואס זיך צו גרויסן. און מיט דעם האט דער רבי אריינגעברענגט אין זיינע מענטשן, דעם ריכטיגן חסיד'ישן צוגאנג און געפיל - וואס פארצייטישע חסיד'ישע אידן פלעגן שפירן ביי זיך.

> **זיין ציל דערמיט איז נישט געווען חלילה אוועקצומאכן און אראפקלאפן דאס ביסל עבודת ה' וואס מיר קענען יא צושטעלן, נאר ער האט דערמיט געוואלט אריינברענגען אין אונז דעם ריינעם אמת**

**קלז.** עס האט דערציילט הרה"ג ר' משה יאזעפאוויטש ז"ל, אז ער האט אמאל פארגעשלאגן פאר'ן רבי'ן, צו גרינדן אין ישיבה א 'חברה חריפות' - אויפן שטייגער ווי עס איז געווען איינגעפירט אין די אונגארישע ישיבות - אז די לומד'ישע בחורים 'בעלי כשרון' פלעגן איינמאל א וואך זיך צוזאמקומען, און איינער פון די בחורים האט געזאגט א פשעטל מיט חריפות, און דאס האט אויפגעהויבן די גוטע בחורים און אריינגעברענגט א רייץ פון תורה און חריפות צווישן די בעלי כשרון. אבער דער רבי האט בשום אופן נישט

## געגעבן א שטארקן חשיבות און עהרע פארן פשוט'ן בעל הבית וועלכער פירט זיך ערליך

ח. **"יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך"**. עס איז באקאנט, אז אנדערש ווי אסאך אנדערע, וועלכע האבן מזלזל געווען אין בעלי בתים, און בעיקר מחשיב געווען בלויז די 'תלמידי חכמים' - האט דער רבי ז"ל אויך גאר שטארק מחשיב געווען ערליכע 'בעלי בתים'. און דאס איז אויך געווען א חלק פונעם רבי'נס מהלך פון 'שפלות רוח', און **מהאי טעמא פארוואס דער בעש"ט הק' בדורו, האט געגליכן די פשוט'ע דארפסלייט - מהאי טעמא האט דער רבי בדורו אויך געגליכן די ערליכע בעלי בתים.** ווייל ביי די פשוט'ע אידן איז צומאל פארהאן שטארקער דער געפיל פון 'ביטול' און 'אפסיות', און מצד דער בחינה - זענען זיי גאר נאנט צום אויבערשטן(קלח).

---

מסכים געווען זאגנדיג בהאי לישנא: **"די תורה לערנען איז נישט קיין מיטל אויפצוהייבן א בחור – א בעסערער 'בעל כשרון' איבער א צווייטן"**. נאכמער, אינעם רבי'נס ישיבה אין קראלי האבן די בחורים אליינס געגרינדעט אזא סארט חבורה, און דער רבי האט דאס מבטל געווען. ביי אן אנדערע געלעגנהייט ווען עס האט זיך נאכאמאל געשאפן צווישן די בחורים אן אויפוואכונג צו מאכן אזא חבורה, האט דער רבי געזאגט פאר ר' נתן יוסף ז"ל: **"אויב ס'זאל קומען דערצו – ענדערש שפַאר איך אפ די ישיבה! איך קאָן נישט סובל זיין קיין שקר!"**. אזוי אויך פלעגט זיין 'מרגלא בפומיה', אז עס איז נישט אונזער דאגה אויפצושטעלן 'גדולי ישראל' פארן דור, נאר דאס איז שוין מובטח פונעם בורא כל עולמים 'כי לא תשכח מפי זרעו', און דער אויבערשטער זארגט שוין פאר דעם, אז אין יעדן דור זאלן זיין 'מורי הוראה'. מיר דארפן זיך נאר זארגן אויפצושטעלן ערליכע 'בעלי בתים' וועלכע זאלן זיך וויסן וויאזוי אויפצופירן ווי א איד.

> **"אויב ס'זאל קומען דערצו – ענדערש שפַאר איך אפ די ישיבה! איך קאָן נישט סובל זיין קיין שקר!".**

**קלח.** אין דער באקאנטער תורה פון פורים תש"כ - וועלכע איז ממש א שטיק פייער - זאגט דארט דער רבי בתוך הדברים: **"וואויל און לעכטיג איז א איד וואס איז 'פאר זיך', ער גייט ארבעטן און קומט אין בית המדרש, און וויל טון דעם רצון הבורא ב"ה. ער קומט דאווענען און ער וויל קובע עתים לתורה זיין, און ער וויל געבן צדקה און וויל מחזיק זיין די תורה הקדושה, זייער גוט, דאס איז די בעסטע"**. אגב, איז אינטערסאנט צו באמערקען דעם לשון, וויפיל מאל דער רבי זאגט איבער דאסווארט 'וויל': ער 'וויל' טון דעם רצון הבורא, 'וויל' קובע עתים זיין, 'וויל' געבן צדקה, 'וויל' מחזיק זיין די תורה. דאס איז די סוגיא פון 'רצון' - וועלכע פאדערט אן אריכות פאר זיך - וואס מען זעט גאר אסאך אין

## די 'הכנעה' וואס דער רבי האט אריינגעפרעגלט – האט א השפעה עד היום הזה

היינט צוטאג שטייענדיג אזויפיל יארן נאכן רבי'נס פטירה - איז גאר שטארק בולט און ניכר די אויסטערלישע הצלחה וואס דער רבי האט מצליח געווען 'עד היום הזה', אריינצובערענגען די נקודה פון 'שפלות' - גאר טיף אין הארצן, אין יעדן פון זיינע תלמידים און 'הולכים בדרכיו' וועלכע לערנען זיינע תורות. מען זעט קלאר ווי דעם רבי'נס מענטשן דרייען זיך אלעמאל ארום מיט א געפיל פון 'השתוקקות': ווען וועט מען שוין זוכה זיין צו האבן אן אמת'ע שייכות מיט עבודת ה'? אלעמאל האבן זיי אזא שפלות'דיגע הרגשה, אז זיי האלטן נאך ממש ביי די התחלה! און כאטש **עס זענען פארהאן צווישן זיי טויזנטער און טויזנטער חסיד'ישע יונגעלייט וועלכע הארעווען על התורה ועל העבודה - צווישן זיי 'תלמידי חכמים מופלגים', 'מרביצי תורה', 'מחברי ספרים' און 'מורי הוראה' - דרייען זיי זיך ארום מיט א געוואלדיגער 'שפלות רוח' און מיט א הרגשה אז מען האלט נאכנישט אין ערגעץ.** און דערפאר האבן זיי א 'ביטול' צו יעדן ערליכן איד און צו יעדער וואס איז 'עפעס מער פון אים', און זיי זוכן אלעמאל מקבל צו זיין פון יעדן ערליכן איד. דאס איז אלעס 'כוחו של אותו זקן' וואס זיין השפעה - וואס ער האט אריינגעלייגט די 'יסודות' פון חסידות און עבודת ה' אין זיינע תלמידים - דאס גייט ווייטער אריבער דורך די הייליגע תורות.

> **מהאי טעמא פארוואס דער בעש"ט הק' בדורו, האט געגליכן די פשוט'ע דארפסלייט – מהאי טעמא האט דער רבי בדורו אויך געגליכן די ערליכע בעלי בתים.**

## דער עלטערער דור איז 'בטל ומבוטל' און עס פאלט זיי נישט איין צו שפירן גרעסער פון אנדערע

אזוי אויך, איז דא היינט צווישן דעם רבי'נס מענטשן גאר אסאך עלטערע אידן

---

די תורות און לשונות פונעם רבי'ן, איבער דעם חשיבות פון די גוטע רצונות וואס א מענטש האט צו תורה ומצוות. און בשייכות צום איצטיגן שמועס - אין איין ווארט: ביי דעם ענין פון 'רצון' איז נישט שייך קיין 'ישות', ווייל קיינער שפירט נישט ביי זיך, אז ווייל ער 'וויל' איז ער 'חשוב', נאר אדרבה, ווייל ער וויל אזויפיל, און ער איז אזוי ווייט פון אויסצופירן זיינע רצונות - ברענגט דאס אים אריין א צובראכנקייט.

פונעם פריערדיגן דור - צווישן זיי[קלט] אויסגערופענע עובדי ה' מיט פארצייטישע השגות, דורכגעווייקטע אידן מיטן גאנצן קאך און ברען, 'מדקדקים במצוות', און די גאנצע גשמיות'דיגע וועלט האט בכלל נישט גערעדט צו זיי - וואס אין אן אנדערן פלאץ וואלטן זיי געווען באשריבן און באזינגען אלס די 'שיינע אידן' פון אונזער חסידות, און זיי וואלטן געווען מיט א קאפ העכער פון סתם אינגעלייט - און דא זענען זיי 'כאחד האדם'... עס פאלט זיי נישט איין צו טראכטן אז זיי זענען עפעס מער פון א צווייטן, זיי שמועסן מיט יעדן אינגערמאן ווי מיט א חבר, און זענען א חלק פונעם גאנצן ציבור. **מען דארף עומד זיין דערויף און מחשיב זיין[קמ] דעם געוואלדיגן 'עשירות' וואס דער רבי האט אין אונז אריינגעלייגט אזא מין צובראכנקייט און פשוט'קייט - וועלכע איז דער 'יסוד היסודות' פון גאנץ חסידות.**

**דעם געוואלדיגן 'עשירות' וואס דער רבי האט אין אונז אריינגעלייגט אזא מין צובראכנקייט און פשוט'קייט - וועלכע איז דער 'יסוד היסודות' פון גאנץ חסידות.**

✦

## דער 'צמאון' צו הערן יעדן משפיע קומט פון א 'מעלה' - נישט פון א 'חסרון'

דער מציאות היינט אין דער וועלט איז, אז וואו עס איז נאר פארהאן איינער וואס רעדט אביסל אידישקייט און עבודת ה' - זעט מען דארט אלעמאל דעם רבי'נס

---

**קלט.** בשעת'ן לערנען דא אין ישיבה, איז אויסגעקומען אסאך מאל צו האבן א התבוננות - כאפנדיג א בליק אויפן מזרח וואנט אויף די 'מגידי שיעור', וואו מען האט געזען א רייע פון פארצייטישע עובדי ה' און 'תלמידי חכמים מופלגים', יעדער איינער פאר זיך איז געווען א 'קומה שלימה' מיט אייגנארטיגע שטריכן פון געהויבנקייט און 'חסידות ופרישות' - ווי לדוגמא: הגה"צ ר' יונה פילאפף זצ"ל, הגה"צ ר' מרדכי דוד קאהן זצ"ל, הגה"צ ר' אהרן קאהן זצ"ל, הגה"צ ר' זעליג שפילמאן זצ"ל, ועוד החיים אתנו שליט"א - און מיט דעם אלעמען, האט קיינער פון זיי נישט געמאכט קיין שום אייגענע 'מצב' ארום זיך, זיי האבן ממש נישט פארנומען קיין פלאץ. זיי אלע פלעגן רעדן מיט יעדן בחור מיט אזא געוואלדיגע באשיידנקייט, אָן קיין טראפ ישות, נאר ממש כאילו זיי זענען אחד מבני החבורה.

**קמ.** זעה א מורא'דיג לשון אין ספה"ק היכל הברכה (ויצא קפא): "כי הבית העתיד לא יבנה על ידי תורה ומצות, אלא 'מלבבות נשברות' שהם כלא בעיני עצמן, 'אין' ממש, זה הצדיק הוא 'אין' ממש, והוא נעשה בית אלקים ובונה הבית". אויך זעה דעם לשון פון רבי'ן

מענטשן. און אסאך מענטשן באטראכטן דאס ווי א 'שוואכקייט'. אבער מיט אביסל התבוננות פארשטייט מען, אז עס איז פונקט פארקערט! **דייקא דער 'צמאון' - ווייזט אויף דעם גרעסטן רייכקייט וואס איז דא ביי אונז!** ווייל די אמת'ע סיבה פארוואס מען זוכט אלעמאל צו הערן - קומט פשוט פון דער 'מדת ההכנעה' און 'שפלות רוח' וואס דער רבי האט איינגעווארצלט אין אונז! עס שטאמט פון דער הרגשה אז מען האט נאכנישט אנגעפאנגען צו טון עפעס אין עבודת ה'! **ביי אונז דרייט מען זיך כסדר ארום מיט א געוואלדיגן 'ביקוש' צו זוכן עבודת ה'! מען שפירט קיינמאל נישט 'אנגעקומען'** - אז מען זאל שוין נישט זוכן צו הערן! מען שפירט קיינמאל נישט 'מסודר' - אז איך בין שוין גענוג אויסגעבויעט אין עבודת ה'! וויפיל מען ווייסט און מען לערנט - האט מען אלעמאל די הרגשה אז מען האלט נאכנישט אין ערגעץ נישט, און מען וויל אלעמאל 'זוכה' זיין צו זיין אן ערליכער איד!

**דייקא דער 'צמאון' – ווייזט אויף דעם גרעסטן רייכקייט די אמת'ע סיבה פארוואס מען זוכט אלעמאל צו הערן – קומט פשוט פון דער 'מדת ההכנעה' און 'שפלות רוח' וואס דער רבי האט איינגעווארצלט**

**דרייט מען זיך כסדר ארום מיט א געוואלדיגן 'ביקוש' צו זוכן עבודת ה'! מען שפירט קיינמאל נישט 'אנגעקומען'**

## דער רבי האט אונז מוריש געווען 'עשירות' – וואס אמאל האט מען געהארעוועט א גאנץ לעבן צו צוקומען דערצו

**קומט אויס:** דער 'צובראכנקייט' און 'ביקוש', דאס איז אונזער גרעסטע 'עשירות'! דאס איז אונזער טייערסטע נקודה אין עבודת ה'! ביי פריערדיגע חסידים אין אלע דורות - האט מען געהארעוועט א גאנץ לעבן אנצוקומען צו שפירן אט דער הרגשה פון ביטול און שפלות(קמא)! און ברוך ה' אז דא האט מען זוכה געווען צום 'כח הצדיק'

אין ספה"ק דברי יואל (יתרו עמוד י"ג) **"השתוקקות של צדיקים אמיתיים ועובדי השי"ת באמת היות לבם נשבר בקרבם ולהתבטל בפני כל אחד ואחד מישראל"**.

**קמא. בעומק הדברים:** אט די דאזיגע 'צובראכנקייט' און 'פארלוירנקייט' - איז דער שפיץ און תכלית פון גאנץ עבודת ה'! ווייל ווילאנג דער מענטש שפירט נאך ביי זיך, אז ער קען זיך אליינס מסדר זיין זיינע זאכן ברוחניות ובגשמיות, און אפילו אויב ער גייט דורך שוועריקייטן - שפירט ער, אז ער קען זיך אליינס אן עצה געבן - איז ער זייער ווייט פונעם רבונו של עולם, ווייל ער איז דאך באפעסטיגט מיט 'זיך'! ער פארלאזט זיך אויף זיין אייגענעם כח און מציאות! אבער **אין דער רגע וואס דער מענטש קומט אָן צו אן אמת'ע 'ביטול', ער אנערקענט אז א מענטש קען באמת 'גארנישט' טון אליינס,**

פונעם רבי'ן ז"ל, וואס ער האט דאס איינגעפלאנצט - און פלאנצט עס נאכאלץ איין, מיט זיינע הייליגע ספרים - אין יעדנ'ס הארץ, אז מען זאלן דאס שפירן נאטורליך, און קיינמאל זיך נישט 'פילן גוט' און 'אנגעקומען', נאר אלעמאל זוכן און זוכן.

**ביי פריערדיגע חסידים אין אלע דורות - האט מען געהארעוועט א גאנץ לעבן אנצוקומען צו שפירן אט דער הרגשה פון ביטול און שפלות! און ברוך ה' אז דא האט מען זוכה געווען צום 'כח הצדיק' פונעם רבי'ן ז"ל,**

---

**ואין לנו להישען 'אלא' על אבינו שבשמים, און ער פארלאזט זיך אינגאנצן בלויז אויפן אויבערשטן - דעמאלט איז ער אנגעקומען צום ריכטיגן פלאץ ווי א איד דארף אנקומען** אויף דער וועלט.

וויבאלד דער תכלית הנרצה פון יעדן איד, איז אנצוקומען צו אט דעם 'פארלוירנקייט', כדי אז פון דארט זאל ער זיך אפלאזן פונעם 'זיך' און זיך אינגאנצן אנלאנען בלויז אויפן אויבערשטן - דערפאר וועט דער אויבערשטער ברוב רחמיו וחסדיו אזוי פירן דאס לעבן פון א מענטש, אז ער זאל מוזן דורכגיין פארשידענע אומאנגענעמע אומשטענדן און מצבים, כדי ער זאל אנקומען צו אט דעם 'ביטול' און אנערקענונג אז ער קען נישט אליינס, און פון דארט זאל ער זיך אינגאנצן בוטח זיין בה' - וואס דאס איז די ריכטיגע און זיסטע פלאץ פאר איד צו שטיין.

היינטיגע צייטן זענען מיר עדות צו א תקופה וואס די גאנצע וועלט שאקלט זיך און איז אומסטאביל. ווייל מיר האלטן שוין ביי דער לעצטער תקופה פונעם 'סיום הגלות', און דער רבוש"ע גרייט שוין צו די גאנצע בריאה צו דער גאולה, וואס דעמאלט וועט זיין 'ומלאה הארץ דעה' - אלע נבראים וועלן אנערקענען אז 'לך תכרע כל ברך תשבע כל לשון', און עס וועט זיין 'וידע כל פעול כי אתה פעלתו ויבין כל יציר כי אתה יצרתו'. און דערפאר, אלס הכנה צו צוקומען צו אט דער 'הכרה' - גייט יעצט די גאנצע וועלט אריבער אומאנגענעמע מצבים און זמנים - סיי בכלליות אין די מדינות ארום די וועלט, און סיי בפרטיות - יעדער איינער מיט זיינע שוועריקייטן. און אלעס האט בלויז 'איין' תכלית, אז דער מענטש זאל אנערקענען אז ער קען זיך נישט אליינס העלפן, און נאר דער רבוש"ע וועט ברענגען די ישועה, וואס אט די הכרה דאס איז דער 'אור הגאולה'; ווי דער פסוק אין שירת האזינו זאגט אויף אונזער זמן: **"כי יראה כי אזלת יד ואפס עצור ועזוב וכו' ראו עתה כי אני אני הוא ואין אלקים עמדי"**. און אט דאס האט דער רבי צוגעגרייט ביי אונז, דורכדעם וואס ער האט געלערנט און גע'חזר'ט נאכאנאנד, אז א איד דארף וויסן און געדענקען, אז מיר האבן בלויז איין וועג און עצה געהאלפן צו ווערן, 'נאר' מיט סייעתא דשמיא און מיט א ישועה מן השמים.

## דער סגנון פונעם רבי'ן בנוגע שפלות – איז ממש דער שפראך פון אלע תלמידי ר"ר אלימלך זי"ע

**לסיום הדברים:** מען האט שוין פריער געדערט באריכות, אז די יסודות פונעם רבי'ן זענען זייער שטארק געבויעט אויפן רבי'ן ר' אלימלך'ס חדר - ביז צו צאנזער רב. און כלפי דעם ענין פון 'שפלות' איז דאס אויך גאר שטארק נוגע. ווייל כאטש וואס יעדע חסיד'יש ספר רעדט אסאך פון 'שפלות' - איז דאס אבער פי כמהביים רבי'ן ר' אלימלך(קמב) און זיינע תלמידים. און אז מען לערנט אביסל די ספרים הקדושים פון די תלמידי רבי ר' אלימלך, קען מען דערקענען דעם 'צד השוה', ווי דאס איז נמשך געווארן ביים רבי'ן דורך צאנז(קמג), סיגוט(קמד), און ווייטער ארויף:

**קמב. דוגמא אחת מני רבות:** זעה אין ספה"ק נועם אלימלך פר' קרח וז"ל: "דרך הצדיק העובד ד' בקביעות נדמה אליו תמיד **שעדיין לא התחיל כלל לכנוס בעבודת הבורא ודומה לו שאינו עומד אלא על שער העבודה** וזהו שאמר אוהב ד' שערי ציון שאוהב השם הטוב אותם הצדיקים המצויינים בהלכה והם בעיניהם כעומדים על השער עדיין מכל משכנות יעקב פירוש מאותם הנקראים בשם יעקב והם סוברים שכבר עשו בעבודתם בנין קבוע כמשכן הקבוע". אזוי אויך שרייבט דער הייליגער קאמארנער אין זיין ספר 'בן ביתי' (תהלים קיט נז) וז"ל: "וכן שמעתי **שרבינו אלקי רבינו אלימלך זלה"ה היה גם כן מחזיק עצמו כל ימיו שלא עשה שום רצון קונו, אלא 'שרצונו' היה כל ימיו לעשות רצון קונו**".

**קמג.** דער רבי זאגט איבער פונעם הייליגן דברי חיים גאר א שטארקע לשון איבער דעם יסוד פון 'שפלות' און 'אמת' (שלש סעודות תבוא תשכ"ב): "דער הייליגער דברי חיים זאגט דא אין די סדרות כי תצא כי תבא, זאגט ער אזוי, א פלא זאגט ער, 'תשובה שלימה' - דאס וועט מען הערשט טון נאך ביאת המשיח! נאר אזויפיל ברויך מען האבן פאר ביאת המשיח **"מ'זאל וויסן וואו מ'האלט! אז מ'זאל וויסן וואו מ'האלט! מ'זאל כאטש וויסן! דאס זאגט ער ברויך מען האבן, דעס ברויך צו זיין פאר ביאת המשיח"**.

**קמד. עטליכע דוגמאות:** דער ייטב לב האט אמאל געזאגט פאר זיינס א תלמיד בזה הלשון: "ווי דו קוקסט מיך אָן, הייס איך היינט אין דער וועלט א 'רבי' און א 'בעל מופת', און מען האט מורא פאר מיר. איך פיר אויס זייער אסאך אין דער וועלט. אין דער אמת בין איך א 'גארנישט'! אבער טאקע 'גארנישט'! נאר מיט דעם גארנישט - פיר איך אלעס אויס, ווייל איך ווייס אז איך בין גארנישט, איך בייג מיר אראפ פאר יעדן איינעם".

דער רבי האט דערציילט, אז זיין טאטע דער הייליגער קדושת יום טוב האט **יעדן איינציגסטן טאג מתפלל געווען אז 'ער זאל וויסן וואו ער האלט'**. און אפילו דעם לעצטן טאג פון זיין לעבן, האט ער אויך מתפלל געווען אויף דעם. (שבחי מהר"י ט"ב אות ד' מרשימות הרה"ח ר' ישי בוכינגער מה ששמע מפה קדשו). און אזוי האט אויך דערציילט הרה"ג ר' משה ווייס זצ"ל בעמח"ס ברית עולם - וואס ער איז געווען אנוועזנד בשעת'ן פטירה פון מרן

ראפשיץ(קמה) און לובלין(קמו). און כאטש וואס אודאי קענען מיר נישט מדמה זיין אונזער 'דור שפל' צו דעם 'דור דעה'

**וואס ביי חסידים האט מען זיך שטארק געקאכט אין דעם 'עצם קדושה' וואס א שבת אדער יום טוב האט. און אט דער 'שמחה' און 'סיפוק' – איז א 'ריינע' סיפוק, דאס איז נישט געבויעט אויף קיין שום אייגענע 'הצלחות' וואס מען האט 'באוויזן' עפעס א דערגרייכונג; אדער אהערשטעלן א דערהויבענע עבודה, וכדומה**

---

הקדושת יו"ט - אז זיינע לעצטע ווערטער זענען געווען: **"מען זאל וויסן אז מען איז גארנישט"**. אויך האט דער רבי ז"ל געזאגט אמאל צום 'ברך משה' בזה"ל: "ווען דו וואלסט געקענט דעם טאטן, וואלסטו געזען אז ווי גרעסער מען איז - אלץ מער 'גארנישט' איז מען ביי זיך". אויך זעה אין ספר 'זכרון יקותיאל יהודה' (עמוד ע') וז"ל: "שמעתי מאמ"ו (ר' ישעי' הכהן גראס זצ"ל) בשם מרן הקדושת יו"ט, שאחד אמר לפניו שצריך להיות שפל רוח, שכן כתבו כל הספרים הקדושים, ואמר לו מרן זצ"ל, ואם היה כתוב בספרים שמותר להתגאות הכי יש בידינו במה להתגאות, הלא אין בנו שום מעלה ומדה נכונה ושום דבר טוב, עד כאן דברי קדשו מלהבות אש יורדים חדרי בטן".

**קמה.** **לדוגמא**: זעה אין זרע קודש פרשת שלח וזל"ק: "דמצינו **מעלת מדת הכנעה וענווה הוא העולה במעלה על כל המעלות והמדות**, שמשה רבינו ע"ה שהיה מבחר מין האנושי, נשתבח במדת הענווה, וכו', המעט הוא אם רב, שאף כשהוא רב, מחזיק עצמו הרב למעט, בחינת כי אתם המעט (דברים ז, ז) כי [אתם] ממעטים עצמיכם, וזהו בעצמו גורם לו שהוא רב, על דרך (זוה"ק קכב ע"ב) מאן דאיהו רב איהו זעיר ומאן דאיהו זעיר איהו רב. וזהו שאמר היש בה עץ ופירש רש"י אדם כשר וכו' אם אין, פירוש שתראו ותבינו אם **האדם כשר הזה מחזיק עצמו כאין**, וכו', **דרך הצדיקים שהם קטנים ושפלים מאד בעיני עצמם**".

**קמו.** דער הייליגער **ישמח משה** ברענגט פונעם **רבי'ן פון לובלין** וז"ל (פרשת וישלח): "שמעתי **ממורי הצדיק וקדוש מלובלין**, במאמר רבי יוסף (סוטה מ"ט ב) "לא תתני ענוה דאיכא אנא", דלכאורה אם החשיב עצמו לעניו אין לך גאות גדולה מזו והבן, יובן על פי מה שפירש הפסוק (תהלים כב, כה) כי לא בזה ולא שיקץ ענות עני, דר"ל אפילו **מי שהוא באמת עני בדעת, 'אם יודע ומכיר חסרונו' ועל ידי זה מקטין עצמו, גם זה חשוב בעיניו ית' ויש לו תואר עניו.** וז"ש כי לא בזה וגו' אך ענות, ר"ל השפלות של העני אף אם הוא באמת עני בדעת כנ"ל". אזוי אויך ווערט געברענגט א מורא'דיג ווארט אין 'רמתים צופים' (פרק ה אות ס) וז"ל: "וכמו ששמעתי מכ"ק הרב אדמו"ר ז"ל [הרבי ר' בונם מפשיסחא זי"ע] שסיפר פעם אחת בשם **הרבי מלובלין** נשמתו בגנזי מרומים **שהוא אוהב יותר הרשע שהוא 'יודע' שהוא רשע מהצדיק שיודע שהוא צדיק**, ושאל את הרבי הנ"ל והשיב לו הטעם כי **הרשע שיודע שהוא רשע הוא 'דבוק באמת' והקב"ה הוא אמת** ונקרא אמת אבל הצדיק שיודע שהוא צדיק ובודאי אינו כן כי אין צדיק בארץ' וגו' (קהלת ז, כ). ובזה פירש כי לא בזה ולא שקץ ענות עני' (תהלים כב, כה) אפילו כשהוא באמת עני ואין עני

פון די שרפי מעלה - די תלמידי רבי ר' אלימלך, און אודאי האבן מיר נישט קיין השגה אין זייערע מדרגות, אבער דאך זעט מען פון די ספרים וואס זיי האבן אונז איבערגעלאזט, אז מען חזר'ט איבער כסדר דעם יסוד, אז מען זאל וויסן וואו מען האלט באמת, און נישט גיין העכער פון די מדרגה וואו מען האלט(קמז), און אז 'מען איז גארנישט', וואס דאס איז ממש דער 'יסוד החסידות'(קמח).

אלא בדעת כנ"ל (נדרים מא) לפי שהוא דבוק באמת, ואמת הקב"ה אוהב אבל הצדיק שיודע שהוא צדיק וכו' ומכל שכן זה שהוא מרגיש שהוא צדיק בודאי אינו צדיק. אויך זעה אין ספה"ק 'היכל הברכה' (פר' תשא): "שהזהיר אותנו **רבינו הקדוש מלובלין להשפיל את עצמו**, ולעשות תשובה קודם כל תורה ותפלה".

**קמז.** און בעומק איז דאס מקושר צום גאנצן אריכות וואס מען אויבן גערעדט, אז די אלע אויסגערעכנטע צדיקים האבן דירעקט אסאך עוסק געווען אינעם ענין פון די ריינקייט פונעם גאנצן עבודת ה', אז עס זאל זיין ריין פון שקר און דמיון.

**ביתר עמקות והרחבה:**

**קמח.** די סיבה פארוואס 'ביטול' און 'ענוה' איז ממש דער 'יסוד החסידות': עס איז נישטא נאך א מדה וועלכע האלט צוריק 'דבקות' און 'קרבת השם' - ווי דער מדה פון 'ישות', וואס דער מענטש האלט זיך פאר א זעלבסטשטענדיגע מציאות. ווייל מיט דעם וואס דער מענטש שפירט זיך ווי א זעלבסטשטענדיגע עקזיסטענץ, אדער **אויב ער האלט אז ער איז שוין 'אנגעקומען' אין עבודת ה' - איז ער זיך מפריד פון זיין אמת'ן שורש, וועלכע איז ממש דאס פארקערטע פון 'דבקות'! מיט דעם 'ישות' טיילט ער זיך אפ פונעם אויבערשטן!** און דערפאר, וויבאלד דער בעש"ט ותלמידיו הק' האבן אוועקגעשטעלט גאר שטארק, אז דער גאנצער תכלית און ציל פון עבודת ה' איז, אז א איד זאל ווערן נאנט צום אויבערשטן און אנקומען צו אן אמת'ע 'דבקות' - דערפאר האט מען אויך אוועקגעשטעלט אלס 'יסוד היסודות', אז א מענטש מוז וויסן און שפירן דעם 'אמת', אז ער איז 'גארנישט' - סיי מצד זיין עצם עקזיסטענץ און סיי מצד זיינע אויפטוען אין עבודת ה'.

### מען האט געהאט א 'גאוה דקדושה' מיט די 'זכיה' צו זיין א איד

עס מיינט נישט צו זאגן, אז ביי חסידים איז מען געווען צוקלאפט ביי זיך און מען האט חלילה געהאלטן אז מען האט נישט קיין שום 'חשיבות' און מען איז ווערדלאז חס ושלום, ניין! אודאי האט יעדער חסיד'ישער איד געשפירט שטאלץ און געהויבן מיט זיין אידישקייט! נאר זיין ווערד האט זיך נישט גענומען 'מצד עצמו' אדער 'מצד מעלותיו' - נאר מצד ווייל דער אויבערשטער האט אים אויסגעוועלט און געגעבן א אידישע נשמה, א 'חלק אלוק ממעל'! און דערפאר, דער עיקר שפראך אין וואס מען האט זיך אלעמאל געקאכט, איז געווען איבער די קדושה פון 'נשמת ישראל' (וואס ווי באקאנט איז דער ענין פון מחשיב זיין דעם 'איד' אלס 'איד' - געווען פון די גרעסטע 'עיקרים' ביים בעש"ט הק'; ווי צדיקים האבן

געזאגט, אז צוליב דעם הייסט ער 'ישראל', ווייל ער איז געקומען אויפוועקן און אויפדעקן ווער דער 'ישראל' איז, און ווי גרויס און הייליג זיין נשמה איז. אויך ווערט געברענגט, אז לויט ווי דער זוהר הק' שטעלט צוזאם 'קודשא בריך הוא', 'אורייתא' און 'ישראל' - ווערט די התגלות דערפון צוטיילט אויף דריי זמנים: 'קוב"ה' - די אמונה אינעם אויבערשטן, איז נתגלה געווארן דורך משה רבינו ביי יציאת מצרים און מתן תורה. 'אורייתא' - די גרויסקייט פון תורה, איז נתגלה געווארן דורך רבי שמעון בר יוחאי, וועלכער האט מגלה געווען די 'קדושת' און 'פנימיות התורה'. 'ישראל' - די גרויסקייט פון דעם איד, איז נתגלה געווארן דורכן בעש"ט הק'. און דערפאר האט ער מקרב געווען יעדן איד - אפילו דעם פשוט'סטן און ווייטסטן איד. און אלע חסיד'ישע צדיקים האבן ממשיך געווען מיט דעם ענין, פון מגלה זיין דעם 'ישראל'). **דער געהויבענער 'שורש' פון א איד, דער 'נצחיות' פון א איד, און אזוי ווייטער. און דייקא פון דארט, פון דעם 'עצם איד' - האט מען געשעפט כח און 'גאוה דקדושה'. און אט דער שטאלץ - איז א 'ריינע' שטאלץ, וועלכע איז ריין פון 'ישות'!** ווייל דאס זיין אן 'עצם איד' - איז דאך א 'מתנת חנם' פונעם אויבערשטן, און דער מענטש אליינס האט דאך גארנישט געטון דערצו - אז ער זאל זיך קענען גרויסהאלטן דערמיט.

## מען האט געשעפט 'סיפוק' פון דער קדושה פון די מצוה אדער דער זמן קדוש

די זעלבע זאך איז אויך נוגע כלפי 'שמחה' און 'סיפוק'. ווייל כאטש וואס חסידים האבן אלעמאל געהאלטן, אז זיי האבן נאך גארנישט געטון אין עבודת ה' - מיינט דאס נישט צו זאגן, אז ביי חסידים איז מען געווען חלילה בעצבות און מרה שחורה פון דעם, נאר פונקט פארקערט, דוקא דאס האט זיי געמאכט נאכמער בשמחה! ווייל זיי האבן זיך נאכמער געפריידט מיט די 'זכיה' וואס זיי האבן 'זוכה' געווען צו טון רצון ה'! זיי האבן זיך גע'חידוש'ט אויפן וועלטס-חידוש, אז אזעלכע נידריגע מענטשן ווי זיי - קענען מקיים זיין תורה ומצוות! וויפיל זיי האבן טאקע געהאט 'שברון לב' נאך יעדן יום טוב, אז זיי האבן נישט ריכטיג מקיים געווען דעם רצון ה' - האבן זיי זיך אסאך מער געפריידט, אז זיי האבן געהאט די 'זכיה' נאכאמאל איבערצולעבן א שבת און יום טוב און מקיים זיין די מצוות פונעם בורא כל עולמים - וואס **ביי חסידים האט מען זיך שטארק געקאכט אין דעם 'עצם קדושה' וואס א שבת אדער יום טוב האט. און אט דער 'שמחה' און 'סיפוק' - איז א 'ריינע' סיפוק, וועלכע איז ריין פון 'ישות'! וויבאלד דאס איז נישט געבויעט אויף קיין שום אייגענע 'הצלחות' וואס מען האט 'באוויזן' עפעס א דערגרייכונג; ווי ענדיגן א מסכתא, אדער אהערשטעלן א דערהויבענע עבודה, וכדומה** - נאר דער סיפוק איז בלויז אבער די 'זכיה' און 'מתנת חנם', אז מען האט פשוט געקענט טון רצון ה'! און אין דער סארט שמחה און סיפוק - זענען אלע אידן גלייך! מען דארף נישט זיין קיין גרויסער 'חריף ובקי', קיין גרויסער 'עובד' אדער א גרויסער 'חסידא ופרישא' - נאר יעדער פשוט'ער איד קען זיך פרייען מיט אט דער שמחה, אז ער האט געהאט די זכיה צו טון רצון ה'.

## צומאל האבן די פשוט'ע אידן א גרעסערן 'ביטול' און 'שפלות' ווי די תלמידי חכמים

עס איז באקאנט, אז **דער בעש"ט האט זייער געגליכן די 'פשוטי עם'**, און ער

פלעגט דאווענען שחרית גאר פריה, כדי צו קענען דאווענען מיטן מנין פון די פשוט'ע דארפסלייט. און די סיבה דערצו איז געווען, ווייל די פשוט'ע אידן זענען ביי זיך 'גארנישט'! עס פאלט זיי נישט איין צו טראכטן, אז זיי האבן עפעס א ווערד 'מצד עצמם'! און דעריבער האט דער בעש"ט געוואלט דאווענען דייקא מיט זיי, ווייל דארט איז דא 'השראת השכינה' און דארט איז מסוגל צו 'דבקות'. **און פאר די זעלבע סיבה האט דער רבי מחבב געווען דעם ענין פון ערליכע בעלי בתים,** און דערפאר האט מען געזאגט ביי חסידים: צוויי סארט מענטשן זענען אין ארדענונג, די גאר 'פשוטי עם' - וואס זיי פאלט נישט איין צו האלטן אז זיי זענען עפעס, און פון צווייטן זייט, די גאר גרויסע 'בני עליה' - וואס צוליב זייערע גרויסע השגות אינעם 'גדלות הבורא', זענען זיי משיג ווי נידריג און נישטיג זיי זענען. אבער די אלע 'געווענליכע אידן', וועלכע זענען נישט קיין גרויסע 'בעלי השגה', אבער זענען אויך נישט גענוג פשוט און פראסט - זיי דארפן האבן אסאך 'רחמי שמים', זוכה צו זיין צו 'קרבת השם'....

# פרק י

ויספו ענוים בה' שמחה:

## דער יסוד החסידות פון 'שמחה' - וואס דער רבי האט אונז מחנך געווען דערצו

### 'שמחה' איז פון די יסודות החסידות לכולי עלמא

דער בעש"ט ותלמידיו הק' האבן אוועקגעשטעלט אלס 'יסוד גדול', אז עבודת ה' מוז צוגיין מיט א געוואלדיגע שמחה. נאכמער, נישט בלויז בשעת ווען מען איז עוסק און טון א מצוה - דארף מען זיין פריילעך, נאר אפילו סתם אזוי, ווען א איד איז עוסק אין עניני רשות, ער גייט אין גאס, ער ארבעט פאר פרנסה, וכדומה - דארף ער זיין אין א מצב פון שמחה. און דאס האט מען געפאדערט און גע'חזר'ט ביי אלע חסידים וועלכע זענען געגאנגען בדרך הבעש"ט ותלמידיו[קמט].

### די חילוקים איז געווען בלויז וויאזוי ארויסצוגעבן די שמחה אויף למעשה

אויף 'למעשה' - וויאזוי צו פראווען און ארויסגעבן די עבודה פון שמחה - איז געווען דערין פארשידענע מהלכים ביי צדיקים[קנ]: אין געוויסע מקומות - בפרט אין די רוסישע מקומות - פלעגט מען פראווען די שמחה אויף א באהאלטענעם און

---

**קמט.** ז"ל ספה"ק תולדות יעקב יוסף פר' משפטים: "כמו ששמעתי ממורי זלה"ה בשם הרמב"ן, ששאלו אחד איזה עבודת ה', והשיבו כל שיש בו תענוג ושמחה בצירוף המורא".

**קנ.** **הבהרה:** עס איז זעלבסט פארשטענדליך, אז מיר פארמעסטן זיך נישט חלילה צו זאגן מבינות אויף די פערזענליכע עבודה און מהלך פון די צדיקים זעלבסט, ווייל מיר האבן נישט קיין שום השגה אין זייער 'שיחת חולין'. די גאנצע נקודה איז בלויז נוגע כלפי דעם 'דרך' וואס זיי האבן ארויסגעגעבן פארן רבים און 'מדריך' געווען דערמיט זייערע תלמידים און חסידים.

פנימיות'דיגן אופן, און דער עיקר הנהגה פונדרויסן איז געווען מיט מער אן ערנסטע צוגאנג! ארום די דאזיגע צדיקים איז אלעמאל איז געווען א השראה פון א געוואלדיגע 'יראה' און 'כובד ראש', זיי זענען געזעסן שטיל מיט א יראה און פחד, און די גאנצע סביבה איז געווען איבערגענומען פון גאר אן ערנסטע אטמאספערע, און די עבודה פון שמחה האבן זיי בעיקר געפראוועט אינעווייניג אין הארץ, וואס דארט איז געווען 'עוז וחדוה במקומו'. און בלויז אין געוויסע ספעציעלע צייטן אין יאר - ווי פורים, שמחת תורה, חתונות וכדומה - האט מען עוסק געווען צו פראווען בפועל דעם ענין פון שמחה אויך בחיצוניות, מיט ריקודים וכדומה. און די דאזיגע הנהגה האט זיך אויך אנגעזען אויף זייער ציבור[קנא], אז כאטש וואס אודאי האט מען פארלאנגט פונעם ציבור צו זיין פרייליך און גוט אויפגעלייגט אין הארץ, אבער דער חיצוניות'דיגע הנהגה אינעם טעגליכן 'הלוך ילך' - איז אויך ביי די חסידים געווען מער יראה'דיג און ערנסט.

**אויסער די רבי'שע ענינים וואס ער האט געהאט דערין; ווי 'המתקת הדינים', 'הצנע לכת' וכדומה, איז אבער געווען אויך דער פשוט'ער ענין, וואס ער האט דערמיט אריינגעברענגט א 'שמחה' אינעם גאנצן ארום**

## תלמידי ר"ר אלימלך האבן ארויסגעגעבן די שמחה בפועל ממש

ביי אנדערע תלמידי בעש"ט איז געווען די הנהגה למעשה, אז די שמחה איז געווען ניכר בחיצוניות. אין זייער מחיצה איז אלעמאל געווען א פרייליכע אטמאספער און א געהויבענעם געמיט. און דאס איז אויך געווען דער דרך פון די 'תלמידי' הר"ר אלימלך זי"ע[קנב] און אזוי ווייטער,

**קנא.** היינטיגע צייטן לעבט מען זייער אויסגעמישט אלע חסידות'ן אינאיינעם אין איין שטאט, און בכלל איז היינט א קליינע וועלט, יעדער האלט מיט וואס עס טוט זיך איבעראל, און דערפאר איז היינט שווערער עומד צו זיין אויף די חילוקים פון איין מקום צום אנדערן, ווייל יעדער ווערט נשפע פונעם צווייטנ'ס מהלך. אבער ווען די וועלט איז געווען צוטיילט אויף באזונדערע געגנטער - וואס יעדע חסידות האט זיך געהאט זיין שטאט און געגענט - איז געווען שטארק דערקענבאר דעם חילוק צווישן די רוסישע מקומות, וואו די חסידים זענען געווען מער ערנסטע און רואיגע אידן, ביז די גאליציאנע און פוילישע פלעצער - וואו די חסידים זענען געווען מער פרייליכע און צוקאכטע אידן.

**קנב.** זעה דעם לשון פון הייליגן רבי'ן ר' אלימלך אין צעטיל קטן: "תיכף בתחילת היום, לשמוח על מצות ציצית, ולומר ברוך א-ל עליון וכו'". אנצומערקן: ביי רבי ר' מענדלע רימונובער זי"ע - כאטש ער איז אויך געווען פון די תלמידי ר"ר אלימלך - האט

בעיקר אין לובלין(קנג), און אזוי אויך אין ראפשיץ(קנד) און צאנז(קנה) - וואס ביי זיי איז די שמחה איבערגערינגען אינדרויסן אויף א גרויסן פארנעם, און דער גאנצער חצר איז געווען ארומגענומען מיט אן אויר פון שמחה וחדוה. אזוי אויך, די אלע צדיקים לבית סיגוט - זענען אלע געגאנגען מיטן מהלך פון אפענע שמחה(קנו), זיי

................................................................................

געהאט אן אנדערן דרך, ווייל ביי אים איז יא געווען מער א הנהגה פון יראה; ווי עס איז באקאנט פארשידענע סיפורים איבער דעם.

**קנג.** מען האט שוין אויבן (פרק ג) מאריך געווען אין די 'הנהגת השמחה' פונעם רבי'ן פון לובלין.

**קנד.** דער הייליגער רבי אייזיק'ל קאמרנער זי"ע - וועלכער איז געווען א תלמיד פונעם ראפשיצער רב זי"ע, און ער האט געשריבן אין זיינע ספרים אסאך זאכן וואס ער האט געהערט פון זיין רבי'ן - שרייבט אין דער הקדמה צום 'כתם אופיר' אויף מגילת אסתר וזל"ק: "קבלתי אצל מוריי הקדושים מורי וחמי הקדוש אור מופלא מוהר"ר אברהם מרדכי מפינטשוף ואצל מורי ורבי הגאון הקדוש בעשר מיני קדושות מוהר**"ר נפתלי מראפטשיץ**, ומעט ששמשתי לפני מורי אור צח מו"ה **אברהם יהושע העשיל ממעזביז**, וכל אלו הקדושים קבלו מרבן הקדוש קודש קדשים **מוהר"ר אלימלך** אור שבעת הימים, היאך לישמר מקליפה זאת וקבלתי מהם מפה אל פה כמה הנהגות היאך **להיות לו לב נשבר באלף שברים לפני השם יתברך 'ומלא אורה ושמחה'**, ובחכמתם הרמה ובקדושתם וטהרתם באו למדריגת 'אין' וניצלו מכל".

**קנה.** עס איז באקאנט אז די גאנצע עבודה אין צאנז, איז אלעס געווען מיט א התלהבות און שמחה. אויך איז באקאנט דאס ווארט וואס דער צאנזער רב האט נאכגעזאגט וואס ער האט געהערט פון רבי'ן פון לובלין, אז 'משנכנס אב ממעטין' - מען איז ממעט די סטרא אחרא, 'בשמחה' - דורך שמחה. און **דער צאנזער רב האט אויסגעפירט**: ווען איך האב עס איבערגעזאגט פארן שווער (דער ברוך טעם) האט עס אים נישט געשמעקט, און ער האט געזאגט: **"חסידים, חסידים, אלעמאל איז מען פארנומען מיט שמחה...". אבער פאר מיר איז דאס ווארט געווען ווי מען שמירט פוטער!"**.

**קנו.** איבער דעם ענין שרייבט דער ישמח משה: (שה"ש א, ב) : "כי טובים דודיך מיין, נ"ל דיש שני מיני עובדים, כת א' אומרים תמיד תפלות ותחינות ומתפללים ובוכים וצמים, **ויש כת אחר עובדים בשמחה רבה 'תמיד' בשירות ותשבחות**, ובוודאי שניהם כאחד טובים, אך **איזה משובח יותר**, ואיזה מין עבודות חביב יותר, לזה אמר כי טובים דודיך', היינו **המתענגים ושמחים באהבתו מיין"**. אויך שטייט אין קדושת יום טוב (פר' ויצא ד"ה ויחלום): "האדם צריך להיות בכל עת באופן שלא יעלה עליו שום ענין מדת העצבות, **רק שיהיה 'בכל עת' בשמחה רבה** לעבודת השם, ועי"ז לא יאונה אליו רעה וכו', שעל ידי השמחה יעלה האדם במעלה עוד יותר מן המלאכים". אויך איז דא א בריוו פונעם לאפאש'ער רב רבי משה דוד ט"ב זצ"ל, וואס ער שרייבט צום רבי'ן זי"ע בזה"ל: "שמעתי ממורי זקיני [הייטב לב] זללה"ה, אשר אמר

פלעגן זיך ווערטלען און אלעמאל שאפן גאר א פרייליכע אטמאספער ארום זיך.

## דער רבי האט ארויסגעשטראלט מיט זיין 'צהלת פנים'

דער רבי ז"ל ווען פון זיינע אבות הק', און פון 'צאנז' און 'למעלה בקודש' - איז געווען גאר שטארק אין דעם ענין פון 'שמחה', וואס אפילו בחיצוניות איז ער אלעמאל געווען מיט א 'מאור פנים', פרייליך און לוסטיג, און כידוע האט דער רבי אלעמאל געמאכט ווערטלעך - אפילו אין גאר ערנסטע זמנים; ווי עס איז ברייט באקאנט צענדליגער ווערטלעך און שארפע ווערטער - וואס דער רבי פלעגט זאגן בכל עת מצוא. וואס אויסער די רבי'שע ענינים וואס ער האט געהאט דערין; ווי 'המתקת הדינים', 'הצנע לכת'[קנז] וכדומה, איז אבער געווען אויך דער פשוט'ער ענין, וואס ער האט דערמיט אריינגעברענגט א 'שמחה' אינעם גאנצן ארום. און אזוי ווי עס דערציילן די אלע עלטערע אידן וועלכע געדענקען דעם רבי'ן פון די געזונטע יארן, אז אלעמאל פלעגט מען שמייכלען ארום דעם רבי'ן! עס פלעגט שטענדיג הערשן ארום דעם רבי'ן א געוואלדיגע אויפגעלייגטע מצב און א פרייליכע אטמאספער.

## מען האט געזען א התגלות פון 'שמחה של מצוה'

וויפיל ביים רבי'ן איז אלעמאל געווען אן השראה פון שמחה - איז דאס געווען פי כמה ווען עס איז געקומען צום ענין פון 'שמחה של מצוה'[קנח]; ווי דער רבי

---

על אביו - דודי הגה"ק [הקדויו"ט] זללה"ה, כי הוא איש חי"ל, ונתנסה כמעט בנסיונות יותר מאברהם אבינו ע"ה, ועם כל זה עוד זכור אזכרהו **'אשר תמיד היתה צהלתו בפניו', ובדברו מלל משחוק**, פתח בחכמה את פיו".

**קנז.** וואס דאס איז געווען איינע פון די נקודות וואס דער רבי האט געהאט פון 'ראפשיץ', צו באהאלטן זיינע 'מדריגות' אין ווערטלעך; ווי מען האט שוין אויבן גערעדט באריכות.

**קנח.** אין איינע פון די יארן ביים סדר נאכט, בשעת ווען דער רבי האט זיך אנגעטון דעם קיטל - האט ער דערמאנט דעם באקאנטן טעם, אז מיט דעם דערמאנט מען דעם 'יום המיתה'. אבער כדרכו איז דער רבי נישט געבליבן מיט דעם, נאר ער האט אויסגעפירט מיט חיזוק און שמחה: "מיר דארפן זיין בשמחה אז מיר לעבן נאך, און האבן נאך די זכיה צו מקיים זיין מצוות און מעשים טובים און מאכן א נחת רוח פארן באשעפער!". און אט דאס איז געווען דעם רבי'נס מהות, אז אלעס איז צוגעגאנגען מיט א אויפגעלייגטע און פרייליכע מצב. (מתוך קונטרס דולה ומשקה להגה"ח ר' מרדכי דוד קאהן ז"ל).

שרייבט א לשון (בתשובות יו"ד סי' פ"ב): "ונודע כי שמחת המצוה גדולה מהמצוה עצמה". און דאס האט מען טאקע געזען בחוש, ווי יעדעס מאל ווען דער רבי האט מקיים געווען א מצוה, אדער געלערנט תורה וכדומה - איז ארויסגעקומען זיין 'שמחה של מצוה' מיט א געוואלדיגע 'התגלות'. און דאס האט דערמאנט דעם צאנזער שטייגער, וואס די גאנצע עבודה איז צוגעגאנגען מיט א פייער און א קאך פון שמחה של מצוה. אזוי אויך, די גרויסע עבודה וואס דער רבי האט אראפגעלייגט ביי די 'הקפות' פון 'שמחת תורה' - וואס דאס איז דער טאג ווען עס נעמט זיך צוזאם די 'שמחה של מצוה' פון א גאנץ יאר.

**פון איין זייט, האט דער רבי אריינגעברעגנט זיך ארומצודרייען מיט א צובראכן הארץ, און גע'חזר'ט כסדר אז 'אונז זענען גארנישט', און פון צווייטן זייט, האט דער רבי אריינגעשיינט אין די גאנצע סביבה א שמחה און געהויבנקייט**

## אויב קומט זיך אים גארנישט – קען ער זיין פריילך מיט יעדע קלייניקייט

מען האט שוין פריער גערעדט, אז 'ענוה' איז נישט קיין סתירה מיט 'שמחה', נאר אדרבה, דייקא פון 'ענוה' און 'שפלות' - ווערט מען פריילך, ווייל דעמאלט פריידט מען זיך מיטן 'עצם קדושת המצוה', און נישט מיט די אייגענע הצלחה. נאכמער, עס איז גארנישט מעגליך צו זיין בשמחה - נאר אויב מען האט דעם 'שפלות רוח', ווייל ווילאנג מען האט א 'גבהות הלב' און מען שפירט זיך ווי א 'יש' און חשוב'ע מציאות - דרייט מען זיך ארום פארביטערט און פארווייטאגט אויף די גאנצע וועלט, וואו מען גייט און שטייט זעט מען בלויז פראבלעמען: 'עס קומט זיך מיר מער', 'יענער איז מיר נישט געווען מכבד', 'איך וואלט געקענט טון בעסער' וכדומה. ווידער אבער, טאמער איז מען ביי זיך גארנישט - פריידט מען זיך מיט וואס מען פארמאגט און מען דארף נישט גארנישט! אלץ וואס מען האט יא - איז א ספעציעלע 'צוגאב' און 'מתנת חנם'! אלעס איז גוט און געוואלדיג!

## דער שילוב וואס דער רבי האט צוזאמגעפלאכטן 'לב נשבר' מיט 'שמחה'

אט דאס איז געווען דער לימוד וואס דער רבי האט אונז אריינגעגעבן - וואס **דאס איז געווען די ריכטיגע צורה און מהות פון פארצייטישע חסיד'ישע אידן: פון איין זייט, האט דער רבי אריינגעברעגנט זיך ארומצודרייען מיט א צובראכן הארץ, און**

**גע'חזר'ט כסדר אז 'אונז זענען גארנישט'**, און אז 'מיר האבן נישט קיין שום אייגענעם כח און מציאות', און אז 'מיר האבן נאכנישט זוכה געווען צו טון אמת'דיג רצון השם'. און פון צווייטן זייט, **האט דער רבי אריינגעשיינט אין די גאנצע סביבה א שמחה און געהויבנקייט**, און די אלע 'דיבורי שפלות' האבן בכלל נישט געברענגט קיין שום 'מיעוט שמחה'.

**דייקא פון דארט – פונעם צובלוטיגטן און צובראכן הארץ אויף 'שברי שברים' – האט ער זיך געגעבן א ווארף ארויף אויפן אויבערשטן מיט א געוואלדיגן בטחון אז דער אויבערשטער וועט זיך מרחם זיין אויף אונז**

## דער שילוב וואס דער רבי האט צוזאמגעפלאכטן 'שפלות' מיט 'בטחון'

די זעלבע זאך כלפי דעם ענין פון 'חיזוק' - האט דער רבי ביי זיינע הייליגע תורות - ובפרט ביי שלש סעודות - משלב געוועןביידע כוחות אויפאיינמאל: פון איין זייט, האט ער גאר שטארק געפאדערט פון דעם ציבור, אז מען דארף וויסן ווי שפל'דיג מיר זענען און ווי ווייט מיר זענען פון תשובה שלימה, וכדומה. אבער עס איז נישט געבליבן ביי דעם צובראכנקייט, נאר **דייקא פון דארט - פונעם צובלוטיגטן און צובראכן הארץ אויף 'שברי שברים' - האט ער זיך געגעבן א ווארף ארויף אויפן אויבערשטן מיט א געוואלדיגן בטחון אז דער אויבערשטער וועט זיך מרחם זיין אויף אונז** און וועט אונז מקרב זיין צו עבודת ה'(קנט).

---

**קנט.** עס איז באקאנט, אז דער רבי האט זייער געגליכן דעם ספר 'ישמח ישראל'; ווי דער רבי אליינס האט זיך אמאל אויסגעדרוקט צום סאדאוונער רב זצ"ל, זאגנדיג אויפן ספר ישמח ישראל: "איך טרעף מיך דארט". אויך האט דער רבי זיך אמאל אויסגעדרוקט צו הרה"ק ר' איציקל אמשינאווער זצ"ל: "איך בין דעם ישמח ישראל'ס א חסיד".

אויך האט מיין זיידע הרה"ח המפורסם ר' הערשל סופר ז"ל פון אנטווערפן דערציילט, וואס ר' איטשע פריילין - דער ראש הקהל פון 'קהל מחזיקי הדת' אין אנטווערפן, וואס ער איז געווען אן אלכסנדר חסיד - האט אים דערציילט, אז ווען דער רבי איז אמאל געווען אין טאראנטא איז ער איינגעשטאנען ביי א געוויסן נגיד, און דארט אין זיין ספרים שטוב האט דער רבי געטראפן דעם ספר 'ישמח ישראל', דער רבי האט אריינגעקוקט דערין און עס איז אים זייער געפאָלן, האט ער געזאגט פארן בעל הבית, אז זיין ברודער דער עצי חיים זצ"ל איז אמאל געפארן אויף שבת צום 'ישמח ישראל', און ער האט אים געבעטן ער זאל אים בארגן דעם ספר אויף א שטיק צייט. דער גביר האט מסכים געווען, אבער נאר בתנאי אז דער רבי זאל דאס נישט פארבארגן פאר

## דייקא פונעם געוואלדיגן 'אין לנו על מי להשען' קומט ער צו צום 'אלא על אבינו שבשמים'

ווען מען איז זיך מתבונן זיין אינעם רבי'נס תורות - און בפרט אין די שובבי"ם תורות -זעט מען אז דאס גייט ממש אויף דעם מהלך: קודם איז דער רבי שטארק מעורר אויפן 'שפלות הדור' און ער ברענגט אריין דעם 'אמת', אז יעדער איינער זאל שפירן זיין אמת'דיגן מצב און דרגא - ווי ווייט ער איז פונעם ריכטיגן עבודת ה'. דערנאך הייבט ער אָן אריינצוגיין אין געוואלדיגע דיבורים פון 'כיסופין', 'השתוקקות' און 'געגועים' צום אויבערשטן, און דער הרגש וואס ער ברענגט אריין דערמיט איז: **דייקא**

**קודם איז דער רבי שטארק מעורר אויפן 'שפלות הדור' און ער ברענגט אריין דעם 'אמת'. דערנאך הייבט ער אָן אריינצוגיין אין געוואלדיגע דיבורים פון 'כיסופין', 'השתוקקות' און 'געגועים' צום אויבערשטן**

א צווייטן, און דער רבי האט עס טאקע מיטגענומען מיט זיך. שפעטער איז דער גביר אמאל געווען אין ניו יארק, איז ער אריינגעקומען צום רבי'ן, און בתוך הדברים האט ער געפרעגט איבער זיין ספר, האט אים דער רבי געזאגט, אז ער האט עס פארבארגט פאר איינעם. יענער גביר האט זיך זייער געוואונדערט דערויף, ער האט זיך דאך אויסגענומען מיטן רבי'ן עס נישט צו פארבארגן פאר קיינעם? אבער דער רבי האט זיך באלד מסביר געווען: "איינער מיטן נאמען 'זינגער' איז דא געווען און זיך פארגעשטעלט אז ער איז אן אייניקל פונעם 'תפארת שמואל', האב איך אים געבעטן אז ער זאל איבערדרוקן דעם ספר 'ישמח ישראל' נאכאמאל, האט ער מיר געזאגט אז ער האט נישט דעם ספר ווייל עס איז א 'יקר המציאות'. דערפאר האב איך אים פארבארגט דעם ספר און אויך האב איך אים געגעבן א גרויסן סכום געלט עס איבערצודרוקן, און איך בין געווען זיכער אז אויף אזא זאך וועט איר זיכער נישט מקפיד זיין".

אויבנאויף איז דאס א גרויסע פלא, ווייל דער 'ישמח ישראל' איז געווען פון די פולישע צדיקים - וועלכע איז אינגאנצן אן אנדערער חדר ווי דעם רבי'נס גזע. אבער אינ'אמת'ן, ווען מען לערנט די שובבים תורות פונעם רבי'ן - איז עס זייער פארשטענדליך, ווייל דער גאנצער ספר ישמח ישראל לויפט מיט דעם זעלבן שניט, אז פון אין זייט, דארף דער מענטש וויסן זיין אמת'דיגע שפלות, און אז די גרעסטע מדרגה פון א איד איז ווען ער איז זוכה אמת'דיג צו שפירן אין הארץ אז ער איז גארנישט. און דוקא 'פון' דער טיפסטע צובראכנקייט און שפלות רוח - ווערט מען נתחזק צו זיין פול מיט תקוה און השתוקקות צום אויבערשטן, און זיך אינגאנצן פארלאזן אויף סייעתא דשמיא.

**ווייל מיר זענען אזוי פארלוירן און פארלאזט - האבן מיר נישט צו וועמען זיך צו ווענדן, נאר בלויז משתוקק זיין צום רבונו של עולם און 'נאר' ער וועט אונז העלפן!** און אט דאס גיבט אונז א געוואלדיגן 'חיזוק' און שטארקייט, וויבאלד מיר גלייבן באמונה שלימה אז 'ישועת ה' כהרף עין', און 'אלמלא הקב"ה עוזר לו לא היה יכול לו'.

## די שמחה ביים רבי'נס מענטשן - אָן קיין משהו 'קלות ראש'

דער רבי האט אויסטערליש מצליח געווען אריינצובורענגען ביי זיינע תלמידים און חסידים דער נקודה פון 'שמחה'; ווי מען זעט בחוש(קס), אז ביים רבי'נס מענטשן

---

**קס.** עס איז אמאל אויסגעקומען ארומצוגיין נאך געלט מיט א מנהל המוסדות פון ארץ ישראל, וועלכער איז דאס ערשטע מאל דא געווען. בין גברא לגברא האבן מיר זיך צוגעשארט צו א קופקע אין קאווע שטיבל, וואו עס זענען געשטאנען און געשמועסט א כולל אינגערמאן א תלמיד חכם, א באלבאטישער איד, א בחור און אן עלטערער איד, און צוזאמען האט מען גערעדט 'דברים העומדים על הפרק'. די ערשטע צוויי דריי מינוט האבן זיי זיך אריינגעזאגט און געווערטעלט איינער מיטן אנדערן, עס איז געגאנגען אהין און צוריק, און יעדער האט געשמייכלט. שפעטער האט זיך איינער אנגערופן איבער עפעס א געוויסע 'פירצה' און באלד האבן זיי זיך אלע גענומען 'קאכן' און 'ווייטאגן' אויף די מהרסים וועלכע ברעכן דורך דעם גדר הקדמונים, און דאס האט אנגעהאלטן פאר עטליכע מינוט. דערנאך האט זיך דער שמועס געדרייט ארום דעם 'מצב הדור', ווי יעדער האט זיך גענומען באוויינען דעם מצב, אז 'היינט איז גארנישט דא' און אז 'די היינטיגע אינגעלייט ווייסן ניטאמאל וואס עס פעלט זיי'. און דערנאך האבן זיי זיך גענומען רעדן אז 'אין לנו שיור רק התורה הזאת און היינט קען מען אויך לערנען און דאווענען', און אז 'מען דארף זען צו טון אונזער'ס און דער אויבערשטער וועט העלפן', דערנאך ווען זיי האבן אונז באמערקט דעם מנהל המוסדות עטה"ק, האט מען אים אנגעהויבן אויספרעגן איבער וואס ער איז דאהי, און באלד האבן זיי אנגעהויבן מטכס עצה צו זיין, וויאזוי מען קען העלפן דעם איד.

> **עס איז געגאנגען אהין און צוריק, און יעדער האט געשמייכלט. שפעטער האט זיך איינער אנגערופן איבער עפעס א געוויסע 'פירצה' און באלד האבן זיי זיך אלע גענומען 'קאכן' און 'ווייטאגן' אויף די מהרסים וועלכע ברעכן דורך דעם גדר הקדמונים**

דער איד איז ארויס פון התפעלות פון דעם שמועס, און ער זאגט מיר: "עס איז נישט צום גלייבן די 'הפכיות' וואס איך האב דא צוזאמגעהערט, דא 'ווערטלען' זיי זיך אין גרויסן, נאכדערצו, אז אלע רעדן 'שוה בשוה' כאילו זיי זענען אויפן זעלבן דרגא און

ערלויבט מען זיך צו מאכן א ווערטל און געבן א שמייכל, עס איז נישטא קיין אנגעצויגנקייט און איבריגע ערנסטקייט, נאר אלעמאל הערשט אין דער לופט א געוויסע סארט לויזקייט און לעבהאפט. אבער פון צווייטן זייט, האט דאס נישט קיין שמעק פון 'קלות ראש' און עס נעמט גארנישט אוועק פונעם ערנסטקייט און ברען צו יעדן דבר שבקדושה, ווייל דאס האט דער רבי ארייגעברענגט שטענדיג אין זיין גאנצע סביבה, צו זיין גוט אויפגעלייגט, אבער ברענען און לוחם זיין פאר יעדן 'אות' פון די תורה הקדושה.

✦

## די צוויי יסודות החסידות מסינ"פ פאר תורה און פאר א צווייטן איד – געבינדן מיט די אויבנדערמאנטע יסודות

עס איז באקאנט וואס דער רבי האט געזאגט: דער יסוד פון חסידות איז צוויי זאכן: **א** - 'מסירת נפש' פאר יעדן סעיף אין שלחן ערוך. **ב** - 'מסירת נפש' צו טון א טובה פאר א איד(קסא). נאך דעם גאנצן שמועס ביז אהער קען מען דאס בעסער

יארגאנג, (ביי זייערע מקומות איז נישטא אזא מושג, אז מען זאל רעדן אלע דרגות און גילים צוזאמען, כאיש אחד בלב אחד), און דא פלוצלינג ברענען זיי פאר 'קנאות', דא זענען זיי אזוי צובראכן און גארנישט, און דא זענען זיי זיך אזוי מחזק, און דא פלוצלינג נעמען זיי זיך עוסק זיין מיט א איד וועמען זיי קענען נישט פון פריער און ער איז אינגאנצן נישט פון זייער קרייז. דאס איז ביי מיר א 'חידוש פלא' וואס איך האב נאך אזא אינטערסאנטע צוזאמשטעל נישט געזען אין מיין לעבן!".

אנשטאט צו ענטפערן און יענעם מסביר זיין באריכות – **איז דעמאלט אריינגעקומען א מחשבה; ווי "גיי לערן ברטנורא מיט א...". אויב איז ער נישט אויפגעוואקסן דא, וועט ער קיינמאל נישט פארשטיין דעם 'כוחו של אותו זקן' וואס ליגט דא!** דער 'חידוש פלא' איז נישט געשען פון זיך אליינס, נאר דא איז פאראן איינער וועלכער האט געקנעטן דעם טייג און אויסגעפארעמט דעם פראדוקט! דאס זעט זיך ארויס דער 'כח השראה' וואס איז נאכאלץ געבליבן פונעם רבין ז"ל און וואס ליגט אין זיינע מענטשן! דא טאפט זיך א מין ריינע אידישקייט – וועלכע איז סובל אלע 'קצוות' פון אלערליי ווינקלען, דא איז דא דער ברען לכל דבר שבקדושה, דא איז דא דער 'ביטול' און דער 'צוזאמענארבעט' פון אלע סארטן שיכטן און יארגענג צוזאמען, דא איז דא דער 'מדת השמחה' און דא איז דער 'מדת החסד והצדקה', און אלעס קנעט זיך אינאיינעם אויף אן אויסערגעווענליכן אופן.

**קסא.** דער רבי האט אמאל געזאגט: "פארוואס פלעגט מען אמאל רופן די צדיקים מיטן

פארשטיין, ווייל דער ערשטער יסוד, צו האבן 'מסירת נפש' פאר יעדן סעיף אין שלחן ערוך - דאס איז דאך ממש דער ענין פון 'זיין בטל צו די תורה', און אז 'נאר די תורה איז אלעמאל דער קובע' - וואס דער רבי האט דאס ממשיך געווען פונעם הייליגן צאנזער רב; ווי גערעדט באריכות אויבן. דער צווייטער יסוד, צו גיין מיט 'מסירת נפש' צו טון א טובה פאר א איד - דאס איז א תוצאה פון דעם וואס מען לעבט מיט הכנעה און צובראכנקייט[קסב], און מען איז נישט פארנומען צו בויען דעם 'ישות' און דעם 'זיך', נאר מען גייט ארויס פון 'זיך' כדי צו העלפן 'יענעם'. און אויך ליגט אין דעם די נקודה וואס מען האט אויבן גערעדט, אז דער רבי האט אריינגעברענגט דעם ריינקייט אין 'קודשא בריך הוא ואורייתא וישראל' - נישט צו מאכן קיין אונטערשייד צווישן איין איד און דעם צווייטן, נאר זוכן צו העלפן יעדן סארט איד בלי שום חילוק.

דער רבי איז דאך געווען דער צדיק וועלכער האט צוגעגרייט דעם כלל ישראל מיט אלע 'יסודות הדת' וואס מען דארף האבן אין דעם לעצטן דור אינעם גלות

✦

דער אויבערשטער זאל העלפן, אז מען זאל זיך קענען האלטן אין דעם רבי'נס דרך, און מיט דעם וועט מען מעורר זיין דעם רבי'נס זכות און כח ההשפעה; ווי דער רבי אליינס האט געזאגט אמאל א געוואלדיגער חידוש (נדפס בחידושי תורה - מסיבות), אז מה-דאך ווען מען זאגט נאך א 'מימרא מפיו' איז מען גורם צום 'שפתותיו דובבות בקבר' - כל שכן ווען מען גייט אינעם 'דרך' פונעם צדיק, איז מען אודאי גורם אז זיין השפעה זאל ווייטער נמשך ווערן אויף דער וועלט פונקט ווי בחיים חיותו.

דער רבי איז דאך געווען דער צדיק וועלכער האט צוגעגרייט דעם כלל ישראל

---

נאמען 'גוטע אידן'? ווייל זיי זענען געווען גוט צו יעדן איד! זיי זענען אלעס גרייט געווען אוועקצוגעבן פאר א צווייטן איד, אפילו דאס אייגענע העמדל!". (עזר בקודש).

**קסב.** עס איז געווען א געוויסע תקופה, וואס יעדן ראש חודש פלעגט דער רבי מכבד זיין מיט 'מוסף' א געוויסן 'בנן של קדושים'. יענער איז נישט געווען קיין 'בעל תפלה', און מענטשן זענען געקומען צום רבי'ן זיך אפרעדן דערויף. האט זיי דער רבי געענטפערט מיט דעם לשון: "ווען איך וועל ארויפקומען אויף יענעם עולם, וואס וועל איך זאגן? איך האב דאך גארנישט קיין מעשים טובים! איין זאך וועל איך קענען זאגן, אז איך האב מקרב געווען א צובראכענעם בנן של קדושים. נו, ווילט איר מיר דאס אויך צונעמען?". (הגה"צ רבי שמואל טייטלבוים זצ"ל אבד"ק טשענסקאוויטץ פלעטבוש, בקונטרס חסידים הראשונים ח"ב עמ' ל"ג)

מיט אלע 'יסודות הדת' וואס מען דארף האבן אין דעם לעצטן דור אינעם גלות, און מען זעט דאך קלאר אז מען האלט שוין היינט ביי די לעצטע תקופה פאר ביאת המשיח, ממילא, דארף מען זיך שטארק אנהאלטן אינעם רבי'נס דרך, און מיט דעם וועט מען זוכה זיין מקבל צו זיין פני משיח צדקינו במהרה בימינו, אמן.




LNV-26082026